STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11282

IN SIBIRER FARSHIKUNG

Itzik Kapitanov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איציק קאַפּיטאַנאָוו

☆

אין סיביר פֿאַרשיקונג

איציק קאַפּיטאַנאָוו
1978 — 1911

איציק קאַפּיטאַנאָוו

אין סיבירער פאַרשיקונג

ראָמאַן

ה. לייוויק־פאַרלאַג
בײַם פאַראיין פון ייִדישע שרײַבער
און זשורנאַליסטן אין ישׂראל
תל־אביב 1983 תשמ״ג

ITZIK KAPITANOV
IN SIBIRER FARSHIKUNG

H. Leivik Publishing House
30 Dov Hoz Str.
Tel-Aviv 63416

ה. לייוויק־פֿאַרלאַג
רח׳ דב הוז, 30, תל־אביב 63416

*

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פֿון
פֿאַראיין פֿון יידישע שרייבערס און זשורנאַליסטן אין ישראל
וועלטראַט פֿאַר יידיש און יידישער קולטור
ליטעראַטור־פֿאָנד א״נ פֿון רבקה און יהושע גאָלדבערג
קרן זגגי
לעאָן רייך, פֿראַנקפֿורט

*

נדפס בישראל, תשמ״ג
©
Printed in Israel, 1983

דפוס „אור״ בע״מ, שד׳ הר־ציון 104, טל. 422481, תל־אביב, ישראל

פאַר מיין פרוי
און מיינע קינדער —
דער מחבר

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, מאיר שליאַכאָוואָי, פון שלאָף, אַ באַגאָסענער מיט אַ קאַלטן שוויס. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט, ווי מען וואָלט געזעצט אין דעם מיט אַ האַמער. אין די אויערן האָט נאָך געקלונגען אַ פרעמד כריפּענדיק קול. וואָס האָט געוואָלט פון אים, דאָס קול? ס'האָט געשראָקן? ס'האָט געוואָרנט? מאיר האָט האַלב געעפנט זיינע פאַרשלאָפענע אויגן און דורך די שמאָלע שפּאַרונקעלעך אין די ציטערנדיקע, בליי־שווערע אויגן־דעקלעך דערזען דעם קוואַדראַט פונעם פענצטער, פאַרהאָנגען מיט אַ טונקל טוך, באַשאָטן מיט שטעכיקע גאָלדענע, ווייסע, בלויע שפּרענקעלעך...

ער האָט מיט אַלע כוחות געפּרוווט זיך דערמאָנען דעם חלום, פון וועלכן ער האָט ניט געדענקט קיין איינציקן דעטאַל, נאָר געוווסט, אַז דאָס איז געווען אַ חלום פול מיט אימה. זיין מוח איז געווען פוסט. אין האַרץ, אונטערן לעפעלע האָט ער געפילט אָנוואַקסן עפּעס שווערס, דריקנדיקס.

ער האָט זיך האַלב אויפגעזעצט, אָנגעלענט אויפן עלנבויגן און אַ קוק געטאָן אויף רייזלען, זיין פרוי. זי האָט שטיל און רעגלמעסיק געאָטעמט. פון איר האָט געשמעקט מיט מילך ווי פון אַ זויגקינד. אין וויגעלע ביי איר זייט איז געשלאָפן דאָס דריי־חדשימדיקע מיידעלע. אין בעטל אַקעגן איבער, צוגעשטופּט צו דער וואַנט, זענען געשלאָפן אַנדערע צוויי, אַ געמיש פון הענטלעך, פיסלעך, צונויפגעפלאָכטענע, אין דער פרי וועט רייזעלע זיי קוים צעפלאָנטערן, פונאַנדערנעמען, באַפרייען איינס פונעם אַנדערן.

פאַר וואָס האָט ער געטראַכט, פילט ער נישט היינט די פרייד ווי יעדן אין דער פרי, ווען ער פלעגט עפענען די אויגן און דערזען אַרום זיך זיין הויגעזינד? פאַר וואָס פילט ער אינעווייניק אַזאַ קעלט, אַן אומבאַקאַנטע קעלט? און פאַר וואָס איז ער באַהערשט פון אַזאַ גלייכגילט?

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן. דער מח האָט שטאַרק געאַרבעט. וואָס איז דאָס געווען פאַר אַן אימהדיקער חלום, פון וועלכן ס'איז אים גאָרנישט ניט געבליבן, קיין שפּרענקעלע, אַחוץ אָט די שווערקייט אויפן געמיט — אַ דריקנדיק שווערער שטיין?

ער איז אַראָפּ פונעם בעט, זיך אַרומגעוואַשן אין געאייל, אָפּגע־כלעפּטשעט אַ גלאָז טיי און אַוועק אויף זיין אַרבעט.

ער האָט דורך אַ פענצטערל דערלאַנגט זיין אַריינגאַנג־שיין, ווי געוויינלעך. און אים האָט זיך געדאַכט אַז דער קאַפּיטאַן אושאַקאָוו וואָס

האָט דעזשורעט, האָט עפּעס צו פיל געדרייט דעם שיין פון אַלע זייטן, געכאַפּט אַ קוק אויף מאירן, ווי ער וואָלט אים זען צום ערשטן מאָל און ווי ער וואָלט חושד געווען, אַז עפּעס איז אין דעם געפעלשט. ער האָט ווי אַן חשק, שווייגנדיק אים צוריקגעקערט דעם דאָקומענט.

דער שטיין אונטערן לעפעלע איז געוואָרן נאָך שווערער.

אין האַלב־טונקעלן האָל, ביי די טרעפּ איז געשטאַנען אַ פרוי אין גאַנצן אין שוואַרצן. מאיר האָט זי דערקענט. דאָס איז געווען אַנאַסטאַסיע איוואַנאָוונאַ, די פרוי פון איוואַן קירילאָוו, דער פאַרוואַלטער פון די קאַנצעלאַריעס. איבער נאַכט האָבן ביי דער סימפּאַטישער פרוי זיך געמאַכט שוואַרצע רינגען אונטער די אויגן. מאיר האָט זיך געוואָלט דערנענטערן צו איר, זאָגן איר אַ גוט מאָרגן, נאָר זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין. איז ער זי פאַרבייגעגאַנגען, אַ פאַרציטערטער. אויף די טרעפּ האָט אים דעריאָגט דער ערשטער סעקרעטאַר פונעם קרייז־קאָמיטעט און אָנגענומען ביים אָרעם:

— קום אַרויף אַ ביסל צו מיר...

אַריינקומענדיק אין קאַבינעט, איז דער סעקרעטאַר אַנידערגעפאַלן אויפן פאָטעל אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער. ער האָט מיט ביידע הענט אַרומגעכאַפּט זיין גרויסן קאָפּ מיט די געדיכט געקרייזלטע שוואַרצע האָר און געשוויגן, ווי ער וואָלט איינגעשלאָפן. דער קאַבינעט איז געווען אַ לאַנגער, אַ שמאָלער. כמעט יעדן טאָג פלעגן דאָ פאָרקומען זיצונגען. דאָ איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש, באַדעקט מיט אַ רויטן טוך און אַרומגעשטעלט מיט אַ סך דעמבענע בענקלעך. אויף דער וואַנט אַקעגן זיין שרייבטיש — סטאַלינס פּאָרטרעט אין זיין גאַמידלעכער גרויס, אין גענעראַליסימוס־בגדים. אַ ביסל אין אַ זייט — לענינס אַ קליין בילד, ווי ער שטייט אין היטל, די גראָבע פינגער פון ביידע הענט אַריינגעשטעקט אין די וועסטל־קעשענעס.

— טאַק, טאַק, טאַק — האָט אַ זיפץ געטאָן דער ערשטער סעקרעטאַר אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט פאַרשכּהלט זייער וויכטיקע מחש־בות. זיינע תמיד בלישטשענדיקע אויגן, האָבן איצט אויסגעזען ווי אָפּגע־בליאַקעוועט. אין איין רגע האָט ער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ זקן. — טאַק, טאַק, טאַק... נעכטן אים, מאָרגן — מיך, און איבערמאָרגן...

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיט זיין ריזיקן קאָפּ, ווי ער וואָלט וועלן אַראָפּטרייסלען די מיט כפירה שמעקנדיקע געדאַנקען.

— נו, צו דער אַרבעט! זיי נישט קיין גאַסט...

אַריינקומענדיק צו זיך אין קאַבינעט האָט מאירן באַגעגנט אַ קאַלטע, אומהיימלעכע שטילקייט. ער איז אַ רגע דערשטוינט געבליבן שטיין ביי

דער טיר, נאָר באַלד זיך גענומען אין די הענט און מיט אַ געמאַכטן פריילעכן טאָן אויסגעשריגן:

— אַ גוט מאָרגן, חברים!...

גישט אויסגעבנדיק די אייגענע צעטראָגנקייט, האָט ער מיט זיכערע טריט צוגעשפּאַנט צו זיין שרייבטיש, אָבער געפילט האָט ער אַז אין דער לופט הענגט עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט ביז דעם טאָג נישט געקענט. איינער האָט געקוקט אויפן צווייטן פאַרחידושט, מורא האָבנדיק אַרויס־צורעדן אַ וואָרט וועגן דעם אומגליק, וואָס האָט זיך דערקליבן אויך צו זייער אַנשטאַלט און וועגן וועלכן זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אַ פעסטונג, אַ באַוואָרנטע אַקעגן יעדן בייז...

פיליפאָוו, אַ קליין אויסגעטריקנט מענטשל, וואָס איז נישט קוקנדיק אויף זיין טיפער עלטער, נאָך געווען רירעוודיק, ענערגיש און אַ תמיד געאיילטער, האָט הילכיק אַ סמאָטשקע געטאָן מיט זיינע דינע ליפעלעך, ווי ער וואָלט געהאַט עפּעס צו זאָגן, אָבער...

— נו, נו, — האָט מען אים געדאַרפט צוהעלפן ער זאָל אַרויסקוועטשן פון זיך דאָס, וואָס איז אים געלעגן אויף דער לונג.

— נעכטן, ווען איך בין געשטאַנען מיט וואַסילי איוואַנאָוויטשן אין האָל, איז אַריינגעקומען איינער, האָט אַרומגעקוקט די ווענט, באַהאַנגענע מיט פאָרטרעטן פון אונדזערע פירערס, און אַ פרעג געטאָן:

— און דער פאָרטרעט פון מאַרשאַל טימאָשענקאָ, ווו איז אַנטרונען?

— ער איז נישט אַנטרונען — האָט אים דערקלערט וואַסילי איוואַ־נאָוויטש. — אין שייכות מיטן רעמאָנט האָט זיך צעבראָכן דאָס גלאָז, האָב איך נעכטן געשיקט אַנגלאָזן דעם פאָרטרעט.

— נו איז וואָס? — האָבן די אַרבעטס־קאָלעגן געפרעגט.

— ביי נאַכט האָט מען אים גענומען...

☆

היינט — מיך, מאָרגן — דיך, האָט מאיר געטראַכט, שפּאַצירנדיק איינזיקער אַליין מיט זיינע טרויעריקע מחשבות אין פּראַכטיקן פּאַרק, לענג־אויס דעם ברעג פון קאַספּישן ים. „ביי נאַכט האָט מען אים גענומען"... דער זאַג האָט געזשומעט אין זיין מוח ווי אַ זלידנע, צוגעגעסענע פליג. „ביי נאַכט האָט מען אים גענומען"". אַזאַ פּשוטער זאַג. אַזאַ פאַר יעדן פאַרשטענדלעכער זאַג, וואָס האָט נישט געדאַרפט קיין פּירוש...

דאָ, אויף אַ באַנק, אין שאָטן פונעם „שאַמיל", האָט מאיר ליב געהאַט אָפּצורוען יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט. קיינער ווייסט נישט וויפל שאַמיל

איז אַלט. אין זיין ברייטן שאָטן, זאָגט מען, פלעגן קליינערהייט זיך שפּילן שאָמיל און כאַדזשי מוראַט. דאָ פלעגן זיי שפּעטער מאַכן זייערע געהיימע באַראַטונגען, ווען זיי האָבן אָנגעהייבן דעם נישט גלייכן קאַמף קעגן רוסישן באַצווינגער. שאָמיל האָט פאַרמאָגט אַן איבערמענטשלעכן כוח וואָס האָט דעם שונא אַריינגעוואָרפן אין אימה. כאַדזשי מוראַט איז געווען שלאַנק ווי אַ סאָסנע, העלדיש ווי אַ לייב און אומדערשראָקן אויפן שלאַכטפעלד.ביידע האָבן זיך איינגעקריצט אין זכרון פון זייער דאַגעסטאַנער פאָלק מיטן באַפרייונגס־קאַמף וואָס ביידע האָבן געפירט. נאָר פאַר וואָס האָט די ראַטנמאַכט אָנגעוואָרפן די דאַגעסטאַנער נאָר דעם נאָמען שאָמיל? צי דען דערפאַר ווייל ער האָט געשטאַמט פונעם פשוטן פאָלק, בשעת אין די אַדערן פון כאַדזשי מוראַט האָט געפלאָסן בלוי אַדל־בלוט?..

קיין באַשייד אויף דער קשיא האָט מאיר נישט געפונען, אַזוי ווי ער האָט נישט געפונען קיין באַשייד אויף אַ סך אַנדערע פראַגעס, וואָס זענען אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט ביי דער מאַכט, כאָטש אין סתירה מיט אירע דאָגמעס.

וואָס פאַר אַ רעיונות זענען נישט געבאָרן געוואָרן אין זיין מוח, בשעת ער איז געזעסן אונטערן בוים. ער האָט געקוקט אויף די כוואַליעלעך וואָס יאָגן איינע די אַנדערע צום ברעג, גיבן אַ לעק דאָס זאַמד און רוקן זיך אָפּ צוריק, און ער האָט זיך דערמאָנט דעם זיידן זיינעמס אַ זאָג: „צוויי מאָל וועסטו נישט אַריינגיין אין וואַסער פון אַ גייענדיקן טייך". דאָס וואַסער פליסט אַוועק, די צייט פליסט אַוועק. איין רגע איז נישט ענלעך צו דער צווייטער, אַזוי ווי די כוואַליעס...

אין הילצערנעם פּאַרק־בופעט האָט געשפּילט אַ פידל, און מאיר האָט זיך צוגעקוקט ווי ווייסע ליליעס קערן אויס די קעפּלעך צום בופעט, גלייך זיי הערן די מוזיק. באַלד ווי דער פידל האָט אויפגעהערט שפּילן, האָבן די ליליעס צוריק זיך אויסגעדרייט צו דער זון. מאיר האָט זיך געוווּנדערט: איז אויך ביי בלומען פאַראַן אַן אינסטינקט? אַ חוש? אַ געהער?...

ער האָט זיך אָפּגעקערט פונעם בופעט, פון די מוזיקאַלישע ליליעס און איז ווי פאַרשטאַרבן געוואָרן: פון ביידע זייטן באַנק זענען געזעסן צוויי ענקאַוועדע־אָפיצירן.

שוין! האָט אים אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק, ווי דער לעצטער זיפץ פון אַ גוסס..

איז דאָס אפשר געווען דער בייזער חלום, וועלכן ער האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען און איצטער קומט דער באַשייד? צי איז עס גאָר דער המשך פונעם קאָשמאַר? ער האָט עס דאָך פון לאַנג פאָרויסגעזאָגט.

ער האָט עס דאָך געפילט יעדע נאַכט, ווען מע פלעגט אין זיין קאָרידאָר אַנקלאַפּן אין אַ שכנותדיקער טיר...

דער אָפיציר פון דער רעכטער זייט איז געווען אין ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן. ער האָט געהאַט אַ שיין און ריין אויסגעראַזירט פּנימל, מיט פּוכיקע רויטע קינדערשע ליפּעלעך. געקוקט האָט ער אויף מאירן אויך מיט קינדערשער פאַרוווּנדערונג ווי ער וואָלט געטראַכט: אַ שרייבער מיט אַ נאָמען, שרייבט יידיש, אויך די היגע, די דאַגעסטאַנער, באַציִען זיך צו אים מיט דרך־ארץ, ווער ער מיסתּם זיין אַ האַרטער ביסן. טאָ פון וועלכער זייט וועט ער זיך איינבייסן אין אים מיט זיינע פאָרשער־ציין ?...

פון דער צווייטער זייט איז געזעסן אַ לייטענאַנט, ווייזט אויס, זיין געהילף. ער האָט אויסגעזען פאַרמאַטערט, ברוגז. אויף זיין לאַנגן און פון דער „נאַכטשיכט־אַרבעט" אויסגעגלייכטן פּנים האָבן געסטאַרטשעט צוויי גרויסע קוקערס.

די צוויי זענען צו ערשט געזעסן און געשוויגן. דערנאָך האָט דער שמייכלענדיקער קאַפּיטאַן אַרויפגעלייגט זיין אויסגעכאָליעט הענטל מאירן אויף דער פּלייצע און אַ זאָג געטאָן:

— איר האָט נישט קיין חשק אַ ביסל זיך דורכצושפּאַצירן ?

מאיר האָט זיך אויפגעהויבן אָן חשק, נישט זאָגנדיק קיין וואָרט. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אַזוי פּשוט, געוויינלעך, ווי ער וואָלט עס שוין דורכגעמאַכט הונדערטער מאָל. ער האָט אַפילו נישט באַוויזן זיך צו דערשרעקן. די שרעק איז געקומען שפּעטער. ביים אַרויסגאַנג פון פּאַרק, האָט דער קאַפּיטאַן אים אַ זאָג געטאָן שטילערהייט, נאָר באַפעלעריש:

— זייט אַזוי גוט, און — די הענט אויף אַרונטער !...

דאָ האָבן מאירס פיס גענומען ציטערן און דאָס האַרץ איז אים אַראָפּ אין די פּיאַטעס.

זיי זענען אַרויס פון פּאַרק און זיך פאַרנומען אויף דער סטעזשקע, וואָס פירט צום „גרוילן־הויז", ווי מע רופט אין פאָלק דעם בנין פון דער ענקאַוועדע. פּלוצעם איז מאירן איינגעפאַלן, אַז די דאָזיקע סטעזשקע פירט נאָר אין איין ריכטונג: אַהין! פון דאָרט צוריק האָט זיך נאָך קיינער נישט אומגעקערט, ווי מען קערט זיך נישט אום פון דער אַנדערער וועלט... וווּהין זענען זיי אַלע אַהינגעקומען, די גייערס אין יענער ריכטונג? וועט מען אַ מאָל זיך דאָס דערוויסן?

אין קאָקאַרדע פאָרנט, איינע פון הינטן, ער — אין דער מיט. נאָר אין דמיון גייט ער אַוועק מיט אַ זייטיקן וועג צו זיך אַהיים. ער הייבט זיך אויף אויפן צווייטן שטאָק, גייט אַריין אין זיין צימער. רייזעלע, אין

אַ קורצן געבלימלטן פּאַרטעכל, לויפט אים אַנטקעגן, אַ צעשטראַלטע. זיי צעקושן זיך. דערנאָך רוקט זי זיך אַ ביסל אָפּ און זאָגט:

— זע נאַר, היינט ביסטו מיר עפּעס גאָר אַן אַנדערער...

— אַן ערגערער?

— ניין, אַ בעסערער, אַ... קליגערער...

זי נעמט אים ווידער אַרום, שפּאַרט זיך איין אין זיין ברוסט.

— וויפל איז שוין פון אונדזער חתונה? — זי טוט אַ פליעסקע מיט די הענט — און מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען ערשט נעכטן!...

אַן אויגנבליק בלויז. ער האָט זיך באַלד אויסגעניכטערט. מיט ביידע הענט פון הינטן, מעשה שטאָט־באַלעבאָס, איז געגאַנגען דער קאַפּיטאַן, געגאַנגען מיט געמאָסטענע טריט, אַ רויִק־געמיטלעכער, ווי מע גייט אויף אַ פרידלעכן אָפּרו־שפּאַציר. ער שפּיגלט זיך אין די גלאַנציקע שטיוועלעך וואָס וואַרפן אַרום זיך אַ שוואַרצן שווינדל־שימער. ער שפּיגלט זיך אויך אין זיך אַליין, אין זיין מיליטערישן ראַנג, אין זיין מאַכט איבער מענטשן אים אונטערגעוואָרפענע, ווי אָט דער לייטענאַנט מיטן ברוגזן פּנים, ווי אָט דער מיט די אַרונטערגעדרייטע הענט, וואָס האָט אַן אַ פּיפּס צו טאָן זיך אויפצעהויבן פון דער באַנק און גייט אים נאָך שווייגנדיק, ווי אַ היפּנאָ־טיזירטער. ער איז צופרידן, דער קאַפּיטאַן. ער האָט היינט אַריינגעכאַפּט אין זיין נעץ אַ וואַזשנעם העכט, כאָטש דאָס „כאַפּן" איז נישט געווען קאָמפּליצירט. מיט דער זעלבער ענערגיע און מיט די זעלבע מיטלען האָט ער עס געקאָנט טאָן נעכטן, פאַר אַ יאָרן — צו יעדער צייט...

ער גייט, סקריפּעט מיט שאַוורא־שטיוועלעך, שמייכלענדיק צו זיינע פריילעכע געדאַנקען, און מאיר שלעפּט זיך אים נאָך מיט אונטערגעבראָ־כענע פיס, וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט אַזוי ווי זיינע געדאַנקען. ער האָט געטראַכט ווי דער קאַפּיטאַן האָט עס אַרויפגעלייגט אויף אים זיין אויס־געכאַליעט ווייבעריש פּוכיקע הענטל, און אים האָט אַ ווייטיק אַדורכגענומען דעם אַקסל, ווי אַ פּודיק צעגליט שטיק אייזן, וואָלט זיך אויף אים אַרויפּ־געוואַליעט. מיט אַ זיסן שמייכל נייגט זיך דער קאַפּיטאַן צו פּאַרבייגייענ־דיקע באַקאַנטע, ווי ער וואָלט זיי זאָגן: מאָרגן קענט איר פאַר מיר ווערן פּשוטע אַרעסטאַנטן, ווי אָט דער העכט וואָס גייט מיר נאָך, און באַלד וועל איך אָפּשאָבן פון אים אַלע זיינע ליסקעס... ער ווייסט אַז זיינע באַקאַנטע האָבן נישט ליב די היטלען מיט די בלאָע דעקלעך. אויך די שכנים זענען נישט גערן, ווען ער קלאַפּט אָן אין זייער טיר און בעט עפּעס באָרגן. זיי מיידן אים אויס אויף די טרעפּ אין זייער הויז, אין גאַס. מען היט זיך פאַר אים. מען האָט פאַר אים מורא...

מאיר איז אים נאָכגעגאַנגען ביטער טראַכטנדיק, אַז ער גייט אויף

דער אייגענער לוויה. קיינער פון זיינע באַגלייטערס קוקט זיך נישט אום אויף אים און זעט נישט די שרעק אין זיינע אויגן. מאיר וווּנדערט זיך: ווי אַזוי קען נאָך שיינען די זון ווען אויף אים האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ פינצטערע נאַכט? ער גייט הכנעהדיק נאָכן קאַפּיטאַן, גלייך אַ שעפּעלע וואָלט נאָכגעגאַנגען דעם וואָלף אין זיין גאָרע אַריין, ווו ער וועט עס פאַרצוקן... ער גייט מיט דער סטעזשקע וואָס פירט אַהין אין דער ריכטונג, פון וואַנען ס'איז קיין צוריק נישטאָ.

דער ראַדיאָ־טעלער אויפן שפּיץ פון טעלעפאָן־סלופּ הודעט דאָס פייערלעכע געזאַנג: „דו מעכטיקע, געוועכטיקע!". אַ ייִנגל מיט אַ מיידל האַלטן זיך ביי די הענט, לאַכן זאָרגלאָז, ניט טראַכטנדיק אַז אָט דער קאַפּיטאַן צי אַן אַנדערער מיט אַזאַ מין היטל און שטיוול ווי דער אָ, קאָן מאָרגן איבערמאָרגן אָפּהאַקן זייער געלעכטער. יעדער איז אַ קאַנדידאַט. יעדער איז אַריינגעטראָגן אין דעם שטנס פינקס. ער האָט צייט, דער שטן. זיי וועלן פון אים נישט אַנטרינען. קיין אַנטרינונג איז נישטאָ. נישטאָ? אויך פאַר די קינדערלאַך וואָס שפּילן זיך ביים ראַנד פון טראָטואַר, און לאַכן אַזוי האַרציק? זיי שפּילן זיך, דאָס טומלענדיקע קליינוואַרג. אין וואָס? האַ? אין שפּיל פון מלחמה? אין אויסשפּירער? צי זיי חזרן איבער אין זייער שפּיל די סצענעס פון ענקאַוועדע־איבערפאַלן אין דער נאַכט אויף זייערע היימען, ווען מ'האָט אַוועקגעשלעפּט זייערע טאַטעס? זענען זיי קינפטיקע דינערס פונעם שטן, אין היטלען מיט בלאָע דעקלעך, צי גאָר זייערע קרבנות?

די סטעזשקע האָט זיך פאַרענדיקט. זיי זענען אָנגעקומען. פאַר זיי איז דער געהיימער אָפּטייל פון ענקאַוועדע אין פאַרט. דער קאַפּיטאַן האָט אים אַריינגעפירט אין אַ צימער, און איבערגעגעבן אַן אונטעראָפיציר. דאָס אויסגעטריקנטע מענטשל מיטן פּנים פון אַ מומיע האָט באַטראַכט דעם געבראַכטן מיט לאַנגווייליק־פאַרנודיעטע אויגן. מיט לאַנגווייליקע באַוועגונגען האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון אַ שופלאָד אַ בלאַנק און לאַנגווייליק גענומען אויספרעגן מאירן: נאָמען, פאַמיליע, שטאָט פון געבוירן, פראָפעסיע... נאָכן אויספילן דעם בלאַנק האָט ער אַ קוועטש געטאָן אויף אַ קנעפּל, און צוויי קאָנוואָירן זענען אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד.

— אָפּפירן אין קאַפּעזע *) — האָט לאַנגווייליק געזאָגט דער אונטער־אָפיציר.

אַראָפּגייענדיק אין קעלער, האָט מאיר גענומען ציילן די טרעפּ· וואָס

*) אָפּטייל פון פּרעווענטיוון אַרעסט.

פאַר אַ משוגענער געדאַנק, האָט ער געטראַכט, און פון דעסטוועגן נישט אויפגעהערט ציילן. וואָס איז דאָס? צי האָט ער זיך טועה געווען אין ציילן? אַזאַ טיפקייט פון אַ קעלער! פירט אין שאול־תחתיה, צום שטן? מאיר האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ רגע און זיך אומגעקוקט אַרויף, צום אַריינגאַנג, כדי זיך צו איבערצייגן, אַז ער האָט נישט קיין טעות. דערביי האָט ער געכאַפּט אַ קלאַפּ אין נאַקן:

— זיך נישט אומקוקן, נבלה!

דער קלאַפּ האָט אים אומגעוואָרפן מיטן קאָפּ אויפן צעמענטענעם דיל, און הינטער אים האָט דעם קעלער אָנגעפילט אַ הילכיקער, מיט ווידער־קולות זיך קייקלענדיקער „כאַ־כאַ” פון די באַגלייטער.

דער אויפזעער האָט מיט אַ שטיקל וואַטע אָפּגעווישט פון מאירס פנים דאָס בלוט, אַפּאַטיש איבערגעקערט אַלע זיינע קעשענעס; אַוועק־גענומען דעם קאַבינעט־שליסל, דאָס מעסערל, די שוועבעלעך און דאָס טאַבאַק־שאַכטל האָט ער אים איבערגעלאָזט, צוגענומען דעם הויזן־פּאַסעק, אַרויסגעצויגן די בענדלעך פון די שיך, אָפּגעשניטן די מעטאַל־קנעפּלעך, דערנאָך אים צוגעפירט צו אַן אייזערנער טיר, זי אויפגעריגלט, אים אַריינגעלאָזט און זי פאַרהאַקט.

מאיר איז געבליבן אַליין. די באַק און די נאָז האָבן אים ווי געטאָן. דאָס בלוט האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. ער האָט געהאַלטן אין איין ווישן זיך מיט זיין נאָזטיכל.

נו, ברודערקע, האָט ער זיך אַליין געמוטיקט, האַלט זיך! דאָס האָסטו באַקומען בלויז אַ סימבאָלישן אַדעריף. וואָס וועט נאָך נאָכקומען? ווי אַזוי וועט אויסזען דאָס נישט סימבאָלישע, האַ? ער האָט זיך אַרומגעקוקט: אַ קליין, קוואַדראַט צימערל, צוויי שמאָלע הילצערנע נאַרעס. אין ווינקל — אַ הילצערנע פּאַראַשע. פון איר איז אויפגעגאַנגען אַזאַ זויערער ריח, דערשטיקט צו ווערן. אַ הילצערנע דייזשע מיט טרינקוואַסער, אַ הילצערנע קוואָרט, צוגעקייטלט צו דער וואַנט. אויף דער סטעליע — אַ טונקל עלעק־טריש לעמפּל, איינגעפראַוועט אין אַן אייזערנער נעץ.

ערשט אין אָוונט, ווען דער אויפזעער האָט אַריינגעבראַכט אַ פּערטעלע ברויט און אַ שיסעלע זופּ, האָט מאיר זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן. אָבער דאָס ברויט און דער מלכותדיקער זופּ איז אים אין האַלדז נישט געקראָכן. האָט ער פאַררייכערט און גענומען מאַכן אַ סדר אין זיינע פאַרפּלאָנטערטע געדאַנקען: אין וואָס, אַ שטייגער, וועלן זיי אים באַשולדיקן? וואָסערע עבירות און פון וועלכן שאַכטל וועלן זיי אים אָנמעסטן, זיי זאָלן פּאַסיק זיין פאַר אים?

פלוצעם האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, ווי ער וואָלט אָנגעטראָפן אויף אַ דראָט פון הויכער עלעקטרישער שפּאַנונג.

רייזעלע! זיינע דריי קינדער! ווי אַזוי האָט דאָס געשעענע מיט אים אַ גאַנצן טאָג זיי אַרויסגעשטויסן פון זיין זכרון? ער האָט געכאַפּט, אַז אַלע מחשבות וועגן זיין זיכערקייט, פאַרשטעלן די ליבסטע נפשות פון זיין לעבן. ער האָט זיי געפילט, זיי זענען געווען דאָ אַרום אים און אין אים, נאָר פאַרהילטע אין אַ שאָטן.

— וואָס וועלן זיי איצטער טאָן, רייזעלע, מיט דריי קליינע קינדער? ווי אַזוי וועט זי לעבן? דאָס פּראָדוקטן־ביכל אין „פאַרמאַכטן מאַגאַזין", האָט מען צוגענומען ביי אים. ווי אַזוי וועט זי קריגן פּראָדוקטן? ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אין דער פרי האָט רייזעלע זיך אויפגעכאַפּט אַ צעשטראַלטע פון פרייד און גליק: „זע, נאָר, האָט זי געזאָגט, דו ביסט דאָ, און איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געבענקט נאָך דיר, אין שלאָף!"

פּשוטע ווערטער, ער וועט זיי קיין מאָל נישט פאַרגעסן. זיי וועלן אים באַגלייטן אייביק, די ווערטער: „אַ גאַנצע נאַכט געבענקט נאָך דיר אין שלאָף". און איצט, ווי לאַנג וועט געדויערן די נאַכט פון בענקשאַפט? ביט אין שלאָף, אויף דער וואָר, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דעם היינטיקן בין השמשות, נאָך דער אַרבעט...

מאירן איז געוואָרן ענג אין האַלדז פון ווייטיק און פון צער. דאָס איז געווען אַ צער און אַ רחמנות נישט אויף זיך אַליין, נאָר אויף זיין קליינעם און ליבן הויזגעזינד. ער האָט איינגעהאַלטן דאָס געוויין און דעם וויי־געשריי, וואָס האָבן זיך געריסן פון זיין צעקלעמט האַרץ, און ער האָט ווידער איבערגעחזרט אין דער הויך: „האַלט זיך מאיר, האַלט זיך!"

ער האָט טיף אין זיך אַריינגעזויגן דעם רויך פון דער „באַנקרוטקע" און ווידער זיך אָפּגעגעבן דעם פּרייען שטראָם פון געדאַנקען, וואָס האָט אים געוואָרפן צווישן זיין גאָלדענער קינדהייט און אָט דעם לעצטן גורלדיקן האָפן; און ערגעץ דאָ, שוין ביים סוף — רייזעלע, אָט דער שטערן וואָס האָט געדאַרפט אויסגלייכן זיין פאַרקרימטן וועג. דאָ, אין מאַכאַטש קאַלאַ, וווהין ס'האָט אים פאַרטראָגן לאַנג פאַרן אויסבראָך פון דעם מלחמה־אוראַגאַן, אַרומבלאָנקענדיק איין מאָל אויפן ברעג פון ים, האָט ער דערזען אַ זיך טרינקענדיקן מענטש. ער איז ראַפּטעם אַריינגעשפּרונגען אין די כוואַליעס און אַרויסגעשלעפּט אַ האַלב טויט מיידל. ער האָט אויסגעטרייסלט פון איר דאָס וואַסער, אַריינגעאָטעמט אין איר פון מויל צו מויל, ביז זי האָט געעפנט די אויגן. אויף זיינע הענט האָט ער זי אָפּגעבראַכט אַהיים.

נאָך דער געשעעניש איז ער געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער צום מיידל אין הויז. די עלטערן, פול דאַנקשאַפט צו אים, זענען געווען צופרידן פון

זײַנע באַזוכן. זײ האָבן געװוּסט, אַז ער איז אַ שרײַבער װעמענס נאָמען האָט אַרײַנגעקלונגען אַזש קײן דאַגעסטאַן אַ דאַנק איבערזעצונגען. זײ האָבן אים פרײַנדלעך אױפגענומען אױך דערפאַר, װײַל זײ האָבן מיטן חוש פון עלטערן דערפילט, אַז רײזעלע איז נישט גלײַכגילטיק צו אים, און אַז עפּעס, װי זײ האָט זיך געדאַכט, פּיקט זיך אױס...

אײן מאָל אין אַ װינטער־אָװנט, אָפּברענגענדיק זי פון אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג האָט ער בײַם טױער איר אַרײַנגעשעפּטשעט אין אױער, אַז ער האָט זי ליב. װאַרטנדיק פון לאַנג אױף די צװײ באַנאַלע, נאָר אומ־פאַרבײַטלעכע װערטער האָט זי אָן צערעמאָניעס אים אַרומגענומען און געקושט, װי אָן ענטפער אױף זײַן דערקלערונג. אַל דאָס איבעריקע איז נאָך דעם צוגעגאַנגען זײער גיך. די חתונה, די קינדער. װאָס איז ער נישט געװען גרײט צו טאָן פאַר זײ? זײ זענען געװען גליקלעך, און אַזױ האָט עס געקענט זײַן ביזן טיפן עלטער. אָבער פלוצעם, פון העלער הױט — אַ דונער? אָן ערדציטערניש? אַלץ האָט זיך אײַנגעבראָכן. אַלץ איז פאַרלאָרן געגאַנגען. רײזעלע, די קינדער, זײַן פרײַהײט. און פאַר װאָס? איז ער דען עמעצן געשטאַנען אין װעג אױף דער אַרבעט, אין דעם מלוכישן אַנשטאַלט, צי גאָר אין דער ליטעראַטור? האָט ער דען געהאַט שונאים, װאָס האָבן אים געװאָלט באַזײַטיקן, אַרױסשטױסן פון די פאַרנומענע פּאָזיציעס? ער האָט איבערגעמישט אין זכרון דאָס גאַנצע לעבן זײַנס, בודק געװען אַלע זײַנע מעשׂים און האָט נישט געפונען קײן אײנציקע, װאָס זאָל אים קענען געבראַכט װערן װי אַ זינד קעגן דער מלוכה. און אפשר, שאַ... אפשר...

מאיר האָט זיך דערמאָנט אַ פרימאָרגן אין בופעט, װוּהין ער איז אַראָפּ כאַפּן אַ פרישטיק אין אײנעם מיט זײַנע מיטאַרבעטער. עסנדיק די פרישע בולקעלעך מיט פּוטער און װײַנשל־אײַנגעמאַכטס, פאַרטרינקענדיק מיט אַ טעפּעלע קאַװע מיט מילך, האָט ער געזאָגט אַז אים באַקומט נישט דער זאַטער פרישטיק, װען אין לאַנד שטאַרבן קינדער פון דיזענטעריע נאָר דערפאַר, װײַל מע קען נישט באַקומען די סולפּאַדימעזין־רפואה און... קײן װײַסע „סוכאַרן".

ער האָט דעמאָלט דערפילט אױף זיך אָנגעצײלטע אױגן מיט שפּיזיקער שׂינאָה און אפשר גאָר מיט חשד, צי ער פּראָװאָצירט זײ נישט צו אַ שמועס און צו אַרױסזאָגונגען, װאָס קאָנען זײַן גורלדיק פאַר זײ... צי איז דאָס נישט אַ פּאַסטקע?

און נאָך עפּעס האָט מאיר זיך דערמאָנט. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרײַבן אַ װענדונג פון זײַנע מיטאַרבעטער, אַז מען זאָל פאַרגרעסערן די חודשלעכע צוקער־נאָרמע מיט נאָך צװײ קילאָ. יאָ, אַװדאי, ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. װי אַזױ האָט מען דאָס געקאָנט פאָדערן, אין דער צײַט װען

די באַפּעלקערונג האָט חדשים לאַנג נישט געזען קיין גרייפּעלע צוקער ? דאָס האָט זיי פאַרדראָסן און אונטער די אויגן האָבן זיי זיך געשושקעט, אַז זיי געפעלט לגמרי נישט וואָס ער שפּילט דעם צדיק...

איז אויך דאָס אפשר אַ סיבה אָפּגעזונדערט צו ווערן פון דער משפחה, פון פריינד, פון דער אַרבעט וואָס ער האָט ליב, צורויבן ביי אים זיין פרייהייט ?

צוויי לאַנגע וואָכן, ווי צוויי אומענדלעכע יאָר, האָט מען אים געלאָזט אַליין מיט זיינע שווערע מחשבות און מ׳האָט אים אויף קיין אויספאָרשונג נישט גערופן, ווי מען וואָלט אין גאַנצן איך אים פאַרגעסן. דעם באַשטאַנד פון זיין פאַרברעך האָט ער נישט געוווּסט. קיין קאָנטאַקט מיט דער פרוי האָט מען אים נישט געגעבן. אויך וואָס צו רייכערן האָט ער מער נישט געהאַט.

איין מאָל האָט ער אָפּגעריזיקירט און געבעטן ביים אויפזעער אין קאָרידאָר עפּעס צו רייכערן. דער אויפזעער האָט, צו מאירס פאַרוווּנדערונג, דורכן קוק־פענצטערל אים אַריינגעשטופּט אַ זשמעניע טוטיק, פּאַפּיר און אויך שוועבעלעך, און, ווי איינער רעדט, — פּתח־שין־שאַ... אַוודאי, ער, מאיר, וועט אים נישט פאַרראַטן. לויט די אינערלעכע תקנות פון דער תפיסה, איז די אויפזעערס פאַרווערט צו ריידן מיט די אַרעסטאַנטן. אַ פּשיטא, עפּעס זיי איבערצוגעבן. דעם אויפזעער קאָן דאָס אויספאַלן באַקעם... וואָס זשע הייסט עס ? אַז אין יעדן מענטש איז פאַרבאָרגן ערגעץ טיף אַ פּונקעלע פון מענטשלעכקייט, האַ ?

ענדלעך אין אַ פאַרנאַכט, נאָך גאַנצע צוויי וואָכן אָנגעשפּאַנט וואַרטן האָט זיך אויפגעמאַכט די טיר און דער דיזשורנער האָט שטילערהייט, כמעט שעפּטשענדיק געפרעגט :

— שליאַכאָוואַי !..

— יאָ, איך בין עס...

— געגאַנגען !

אַהאַ, האָט מאיר געטראַכט, ענדלעך הייבט זיך עס אָן. באַלד וועט ער זיך דערוויסן, אין וואָס ער איז חוטא־בעגל געווען...

ער האָט געהאַט אַ טעות, מאיר.

דער אויספאָרשער האָט אים אויפגענומען שמייכלענדיק. געלאָסן האָט ער אַרויסגענומען פונעם שופלאָד אַ בויגן פּאַפּיר, אים גלאַט אויסגעשפּרייט פאַר זיך, פּאַמעלעך געפּרוּווט די פּען אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, אָנגעשריבן מיט אַ גרעסערן און פעטערן שריפט „פּראָטאָקאָל״ און אויפגעהויבן צו אים צוויי מילדע, בלאָע אויגן :

— נו, איצט דערציילט מיר אייער ביאָגראַפיע, אָבער... גאָרנישט אויסבאַהאַלטן, גאָרנישט פאַרפעלן!

מאיר איז געזעסן אַקעגן אים, בשעת אַ שטאַרקער עלעקטרישער רעפלעקטאָר איז געווען אָנגעשטעלט אויף זיין פנים. אין בלענד פון דאָזיקן שטאַרקן לאָמפּ, צעטומלט פון די סנאָפּעס שיין וואָס האָבן געשטאָכן זיין פנים, האָט מאיר דערציילט „אַלצדינג". ער האָט נישט געהאַט וואָס צו פאַרבאָרגן.

צום סוף האָט דער אויספאָרשער געזאָגט:

— נו, אויף היינט איז גענוג. עס וועט נאָך זיין צייט צו דערציילן און דערציילן... אויך דאָס וואָס איר פאַרגעסט... איר זענט אַ גוטער דער־ציילער, האָט געשריבן וועגן אייך מאַקסימאָוו, מיט אַ רייכער לעבנס־דערפאַרונג, הגם זאָגט ער, איר לאָזט דורך אין אייער דערציילן דעטאַלן, וואָס קאָנען שטערן דער אַנטוויקלונג פונעם סוזשעט... אונדז אָבער זענען די דעטאַלן וויכטיק, זייער וויכטיק. נישט די פסיכישע באַוועגונגען פונעם העלד, נאָר זיינע מעשים, זיינע האַנדלונגען... וועט איר האָבן צייט זיך צו דערמאָנען... אַליין... נישט צווינגענדיק אונדז, אַז מיר זאָלן עס אייך דערמאָנען. איר זענט גענוג אינטעליגענט צו פאַרשטיין וואָס איך בין אויסן, האָף איך...

אויף דער בקשה מען זאָל דערוויילע דערלויבן זיין פרוי אים איבער־צוגעבן אַ ביסל טאַבאַק צום רייכערן, האָט דער קאַפּיטאַן אַ דריי געטאָן מיט זיין שיינעם קאָפּ:

— ניין! דערוויילע איז דאָס אוממעגלעך. נישט פון מיר איז דאָס געווענדט, פונעם געזעץ... דאָס געזעץ דערלויבט נישט...

— פאַראַן אויך אַזעלכע געזעצן ביי אונדז? — האָט מאיר געפרעגט מיט אַ געמאַכטער תמימות.

— פאַראַן, פאַראַן אויך אַנדערע געזעצן. איר וועט נאָך האָבן די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט זיי — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט מיט אַ צווייידייטיקן טאָן.

☆

און ווידער איז אַוועק אַ וואָך, ביז מ'האָט אים אַרויסגערופן צו דעם זעלבן קאַפּיטאַן מיטן שיינעם קאָפּ און ליבן שמייכעלע. ער איז געווען העפלעך ווי דאָס פאַריקע מאָל, און העפלעך איינגעשלאָסן דעם רעפלעקטאָר, וואָס טוט אַ שמיץ זיינע בלענדיק־גליִענדיקע סנאָפּעס שיין אויף מאירס פנים...

— איז אָט, שליאַכאָוואָי! איר ווילט מיר זאָלן זיין גוטע ברידער? טאָ לאָמיר ריידן אָפנהאַרציק. פאַר מיר וועט זיין לייכטער און פאַר אייך בעסער...

דער קאַפּיטאַן האָט פאַררייכערט אַ גוטן פּאַפּיראָס, אַרויסגעלאָזט פונעם מויל אַ גאַנצע קייט רויך־רעדעלעך, אַראָפּגעשנאָלט פונעם מונדיר אַ נישט־געזעען פעדערל און פאַרגעזעצט אין זעלבן טאָן:

— מיר וויסן דאָך, שליאַכאָוואָי, אַז איר געהערט צו אַן אָרגאַניזאַציע, אַ פיינדלעכע צו אונדזער לאַנד... פאַר וואָס זשע שפּילט איר דעם טויבן זעלנער און זאָגט נישט ווי הייסט זי, די אָרגאַניזאַציע?

— אויב איר ווייסט אַזוי גוט, וואָלט איר אפשר מיר געזאָגט ווי זי הייסט, די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע?

— פאַר וואָס זאָגט איר נישט מיט וועלכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זענט איר אין קאָנטאַקט? וויפל פלעגט איר באַקומען פונעם „דזשאָינט”?

— „דזשאָינט?” אויב איר ווייסט וועגן אַזאַ מין אָרגאַניזאַציע, דאַרפט איר דאָך וויסן, אַז זי איז נישט קיין ציוניסטישע... אַז נישט פּאָליטישע צילן ליגן אין איר יסוד... איך געהער צו איין און איינציקער פּאַרטיי!

— נישט איר געהערט, נאָר איר האָט געהערט. געפינענדיק זיך דאָ ביי אונדז, שליאַכאָוואָי, וועט איר אויטאָמאַטיש אַרויסגיין....

— אין אַזאַ פאַל בין איך אַן אומפּאַרטייִשער קאָמוניסט!

— וואָס האַקסטו אַ טשייניק, מאיר... איך וויל זאָגן מאַרק, מאַרק, ווי הייסט איר לויטן טאַטן? אַהאַ, ביסט דאָך אַ פּאָלנער שונא. איך חזר איבער מיין פראַגע: מיט וועלכער אונדז פיינדלעכער אָרגאַניזאַציע ביסטו פאַרבונדן?

מאיר האָט פאַרשטאַנען, אַז עס הייבט אָן צו ווערן ערנסט. ערשטנס, האָט ער מיט אַ מאָל אים אָנגעהויבן „דוצן”, צווייטנס, איז דער כלומרשט העפלעכער טאָן אַריבער אין אַן אויסדריקלעך גראָבן...

— פאַרבונדן בין איך נאָר מיט איין פּאַרטיי, דער קאָמוניסטישער.

פּלוצעם האָט מאיר געפילט אַ הייסן ברי אין דער באַק. פונעם פּאַטש וואָס ער האָט געכאַפּט, האָט ער זיך איבערגעקערט מיטן בענקל אין איינעם און די וואַנט צו וועלכער ער איז צוגעפאַלן, האָט אים דערלאַנגט דעם צווייטן קלאַפּ אין קאָפּ. מאיר האָט זיך פלינק אויפגעהויבן, גרייט אַ לאָז צו טאָן דעם שטול אין קאָפּ פון זיין שלעגער. ער האָט עס אָבער נישט געטאָן, טראַכטנדיק אַז עס וועלן, לויט אַלע סימנים נאָך זיין געניטונג געלעגנ־הייטן אויך פאַר דעם. ער האָט רויִק אויפגעשטעלט דאָס בענקל און זיך צוריק אַוועקגעזעצט.

— כ׳האָב פאַרגעסן אייך צו זאָגן, קאַפּיטאַן, און איר מעגט עס

אַרײַנטראָגן אין פּראָטאָקאָל, אַז איך האָב מיך פֿאַרנעמען אויך מיט ספּאָרט. איך בין אַ באָקסער פֿון ערשטער מדרגה. מ׳האָט מיך געלערנט באַשיצן זיך קעגן יעדער נבלה...

— אויפֿשטיין! — האָט דער קאַפּיטאַן אַ ריטשע געטאָן.

— איך וועל בעטן דעם פּראָקוראָר, מען זאָל מיר געבן אַן אַנדערן אויס־פֿאָרשער...

— צו דער וואַנט! — האָט דער קאַפּיטאַן ווײַטער געריטשעט. — פּויסטן האָסטו, פּאַשיסטישע זונה? דאָ וועט מען זײַ דיר אָפּהאַקן! דעם פּראָקוראָר וויל ער!.. דו מײנסט אַז דער פּראָקוראָר איז אַזאַ ייִד, ווי דו? ער איז אַן איבערגעגעבענער קאָמוניסט, כאָטש ער איז אַ ייִד... איך וועל דיך קײנעם נישט איבערגעבן, הערסט? בײַ מיר וועסטו אויסציִען די פּיס, אויב וועסט נישט מיט גוטן...

— און מיט שלעכטן אַוודאי נישט... — האָט מאיר געזאָגט שטיל, אַנטשלאָסן און זיך אַוועקגעשטעלט בײַ דער וואַנט.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַ זײַן גרויסן קאַנצעלאַריע־טיש און זיך פֿאַרטיפֿט אין אַן אילוסטרירטן זשורנאַל. דערנאָך האָט אים פֿאַרביטן דער ברוגזער לײטענאַנט. נאָך דעם איז ווידער געקומען דער קאַפּיטאַן און מאיר איז נאָך אַלץ געשטאַנען. וויפֿל צײַט איז ער אַזוי געשטאַנען? ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט אָפּגעבן קײן חשבון. אַ שעה? צוויי? אַ מעת־לעת? אַן אײביקײט? אויפֿן קאָפּ האָט גענומען דריקן אַן אומבאַקאַנטע ביז אַהער שווערע לאַסט, ווי מע וואָלט אים אָנגעטאָן אויפֿן קאָפּ אַ בלײַענעם ענגן קיווער. די געדאַנקען האָבן זיך קוים גערירט אין זײַן שאַכטל, ווי זשוקעס באַשפּריצטע מיט אַ גיפּטיקן שטאָף... מאירס פּיס זענען ווײכער געוואָרן אין די קנישלעסער און ווי גומענע זיך גענומען בייגן. פֿאַר די אויגן איז געשווומען אַ מילכיק־מוטנער טומאַן, און פֿונעם טומאַן זענען אַרויסגעפֿלויגן פֿײַערדיקע רינגעלעך, צו ערשט קלײנע און וואָס אַ מאָל גרעסערע, גאַנצע רעדער און זײ דרייען זיך, רעדלען זיך, גיכער, ביז בלענדעניש, ביז שווינדלעניש. און אָט טוט די שטוב זיך אַ בייג אויף רעכטס, דערנאָך אויף לינקס, ווי אַ שיף אויף צעבושעוועטע כוואַליעס. עמעץ האָט מיט כוח אַ שלעפּ געטאָן דעם דיל פֿון אונטער זײַנע פּיס, און מאיר איז אַוועקגעפֿאַלן אויפֿן דיל ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים.

☆

אין די ערשטע דרײַ וואָכן איז די קאַמער באַפֿעלקערט געוואָרן מיט נײַע, אַזעלכע „פֿאַרברעכער“ ווי ער. מ׳האָט אַרײַנגעוואָרפֿן נאָך עטלעכע

מענטשן און צווישן זיי אויך אַ קליין יִנגעלע מיט אַן אויסגעקוואַרט פּנימל. דאָס נעזל — לאַנג און אויסגעצויגן, דער שטערן — שמאָל, די אייגע־לעך — מייזיש־קלײנע, גרינע, שפּיציקע, דערשראָקן נישטערנדיקע. דאָס יינגל האָט אויסגעזען ווי אַ קינד פון אַ יאָר זיבן, אַכט גאָר אַלט איז ער שוין געווען פערצן. ער איז געזעסן אויפן צעמענטענעם דיל און נישט אויפגעהערט וויינען: „מאַ—מע!”

דער צווייטער איז געווען אַן אַרמענער, פון פאַך, האָט ער געזאָגט, אַן אינזשעניער. נאָר גענומען האָט מען אים פאַר ספּעקולירן מיט טאַבאַק אין פאַרשיידענע שטעט. נו, יאָ. וואָס וווּנדערט איר זיך? מיטן געהאַלט פון אַן אינזשעניער האָט ער נישט געקאָנט דערנערן זיין משפּחה... דאָס איז געווען אַ צעלאָזענער, פרעכער, אומפאַרשעמטער מענטש, וועלכן אַלע זענען חושד געווען אַז דאָס איז אַ „קוואָקע”, אַריינגעפּלאַנצט אין די קאַמערן, כדי צו פּראָוואָצירן, אָדער אונטערהערן וואָס די אסירים ריידן צווישן זיך. אין גיכן האָט מען אים טאַקע צוגענומען פון דער קאַמער און איבערגעפירט אין אַ צווייטער. און אפשר האָט מען אים גאָר באַפרייט און טאַקע פאַר די „פאַרדינסטן”, אין וועלכע מ׳איז אים חושד געווען אין דער קאַמער?

דער דריטער איז געווען אַ יִדישער בחור, אַ סטודענט אויפן לעצטן קורס פון יורידישן פאַקולטעט אין מאָסקווער אוניווערסיטעט, וויקטאָר פעלדמאַן. אַחוץ דעם פאַמיליע־נאָמען און דאָס אויסגעאיידלטע פּנים האָט דער יידישער בחור, גייסטיק, נישט געהאַט קיין שום שייכותן נישט מיט יידן, נישט מיט יידישקייט. זיין פאָטער איז געווען עפּעס אַ וויכטיקער פאַרטיי־טוער, די מוטער — אַ כימיקערין און לעקטאָרין אין אַ באַקוער אינסטיטוט און וויקטאָר איז געווען ביי זיינע עלטערן אַ בן־יחיד. ער האָט געהאַט אַ טונקל, קיילעכיק פּנימל, זיין קאָפּ — געקרוינט מיט אַ געדיכטער, יינגלש־צעשויבערטער, שוואַרצער טשופּרינע. מיט זיין צוציִענדיק שמיי־כעלע, מיט זיין זאָרגלאָז פלאַפּלען, און שאַרפזין־קאָקעטעריי, האָט מען אים נישט געקאָנט נישט ליב באַקומען, און ער איז טאַקע גיך געוואָרן דער ליבלינג פון אַלעמען, אַפילו פונעם אַלטן גלח, וואָס האָט וויקטאָרס מאַטעריאַליסטישע איבערצייגונגען אָראָפּגעשלונגען מיט אַן איראָנישן, געדולדיק־פאַרגעבנדיקן שמייכל. וויקטאָר האָט פאַרגעטערט זיין מוטער. ער האָט נישט אויפגעהערט ריידן וועגן איר ווי וועגן אַ הייליקער. דערפון האָבן אַלן הנאה געהאַט און געקלערט, אַז דערציִען אַזאַ סימפּאַטישן און מיט וויסן אונטערגעקאָוועטן זון, קאָן נאָר אַ פרוי, וואָס איז אַליין באַשאָנקען מיט יענע אַלע מעלות, מיט וועלכע ער האָט זי געשילדערט. דער קאַפּיטאַן האָט אים דערלויבט צו שרייבן אַ בריוועלע צו זיינע עלטערן. צי וועט דאָס בריוועלע טאַקע דערגיין צו זיי?

ער האָט געשריבן: „טײַערע, אײנציקע מאַמעלע מײַנע. זאָרג זיך נישט פאַר מיר. איך געפין זיך אויף אַ גוט אָרט. מיר איז דאָ נישט בעסער און נישט ערגער פון אַנדערע. דאָס וואָס האָט מיך געבראַכט אַהער, איז אָן ספק אַ פאַרדריסלעכער טעות. איך וואָלט וועלן זײַן אַ קלײן פײגעלע, אַרײַנפליִען צו דיר, אַ קוש טאָן דײַן שײנעם, פאַר דער צײַט, פאַרשנײַטן קאָפּ און מער דאַרף איך גאָרנישט. דײַן וו.״

הערנדיק פאַרלײענען דאָס בריוועלע האָבן אַלע, אי די אויגן זיך געווישט, אי געשמײכלט: קלוג, קלוג, און נאַיִוו ווי אַ קינד... אַ פאַרדריסלעכער טעות איז עס, שרײַבט ער דער מאַמען, ווען עקנדיק אין איר האַרץ אומזיסטע האָפענונגען...

— ווײסטו דען נישט אַז די ענקאַוועדע און די סאָוועטישע רעכט־חכמה איז זיך קײן מאָל נישט טועה? — האָט מאיר אים געוואָלט פרעגן.

דער גלח, מיט וועלכן מאיר האָט שוין באַוויזן פריִער זיך צו באַפרײַנדן, איז געווען אַ הויך־אינטעליגענטער און אַ האַרציק־גוטער מענטש, וועמענס גוטסקײט און מענטשלעכע האַנדלונגען זענען אים געקומען נישט פון מאַראַלישע תקנות, אַנגעצײכנטע פון דער אמונה, נאָר פון אינעווײניק, פון דער נאַטור. מאיר האָט שוין געוווּסט וועגן אים אַלצדינג. תנ״ך האָט ער געקענט בעסער פון אים. און אויך די שפּראַך פונעם תנ״ך איז אים נישט פרעמד געווען, האָבנדיק אַ פּאָר מאָל אין די פריִערדיקע יאָרן, באַזוכט די הײליקע ערטער ווו ס׳איז געבאָרן געוואָרן גאָטס זון, און דאָס האָט געשטאַרקט זײַן אמונה. ער האָט, פאַרשטײט זיך, נישט אויפגעהערט לויט די פּראַטאָקאָלן פון דער אויספאָרשונג צו „פאַרסמען״ די מתפללים אין זײַן צערקווועלע מיטן רעליגיעזן „אָפּיום״. דאָס איז געווען די סיבה, פאַר וואָס אויך אים איז באַשערט דער מאַרטירערס־וועג. ער האָט נישט געהאַט וואָס צו לײקענען. אַלע זײַנע מעשים זענען געלעגן אויף דער האַנט. אַצינד וואַרט ער אויפן פּסק־דין. און דאָס צערקווועלע? אויס. נישטאָ. די ווערטזאַכן האָט די מאַכט קאָנפיסקירט און קײן בעסערן צוועק ווי פאַרוואַנדלען דאָס געבעטהויז אין אַ סקלאַד פאַר קאַרטאָפל און קעראָסין, האָט די מאַכט נישט געקאָנט צוטראַכטן. נישט אַזוי פאַרן צערקווועלע האָט דער גלח געזאָרגט אַצינד, ווי פאַרן סטאַראָסטע.

— וואָס וועט זײַן מיטן סטאַראָסטע? מ׳האָט אונדז גענומען אין אײן נאַכט. בײ אײן און אַכציק יאָר און מיט אַ פון לאַנג שוין אָפּגענוצטן האַרץ.

ער מאָליעט זיך צווײ מאָל אין טאָג און נאָך דעם צלמט ער איבער די גאַנצע קאַמער, אַחוץ וויקטאָרן און מאירן, מיט וועמען ער טײלט זײַנע שפּײַז־פּעקלעך, נישט פאַרשעמענדיק אויך די אַנדערע.

— גאָט זאָל דיר געבן כוח איבערצוטראָגן, — האָט ער געבענטשט מאירן, ווען מ׳האָט אים ווידער אַרויסגערופן צום קאַפּיטאַן.

דער קאַפּיטאַן האָט ווי שטענדיק אַרויפגעצויגן דאָס קאַזיאָנע שמייכעלע אויף זיין מיידלש־פּוכקן פּנים און געזאָגט:

— נו, שליאַכאָוואַי? איז שוין דערגאַנגען צו דיין שכל, אַז מע דאַרף אַרויסלייגן אויפן טיש אַלץ וואָס אויף דער לונג?

— וואָס מען באַזיצט נישט, קאָן מען נישט אַרויסלייגן.

— אָבער וועגן דזשאָינט, וועגן אייער ציוניסטישער טעטיקייט? ווען ניט, זאָלסטו טענות האָבן נאָר צו זיך אַליין... און נישט האָפן, אַז אַ פּראָקוראָר וועט דיר העלפן. דער פּראָקוראָר שטייט דאָך אויף דער וואַך, אַזוי ווי איך, צו פאַרהיטן דאָס היימלאַנד פון די פאַרשיידנסטע אויסוואורפן.

מאיר האָט געשוויגן.

נאָך אַ קורצער פּויזע האָט ער אַ קוועטש געטאָן אויף אַ קנעפּל, און ס׳האָבן זיך אַריינגעשטעלט צוויי ווערגעלעך־חברה, שלעגער־אויפזעער.

— חברה, לייגט אים אָוועק זיך אויסרוען אַ ביסל!

די צוויי גאָרילעס האָבן אַ כאַפּ געטאָן מאירן אונטער די אָרעמס און אַרויסגעשלעפּט אין אַ דערבייִיקן צימער. דאָרט איז געווען אַ צעמענטענער דיל פון וועלכן ס׳האָבן אַרויסגעשפּאַרט צוויי אייזערנע שטאַנגען. צו זיי האָט מען צוגעקייטלט זיינע הענט און פיס און די שלעגער האָבן זיך גענומען צו די ריטער. דער קאַפּיטאַן איז אַריינגעקומען און זיי געוואָרנט:

— וואָס ווייטיקלעכער, נאָר זעט אַז קיין סימנים זאָלן נישט בלייבן...

דערביי האָט ער געריכערט און געקייעט געשמאַק דעם רויך פון זיין גוט שמעקנדיקן פּאַפּיראָס.

ליגנדיק מיטן פּנים אַראָפּ האָט מאיר זיך פאַרגעשטעלט וואָס פאַר אַ נסיון ער וועט באַלד אויסשטיין. ער האָט זיך אַליין געמוטיקט: „נאָר נישט טראַכטן פון דעם, נאָר נישט שרעקן זיך. טראַכטן פון עפּעס אַנדערש. עפּעס אַנדערש... ער האָט געזען לעבן זיך אַ פּאָר שטיוול, קירזענע שטיוול. און געוווּסט אַז דאָס איז אַספּאַר. דער איז נישט אַזאַ אַכזר, ווי דער צווייטער, יאַקאָווענקאָ, וואָס האָט הנאה פון זיין אַרבעט. ער זעטיקט זיינע סאַדיסטישע תאוות אויפן געביין פון זיינע אומגליקלעכע קרבנות. אַספּאַר איז נישט קיין אַכזר. דאָס האָט ער דאָך אין ערשטן טאָג פון זיין אַרעסט אים געגעבן אַ זשמעניע טיטון... נאָר אָט טוט אַ פייף די רוט איבער זיין קאָפּ, און ס׳טוט אַ ברי זיין פּלייצע דער שניט פון אַן אָנגעגליטן מעסער. מאיר האָט אַ געשריי געטאָן, נאָר באַלד פאַרביסן די ליפּן ביז בלוט. נישט קרעכצן! נישט יעכצן! זאָלן די הענקער קיין הנאה נישט האָבן... אַ שמיץ. נאָך איינער. טראָפּנס בלוט האָבן אַרויסגעשפּריצט פון זיין לייב, און ער האָט

געשוויגן, ווי די הויט זיינע וואָלט געווען אַ געדובלטע, אַ לעדערנע. און געזען האָט ער שוין איצט נישט קיין קירזענע שטיוול, נאָר רייזעלען. אָט גייט זי צו אים, איר פּנים איז צעשיינט. זי איז אין גאַנצן אין ווייסן ווי אין חופּה־קלייד. זי קומט אַלץ נעענטער, נעענטער, זי נעמט אים אַרום. זי וויל אים אויפהייבן אויף די הענט ווי אַ קינד... עפּעס אַ גראָבע, נישט־געזעענע האַנט שלעפּט זי פון אים אַוועק. טרערן גיסן זיך פון אירע אויגן. זי ווערט וואָס אַ מאָל קלענער, ביז זי פאַרשווינדט אין גאַנצן. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ ים. דאָס מויל איז פאַרשטשעמט, דאָס לייב ווייטיקט ווי צעשניטן מיט מעסערס, און — אַ חלל, אַ חלל פון פאַרגעסונג.

— אַ—האַ—אַ !..

ער האָט אַ פּנים געחלשט. און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער געלעגן מיטן פּנים אַרויף. אַספאַר האָט אַרויפגעפליוכעט אויף אים אַן עמער וואַסער. אַ ווייל האָט ער געעפנט די אויגן און באַלד ווידער אַראָפּ־געפאַלן אין אַ תהום.

☆

די גאַנצע נאַכט האָט מאיר געקרעכצט פון ווייטיק. די קאַמער־שכנים האָבן געוואַכט. אין דער פרי האָט דער גלח זיך איבערגעבויגן איבער אים:

— זיי האָבן דיך גוט צו רעכט געמאַכט, מיין זון...

— ווי איר זעט...

— אפשר וועסטו עפּעס עסן ?

— ניין.

— מען דאַרף עסן, כדי צו קענען איבערטראָגן...

—צוליב וואָס ?

— גאָט איז אַ גרויסער...

— ווו אי ער, גאָט ?

דער גלח האָט געבראַכט עפּעס און גענומען שטופּן אים אין מויל אַריין, ווי מען האָדעוועט אַ קליין קינד. שפּעטער איז אַריינגעקומען אַ קראַנקן־שוועסטער מיט אַ פּאָר דיקע ליפּן, אַ פלאַטשיקער נאָז און קעל־בערנע אויגן. זי האָט פון מאירן אַראָפּגענומען דאָס העמד אין איינעם מיט דער בלוטיק־צעריסענער הויט, זי האָט איינגעווייקט אַ שטיק וואַטע אין אַ פלאַש יאָד און מיטן גאַנצן כוח גענומען איינרייבן די צעווונדיקטע פּלייצע. דער גלח האָט ממש אַ געשריי געטאָן אין צאָרן:

— נישט אַזוי מאַכט מען עס !

— איך ווייס ווי אַזוי, און פרעג ביי אייך נישט קיין עצות...

דער גלח האָט זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער גרייס. זיינע מילדע אויגן האָבן ממש זיך צעפלאַקערט, ווי אַ פייער, און ער האָט אַ דונער געטאָן מיט זיין באַס־שטים:

— לייג אַוועק דעם טאַמפּאָן!

ער האָט אויסגעזען שרעקלעך, און די שיקסע איז אָפּגעטראָטן. מיט לייכטע באַוועגונגען האָט ער מאירן געגומען אויסשמירן די ווונדן, ער זאָל אַפילו נישט פילן דעם צוריר. פאַרענדיקט, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו דער שוועסטער:

— פרויען, שטעלן מיר מענער זיך געווייגלעך פאָר, ווי מלאכים און דו — ווער ביסטו? אין דינסט פונעם שטן? נעם צונויף דיין קלאַפּערגעצייג און וואַרף זיך אַרויס פון דאַנען!..

זי האָט אַ כאַפּ געטאָן איר מעדיצינישׂ שאַכטל און מיט כעס פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר. דער גלח האָט אויפגעהויבן ביידע הענט צו דער סטעליע און אויסגערופן:

— גרויסער גאָט אין הימל, ווי דערלאָזסטו, אַז מענטשן, באַשאַפענע לויט דיין געשטאַלט, זאָלן זיך אַראָפּקייקלען אין אַזאַ טיפן אָפּגרונט פון פאַרדאָרבנקייט און רישעות?

דער גלח האָט געוויינט.

ווען ער האָט זיך באַרויקט, האָט ער גענומען דאָס אין בלוט אויסגעווייקטע העמד מאירס און אַנגעקלאַפּט אין טיר. אַפאַנאַסי האָט אַ קוק געטאָן דורכן וואָלף־אייגל אין דער טיר, אויפגעשלאָסן, און אים אַרויסגעלאָזט. ער האָט אים אויך געגעבן אַ שטיקל זייף, אַז ער זאָל אין הויף, ביים וואַסער־פּאָמפּ אויסוואַשן דאָס העמד.

אַ מיידל וואָס האָט געראַמט דעם הויף, האָט דערזען ווי אומגעשיקט דער גלח וואַשט דאָס העמד, האָט זי אַרויסגעצישעט אַ קללה אין דער זייט פון די פייניקער, און צוגענומען דאָס העמד ביים גלח:

— גיט אַהער פּאַטערל, כ'וועל עס שוין טאָן. ווען ס'וועט טרוקן זיין, וועל איך עס אָפּשיקן מיט דעם אויפזעער.

מאיר האָט געקרעכצט. ער האָט געערדט פון היץ. פון אַ געדיכטן נעפּל זענען אַרויסגעשוומען די קינדערלעך זיינע, און רייזעלע, און אויך דער קאַפּיטאַן, זיין פייניקער. מאיר האָט אים אַנגעכאַפּט ביי דער האַנט ווי מיט אַ צוואַנג.

— אַ—האַ, האָסט זיך דערשראָקן? האָלטסט דעם שפּייער אַנגעצילט אויף מיר? שיס!.. שיס! מיך נעמט נישט קיין קויל! כ'בין דאָך אַן אינור־נראה, אַ שאָטן. האַ! מאַמע! אויף מיינע פּלייצעס טאַנצן שדים! הערסט? זיי רעוועו אויס אַלע ווייטיקן פון מיין לייב... דערקענסט נישט דיין זון?

כ׳בין שוין נישט איך. כ׳בין אַן אַנדערער, אַן אַ נאָמען, אַן אַ היים, אַן אַ שטאָם...

וויקטאָר איז געזעסן ביי מאירן צו פוסנס און זיך צוגעהערט צו זיינע, אין היץ אַרויסגערעדטע ווערטער, און דאָס האַרץ האָט ביי אים געכליפּעט. דער גלח האָט געקלאַפּט אין טיר און געפאָדערט מען זאָל ברענגען אַ דאָקטער. דער דאָקטער איז טאַקע באַלד געקומען. ער האָט דעם צעממיתטן באַטראַכט, אויסגעמאָסטן די טעמפּעראַטור, באַזאָרגט, געשאָקלט מיטן קאָפּ, געהייסן ווידער אויסשמירן מיט יאָד, באַשיטן די וווּנדן מיט טאַלק און איינגעבן אים די פּילן, וואָס ער וועט באַלד אַריינשיקן.

ער וועט קומען צו זיך — האָט דער דאָקטער געזאָגט צו וויקטאָרן, וואָס האָט אים באַגלייט צו דער טיר, — עס דאַרף נעמען אַ פּאָר טעג.

ווען מאיר איז געקומען צו זיך, האָט ער דערציילט וועגן דער טאָרטורן קאַמער מיטן פּרימיטיוון פּייניקונג־סיסטעם, מיט וועלכן די הענקער ווילן צווינגען דעם קרבן צו דערציילן וועגן זיך און אונטערשרייבן אויף זיך אַליין נישט געשטויגנס. מען ברענגט אים צו אַ צושטאַנד פון גייסטיקער און פיזישער צעבראָכנקייט, ווען ער איז שוין נישט מסוגל צום מינדסטן ווידערשטאַנד.

דער מילדער גלח האָט איראָניש געצישעט וועגן די וועלט־באַפרייער,

דאָס יינגעלע איז געזעסן ביי דער הרובע, אַריינגערוקט אין ווינקל, און זיך אַלץ פאַרגאַנגען אין געוויין: „מאַ—מע!“.

וויקטאָר האָט געקוקט אויף מאירן, וואָס האָט אַ ביסל אויפגעלעבט, און זיין בליק האָט אַרויסגעגעבן זיינע ברידערלעכע געפילן צו אים. מאיר האָט דאָס געוווּסט. איז דאָך די סימפּאַטיע געווען אַ קעגנזייטיקע און אויך די זאָרג. און מאיר האָט טאַקע נישט ווייניק געזאָרגט, ווי וועט דאָס ציטערדיק־צאַרטע בחורל איבערטראָגן דעם זעלבן נסיון וואָס ער...

יונג און מיט אַ קורצער ביאָגראַפיע, האָט עס וויקטאָרן אַריינגעבראַכט אין דעם דאָזיקן קעלער, כדי צו דערקענען דאָס אמתע פּנים און מהות פון דער וועלט, אין וועלכער ער האָט געלעבט, און זי גערופן הימלאַנד. פאַר אָט דעם הימלאַנד האָט מען אים געלערנט גרייט זיין אויף די גרעסטע קרבנות...

אויפן יורידישן פאַקולטעט איז וויקטאָר געווען איינער פון די פעיִקסטע סטודענטן. אַ בחורל מיט אַ גלענצנדיקער אינטעליגענץ, האָט ער באַווירקט די סטודענטן מיט זיין רעדנערישן טאַלאַנט. ער האָט געהאַט שאַנסן אויס־צוּוואַקסן, ווי זיין פאָטער, צו אַ וויכטיקן געזעלשאַפטלעכן טוער, דאָס מיינט, אַ פּאַרטיי־טוער, אָבער...

פלוצעם, אַ חודש פאַרן אָפּגעבן דעם לעצטן עקזאַמען, באַקומט ער

אַן איינלאַדונג אין ענקאַוועדע. אַהער, אין דעם דאָזיקן אַנשטאַלט אַז מען רופט — גייט מען. מען קען קיין חזיר נישט זיין. אויפגענומען האָט אים אַן עלעגאַנטער פּאַלקאָוויק, העפלעך אים אַנגעוויזן אויפן בענקל — אַז ער מעג זיך צוזעצן. דאָס האָט באַטייט, אַז דער שמועס וועט זיך פאַרציִען. ער האָט אים פאַרגעלייגט אַ פּאַפּיראָס, און באַלד פון אַנהויב אים געזאָגט, אַז זיי ווייסן וועגן אים, וויקטאָרן, אַלצדינג. למשל, אַז ער איז אַ פעיִקער און פלייסיקער סטודענט, אַז די פּראָפעסאָרן לייגן אויף אים גרויסע האָפע־נונגען, אַז אין אַ חודש אַרום — אַזוי איז עס, צי נײן — וועט ער פאַר־טיידיקן דעם דיפּלאָם, און פאַרענדיקן וועט ער זיכער גלענצנדיק. איז יאָ, וואָס האָט ער געוואָלט אויסברייען? יאָ, זיי בייטיקן זיך אין אַזעלכע פרישע אינטעלעקטועלע כוחות, ווי ער, וויקטאָר... מע וועט אויסגעפינען פאַר אים אַ געהעריקן פּאָסטן מיטן ראַנג פון אַ הויכן אָפיציר. צי ער פאַרשטייט?

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו פאַרשטיין? — האָט וויקטאָר געענטפערט. — קאָן נאָך זיין עפּעס קלאָרערס?

— אָבער אָנהייבן דאַרפט מען פון קלענערע זאַכן...

— אַ שטייגער?

— אַ שטייגער... מיר ווילן וויסן וואָס עס לייענען אייערע קאָלעגן, וואָס טראַכטן זיי, וואָסריידן זיי? איר פאַרשטייט מיך?

— ניין, חבר פּאַלקאָווניק, איך פאַרשטיי אייך נישט. פאַר וואָס האָט איר זיך געווענדט צו מיר? און אַזוי שפּעט? אין אַ חודש אַרום נאָכן עקזאַמען, גיי איך מיך פונאַנדער מיט מיינע קאָלעגן... וואָס וועל איך דעמאָלט וויסן וועגן זיי? צווייטנס... איך האָב געלערנט רעכט, כדי צו קאָנען פאַרטיידיקן מענטשן פון עוולות און בייזוויליקע בילבולים, און — נישט נאָכצושפּיאָנירן זיי, אויסנאַרן זייערע הייסטע ווונטשן און געדאַנקען כדי אַרויפצוברענגען אויף זיי צרות. דערצו בין איך אַ שלעכטער פּסיכאָלאָג און האָב נישט די פעיִקייט אַריינצוקריכן יענעם אין דער נשמה...

— זייער שיין וואָס איר האָט אַזוי ערלעך און אָפנהאַרציק מיר דער־קלערט אייערע מאָטיוון, — האָט געזאָגט דער פּאַלקאָווניק, זיך אויפגעהויבן, אים אויסגעשטרעקט די האַנט און צוגעגעבן: — אייערע קאָלעגן זענען שוין דווקא נישט אַזוי אידעאַליסטיש לגבי אייך...

„ניט אידעאַליסטיש לגבי אים", האָט ער געזאָגט. דאָס הייסט אַז אַנדערע האָט ער שוין ווערבירט און זיי האָבן שוין צוגעטראָגן וועגן אים אַ מעסטל מיט שקרים. און כאָטש ער האָט אים געוואָרנט אַז „דער שמועס דאַרף בלייבן צווישן אונדז", האָט וויקטאָר פאַרשטאַנען צו וואָרענען עמעצן פון זיינע באַריידעווודיקע קאָלעגן און אַז ס'איז כדאי אָפּגעהיט צו זיין, מחמת צווישן די סטודענטן געפינען זיך אַזעלכע, וואָס פאַר אַ שכר צי

פרייוויליק באַזאָרגן זיי דעם פּאָלקאָווניק מיט אינפאָרמאַציע וועגן זייערע חברים.

אין דריי טעג אַרום איז דער „שוואַרצער וואָראָן״ צוגעפאָרן צו וויקטאָרס וווינונג און אים אַריינגעפּאַקט אין קאַסטן... אין צען טעג אַרום האָט מען אים אַריינגעפּאַקט אין אַ „סטאָליפּין־וואַגאָן״ און אָט איז ער דאָ, אין זיין היימשטאָט. זיין פאָטער, דעם הויכן פאַרטיימאַן, האָט מען אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי און אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. דאָס זעלבע האָט מען געטאָן מיט זיין מוטער. הלוואי, האָט ער געזאָגט, עס זאָל זיך ענדיקן מיט דעם... ווייל „אויסגעשלאָסענע״ זענען דאָך הפקר... ליקווידירטע מענטשן, פאַראורטיילטע! דאָס איז די ערשטע סטאַדיע, דערנאָך... דערנאָך... ווער ווייסט צי ער איז נאָך פריי, דער פאָטער זיינער? צי פייניקט מען אים נישט ערגעץ אין אַן אַנדערער תפיסה, אַזוי ווי זיי, דאָ, און מען פאָדערט נישט פון אים, ער זאָל זיך אָנערקענען פאַר אַ ציוניסט... ניין, מען ווייסט גאָרנישט, וואָס פאַר אַ צרה עס גייט דיר נאָך פון הינטן. דער מענטש איז אַ פעדערל געטראָגן פון ווינט, אַ שפּענדל געוואָרפן פון די כוואַליעס. ער מיינט, דער מענטש, אַז ער איז דער שאַפער פון זיין אייגענעם גורל, ביז... ביז מען פאַלט דאָ אַריין, צו זיי... זיי זענען דאָך אַלמאַכטיק. היינט הייבן זיי דיך אויף ביז צו די שטערן און מאָרגן שליידערן זיי דיך אַראָפּ אין שאול־תחתיה, אָט דער שאול־תחתיה, וועגן וועלכן מיר האָבן נישט קיין אַנונג ביז מיר ווערן נישט געפּרוווט אַליין מיט אים. זיי זענען דאָס געזעץ. פון יענער זייט פּלויט איז מען דאָך נאָר ציטווייליק. דאָ זעען מיר דאָס אמתע פּנים פון דעם, וואָס האַלט אין איין „באַגליקן דאָס פאָלק״...

מאיר האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון זיין פאַרקלערטקייט:

— וויקטאָרל, דו רעדסט אַזוי בילדעריש, מיט מעטאַפאָרן, ווי דו וואָלסט געווען באַהערשט פון דער שכינה...

— פון וואַנען ווייסט איר אַז ס'איז נישט אַזוי?

— איך האָב דאָס טאַקע פון לאַנג חושד געווען.

— יאָ? האָט איר געטראָפן. איך האָב שוין נישט ווייניק לידער פאַרעפנטלעכט און אַפילו אין גרויסע זשורנאַלן.

— אויב אַזוי איז מיין אַכטונג צו דיר פון היינט אָן אַ טאָפּעלע. אַ פּאָעט און אַן אויסגעקאָכטער אין די מאָסקווער קולטורקרייזן, אַוודאי...

— קולטור־קרייזן... — האָט ער אַ בורטשע געטאָן. — קולטור אין קייטן, אין אייביקן פּחד... אין חשד, אין קעגנזייטיקן אומצוטרוי צווישן חברים... וואָס פאַר אַ ווערט קאָנען מענטשן שאַפן אין אַזאַ אַטמאָספער, ווי פּעיִק די מענטשן זאָלן נישט זיין?

— טאַקע צוליב דעם, אַז דיינע פעיִקייטן זאָלן פאַרהיט ווערן פאַר

עכטער שאַפונג, דאַרף מען, וויקטאָרל, אויסהיטן די נשמה, דאַרף מען אויפהאַלטן דאָס לעבן. מע מוז געהיט זיין מיט רייד, וועגט האָבן אויערן. אויך דאָ, אויך דאָ...

☆

מאיר האָט געמאַכט אַן אָנשטרענג זיך אויפצוהייבן. אַ שאַרפער ווייטיק האָט אים געצווונגען זיך צוריקלייגן. די ווייטיקן פון די באַקומענע שמיץ האָבן זיך נאָך געלאָזט פילן מיט אַ באַזונדערער שאַרפקייט.

ערגעץ ווו האָט אַ טורעם־זייגער מיט אַ פאַרשלאָפענעם כריפּ אויס־געקרעכצט די האַלבנאַכט־שעה. מאיר האָט אַ זיפץ געטאָן. די נאַכט הייבט זיך ערשט אָן. זי הייבט זיך ערשט אָן? ניין, זי ענדיקט זיך נישט, און כדי דער געדאַנק זאָל האָבן ממשות האָט פון יענער זייט טיר זיך דערהערט אַ פּאָרעניש ביי די אייזערנע ריגלען. דער פאַרשלאָפענער קאָפּ פונעם אויפזעער האָט זיך באַוויזן אין דער שפּאַרונע פון דער קוים געעפנטער טיר און ער האָט אַ בורטשע געטאָן:

— שליאַכאָוואַי...

אַ קעלט איז דורכגעלאָפן דורך מאירס אַלע גלידער. ס'האָט אים דורכגענומען אַ ציטער. וואַסילי ניקיטיטש, דער גלח, האָט זיך צוגעבויגן צו אים און אַריינגעשושקעט אין זיין אויער:

— האַלט זיך, דו הערסט! כ'בין דאָס אויך דורכגעגאַנגען, און דו זעסט, איך לעב!

— שנעלער, שנעלער! — האָט דער אויפזעער זיך צעוואָרטשעט מיט אַ פאַרשלאָפן קול. — געגאַנגען!

מאיר האָט זיך אָנגעטאָן נישט געאיילט און אויף ליימענע פיס האָט ער זיך אַרויסגעשאַרט פון קאַמער אין דעם האַלב טונקעלן קאָרידאָר, ווי ער וואָלט אַריינגעגאַנגען אין שלונג פון אַ פאַרצייטיקער חיה.

מיט אַ צעקרימטן פּנים פון ווייטיק איז ער אַריין אין דעם באַקאַנטן קאַבינעט פונעם אויספאָרשער. דאָרט איז געזעסן נאָך אַ מענטש, וואָס האָט אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און עפּעס איינגערוימט דעם קאַפּיטאַן אין אויער.

— פירט אים צוריק! — האָט ער באַפוילן.

נאָר אין דער פרי האָט מען אים ווידער אַרויסגערופן.

דורך די גרויסע פענצטער האָט די זון אַריינגעגאָסן אַ מחיהדיקע וואַרעמקייט און העלקייט. מאיר האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול. אין זיין מוח האָבן די געדאַנקען זיך געדרייט אומרויִקע און אָנמאַכטיקע.

דערקוויקט פון דער זון וואָס האָט דורכן פענצטער אים אַרומגענומען אין גאַנצן, האָט ער געפילט ווי זיין לייב גיסט זיך אָן מיט כוח. זיינע אויגן־דעקלעך האָבן זיך פאַרמאַכט אויף אַ ווייל, נאָר דערהערנדיק עפּעס אַ סקריפּ ביים אוסיפאַרשער־טיש, האָט ער אַ ציטער געטאָן און אויפגעמאַכט די אויגן. צי דען האָט ער געדרעמלט? וויפל האָט עס געדויערט? אַ רגע? אַ טויזנטער חלק פון אַ רגע? אַן אייביקייט? האָט ער אין דער רגע איבער־געלעבט אויף ס'ניי דאָס גאַנצע, נישט לאַנגע שווערע לעבן זיינס? ער האָט ווידער דערפילט ווי טראָפּן נאָך טראָפּן טריפט אַריין די זון אין זיינע גלידער אַ געגעזונג. ווי ס'האָט זיך אים געוואָלט אַריינגיין אין דער ליכ־טיקייט ווי מע גייט אַריין אין ים און זינקען, פאַרזינקען אין איר, און פאַוואָליע לאָזן די נשמה פון גרויסן תענוג, זיך אויסלעשן, שטאַרבן.

שטאַרבן? ניין! נאָר דאָס נישט. צו להכעיס דעם פייניקער, וואָס איז געזעסן ביים טיש און זיך געשפּילט מיט זיינע צוויי גראָבע פינגער.

מאיר האָט ווידער פאַרמאַכט די אויגן. פון יענער זייט פענצטער איז געווען די גאַס. מענטשן זענען געלאָפן פאַרהאַוועטע. האָבן זיי געוווּסט, אַז דאָ אין קאַבינעט זיצט מאיר שליאַכאָוואַי און ווייסט נישט, פאַר וואָס מען מאַטערט אים, און פאַר וואָס גייט אַזוי שטאַרק אין לעבן דעם קאַפּיטאַן צו מאַכן אים פאַר אַ פאַרברעכער? און אויב עס גייט אים יאָ אין לעבן, צו וואָס איז אים נייטיק די סאַדיסטישע אוספאַרשונג־פּראָצעדור? ער קאָן דאָך אָן דעם אים מאַכן פאַר אַ פאַרברעכער. אין דרויסן, אַרום דעם אמיהדיקן הויז וואָס וואַרפט אָן אויף די פאַרבייגייער אַ פּחד, דרייט זיך מיסתמא אַרום אויך רייזעלע און זי איז אין גאַנצן אַ שטיק גראָער צער. ס'האָט זיך אים געדאַכט אַז ער הערט עמעצנס קול, וואָס ווענדט זיך צו אים, נאָר ער איז נישט בכוח אויפצוקלעפּן די אויגן־דעקלעך.

אַ שטאַרקער פּאַטש האָט אים געבראַכט צו זיך. פון דער נאָז האָט אַ זעץ געטאָן אַ רויטע קלעפּיקע פליסיקייט. דער ווייטיק איז געווען אַזוי גרויס, גלייך פונעם פּאַטש האָט נישט נאָר די באַק, נאָר דער קאָפּ זיך צעשפּאָלטן.

דער קאַפּיטאַן האָט ליבלעך געשמייכלט:

— אפשר וועלן מיר היינט עפּעס זאָגן?

מאיר האָט געשוויגן.

— ניין? ווילסט נישט? האָסט חשק, מען זאָל איבערגיין מיט דיר די שפּיל?

— ווילן וויל איך נישט — האָט ער מיט געשוואָלענע ליפּן אַרויס־געשטאַמלט — נאָר אויב דאָס איז נייטיק דעם פאָטערלאַנד...

דער קאַפּיטאַן האָט אַ קוועטש געטאָן דאָס קנעפּל אויפן טיש, איז אַרייַנגעקומען דער קאָנוואָירער און אים צוריקגעפירט אין קאַמער.

☆

פון דער לעצטער „שפּיל" זענען פאַרביי צען טעג. זיין רוקן האָט פאַמעלעך זיך געהיילט. מאיר האָט שוין געקאָנט באַוועגן מיט די אַקסל, נישט פילנדיק קיין ווייטיק. פּלוצעם רופט מען אַרויס זיין פריינד, דעם גלח. ביקיטיטש האָט זיך מיט זיי געזעגנט ווי ער וואָלט גיין צום עשאַפאָט. ער האָט מאירן און וויקטאָרן געזאָגט, אַז אויב ער קערט זיך נישט אום, איז דאָס פּעקל שפּייז זייערס.

ער האָט זיך נישט אומגעקערט. ביידע יידן זענען געווען באַזאָרגט פאַרן גלחס גורל. ווו האָט מען אַהינגעטאָן דעם האַרציקן זקן? וויקטאָר האָט פאַרנומען זיין אָרט אויף דער נאַרע. דאָס ערשטע מאָל פון זינט ער איז אין דער קאַמער האָט ער זיך געקאָנט אויסשטרעקן, אויסגלייכן דעם רוקן, נישט ליגן איינגעקאָרטשעט ווי ער איז געלעגן אויפן קאַלטן, צעמענטענעם דיל.

און אָט איז געקומען די נאַכט. אַ נאַכט אָן דעם טייערן מענטש. אין שלאָף האָט ביי מאירן זיך צונויפגעקלעמט דאָס האַרץ פון שרעק. אים האָט זיך געדאַכט, אַז עמעצער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף אים מיט אַ פּודיקן הינטן, און ס'איז אים שווער צו דעכען. אויפכאַפּנדיק זיך האָט ער גענומען פירן מיט די אויגן אַרום זיך. לעבן אים איז קיינער נישט געווען. די קויטיקע, זייער בלייכע שיין פונעם לעמפּל, צוגעפּעסטיקטן צו דער סטעליע מיט אַ דראָט־נעץ, האָט אומהיימלעך געציטערט. אויף דער נאַרע אַקעגנאיבער איז וויקטאָר געלעגן מיט אָפענע אויגן, צוגעקאָוועטע צו דער סטעליע. זיין פאַרוואַקסן פּנים האָט אין דער ביינאַכטיקער טויטער שיין אויסגעזען נאָך בלייכער און אָפּגעצערטער.

היינט איז ער אויך געווען ביים אויספאָרשער און זיך אומגעקערט אין אַ פּאָר שעה אַרום מיט צעפלאַמטע באַקן און געשוואָלענע ליפּן. ער האָט צעשפּרייט ביידע הענט, גלייך ער וואָלט אויסטאָן פון זיך דאָס אייגענע לייב ווי מע טוט אויס אַ העמד. זיינע אויגן זענען געווען אָנגעגאָסן מיט טרערן. ניין, ניין! נישט פון ווייטיק זענען אים געקומען די טרערן אין די אויגן, מיט וועלכע ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר מאירן. די טרערן זענען געקומען פון פאַרדראָס און פון אָנמאַכט. וואָס האָט מען אים געלערנט אין סאָוועטישן אוניווערסיטעט? אַז אַ מענטש האָט רעכט זיך צו פאַרטיידיקן און אים לאָזט מען נישט. צי דען כדי צו פירן אַן אויספאָרשונג אַזוי ווי עס פירט

זיך אין ענקווידע, דאַרף מען לערנען די חכמה פון רעכט? מיט זיין ייִנגלשער תמימות און אפשר פון אויפגעבראַכטקייט קעגן זיין פּייניקער, פון אַ צו להכעיס־דראַנג האָט ער געזאָגט דעם קאַפּיטאַן, אַז די שונאים געפינען זיך נישט אין די טורמעס, מען דאַרף זיי זוכן צווישן יענע, וואָס פאַרקריפּלען און מאַכן צו שפּאָט דאָס הייליקע, דאָס מענטשלעכע וואָס ליגט אין יסוד פונעם סאָציאַליזם... צי האָט ער עס געדאַרפט זאָגן? צי האָט אַ זין צו דיסקוטירן מיט אַ וואָלף וועגן הומאַניזם? אים געבן מאַטעריאַל קעגן זיך, קריכנדיק אַליין אין זיינע שטשירנדיקע ציינער?

מאיר איז אַוודאי גערעכט ווען ער זאָגט, אַז דאָס איז אַן אומזין, קלוג, קלוג, און אַ שוטהלע. פאַר אַ צדיק וועט ער דעם קאַפּיטאַן שוין נישט מאַכן. אָבער מאיר אַליין, וואָס לערנט אים, ווי אַזוי מען דאַרף זיך האַלטן, זאָגט אים מוסר פאַר זיין „לויזער צונג" — ווי אַזוי פירט ער זיך, מאיר אַליין? צי דען נישט אין ווידערשפּרוך מיט זיינע לאָגישע עצות? ווייזט אויס, אַז פּנים־אל־פּנים מיטן אויספאָרשער ווערט צונישט די פון פריִער זיך אָנגעמאָסטענע האַלטונג.

אָט איז געקומען דער דאָקטער. ער האָט באַטראַכט מאירן און פעסטגעשטעלט, אַז ער איז שוין אין אָרדענונג. און דאָס האָט באַטייט, אַז מע קאָן אים ווידער „נעמען אין דער אַרבעט"...

און טאַקע, דעם צווייטן אינדערפרי, האָט מען אים, מיט אויף הינטן צוזאַמענגעבונדענע הענט, געבראַכט אין דעם גוט באַקאַנטן קאַבינעט, צום קאַפּיטאַן. ער האָט אים אויפגענומען מיט זיין העפלעכן שמייכל, אים געהייסן זיצן, אַרויסגעשלעפּט פון שופלאָד אַ טעקע, אַרויסגעצויגן פון איר אַ פּון פריִער אויסגעפילטן בויגן פּאַפּיר און געפרעגט:

— נו, שליאַכאָוואָי, איצטער וועסטו אונטערשרייבן?

— איך שרייב אונטער נאָר אייגענע שריפטן און נישט קיין פרעמדע מאַכערייקעס...

דער קאַפּיטאַן האָט זיך אויפגעהויבן, געמאַכט עטלעכע קרייזן אַרום שרייבטיש. מאיר האָט נאָכגעפאָלגט זייער אויפמערקזאַם זיין יעדער באַוועגונג און געפילט אַז עפּעס וואַקסט אָן אין אויספאָרשער, אַז דער צאָרן קעגן דעם יידישן עקשן, וועקט אויף אין אים די חיה, וואָס איז גרייט אַ שפּרונג צו טאָן אויף איר אומבאַשיצטן קרבן. ער האָט זיך אַ פּנים באַהערשט, פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס, כדי זיך צו באַרויקן און זיך אַוועקגעזעצט צוריק. מיט אַ קליינעם בערשטל האָט ער גענומען פּוצן די רויטלעכע נעגל, נישט אויפהייבנדיק די אויגן צו מאירן, ווי ער וואָלט אין גאַנצן נישט געווען אין קאַבינעט. נאָך אַ לאַנגן שוויגן האָט ער אַוועקגעלייגט דאָס בערשטעלע און ווידער געפרעגט:

— איז דיין באַשלוס אַן ענדגילטיקער? קומט אויס אַז דו ווילסט נישט העלפן דער סאָוועטישער מאַכט. וואָס זשע פאַר אַ קאָמוניסט ביסטו, האַ? עס גייט עטלעכע חדשים אַ מלחמה מיט אַ געפערלעכן שונא, דאָס פאָלק פאַרלירט אַזוי פיל בלוט, דאַרף איך מיך פּאַטשקען דאָ מיט דיר?

— טאַקע, פאַר וואָס? אפשר דערפאַר, ווייל זיך פּאַטשקען מיט מיר און אַזעלכע ווי איך, איז ווייניקער ריזיקאַליש ווי אויפן פראָנט?

דער קאַפּיטאַן איז אַרויסגעשפּרונגען פון הינטער זיין טיש, זיך אַ וואָרף געטאָן צו מאירן און אים אָפּגעשמעקט צוויי פּלאַמיקע פּעטש. מאיר האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם בראָנזענעם טינטער פון שרייבטיש און אים אַ שליידער געטאָן אויף זיין שלעגער, זאָגנדיק זיך: „תמות נפשי עם"... דער קאַפּיטאַן האָט באַוויזן אויסצושיסן. די קויל האָט געטראָפן אין טיש אין מאירס טעקע. אויפן קנאַל פון דעם אומגעריכטן שאָס זענען זיך צונויפ־געלאָפן די אויספאָרשערס פון די שכנותדיקע קאַבינעטן און די אויפזעער. עטלעכע פון זיי האָבן אַרויסגעטראָגן דעם קאַפּיטאַן, וועמען דער טינטער האָט געטראָפן אין שטערן, אין סאַמע שלייף און אָפּגעגאָסן אים מיט בלוט. די איבעריקע האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף מאירן מיט די פויסטן. ער האָט געכאַפּט מערדערלעכע קלעפּ. מ'האָט געהאַקט אים אין קאָפּ, אין ברוסט, אין די ריפּן.

ווען דער אויפזעער האָט אויפגעשלאָסן פאַר אים די טיר, איז מאיר נישט אַריינגעגאַנגען, נאָר אַריינגעפאַלן אין קאַמער, און אין דער גאַנצער לענג זיך אויסגעצויגן אויפן דיל.

וויקטאָר האָט אויסגעשריִען אין שרעק:

— וואָס איז דאָס?!

מאירס פּנים איז געווען צעקיילט, פאַרבלוטיקט און אין סיניאַקעס, אַז מ'האָט די אויגן נישט אַרויסגעזען. אונטער זיי — צוויי אויפגעבלאָזענע קישעלעך און צוויי שפּעלטעלעך בלויז אויפן אָרט פון די אויגן. די ליפּן — צוויי בלוטנדיקע וווּנדן. וויקטאָר האָט אים אויפגעהויבן, אַוועקגעלייגט אויף דער נאַרע און מיט אַ פייכטן טיכל געוואַשן קודם־כל אַרומווישן דאָס בלוטנדיקע מויל. מאיר האָט זיך פאַרקרימט פון יסורים. אים איז שווער געווען צו ריידן און ענטפערן אויף פראַגעס. אַלע ציין אין מויל האָבן זיך געשאָקלט. שפּעטער, קומענדיק צו זיך, האָט ער, קוים צעעפענענדיק די ליפּן, אַ ברום געטאָן:

— כ'האָב מיינס אָפּגעטאָן. ער וועט שוין מער נישט פּייניקן נישט מיך, נישט דיך, נישט קיינעם... דאַכט זיך אַז כ'האָב אים צו רעכט געמאַכט...

— וואָס רעדט איר, מאיר?

— יאָ, וויקטאָרל, כ'האָב עס געטאָן...

— דאָס איז דאָך אַן אומזין. איר אַליין האָט מיך געלערנט זיך צו פירן אַנדערש.

— אומזין, אומזין. כ׳האָב נישט געהאַט קיין צייט צו באַטראַכטן און אָפּוועגן וואָס איך טו. כ׳האָב מיך פאַרטיידיקט און דאָס איז אַלץ...

וויקטאָר האָט אים צוגערוקט די שיסל מיט דער קאַלטער באַלאַנדע, ער זאָל אונטערהאַלטן דאָס האַרץ. מאירן איז שווער געווען אַראָפּצושלינגען. ס׳האָבן אים וויי געטאָן די צעהאַקטע יאַסלעס, און ער האָט נישט געוווסט צי עס זענען אים געבליבן ציין אין מויל.

— איצט בין איך מסוגל עס אָפּצוּוועגן. ווען ער אויסציִען די קאַפּ־פעטעס, בין איך קאַפּוט. נאָר אויב כ׳האָב אים בלויז צעקאַליעטשעט, וועט די שטראָף נישט זיין קיין גרינגע. כ׳האָב ליב דאָס לעבן, וויקטאָרל, און פאַר מיין טאַט קומט, — ווי זיי זאָגן, „פּוליאַ וו לאָב״, אַ קויל אין שטערן. דו ביסט כאָטש אַ מבין, ווי נאַטירלעך עס קלינגט דער דאָזיקער זאָג? ווי אַזוי ער האָט זיך איינגעמאָסטעט אין דער שפּראַך, אין שטייגער, אין דער פּסיכיק פון די מענטשן? „פּוליאַ וו לאָב״...

— גענוג, מאיר, צו וואָראַזשען, נביאות זאָגן. אייך איז דאָך שווער צו ריידן. לאָזט עס אויף מאָרגן.

— אויף מאָרגן? מאָרגן קאָן זיין צו שפּעט. וועסטו כאָטש געדענקען מיין נאָמען איבערצוגעבן אַ גרוס מיין משפּחה, ווען דו וועסט אַרויס פון דעם גיהנום?

מאיר האָט ווידער אַ גאַנצע נאַכט געקרעכצט, און וויקטאָר איז געלעגן מיט אָפענע אויגן, צוגעקאָוועטע צו דער סטעליע און געטראַכט, אַז מאָרגן, קאָן אַ צווייטער אויספאָרשער טאָן מיט אים, וויקטאָרן, דאָס זעלבע וואָס מ׳האָט געטאָן מיט מאירן. וועט ער זיך אָקעגנשטעלן? וועט ער פאַר־טיידיקן זיך און זיין ווערדע פון די סאַדיסטן מיטן אָפיצירן־ראַנג, וועמענס אַכזריות איז באַרעכטיקט אין נאָמען פון עם ציל, אין נאָמען פון עם סאָצי־אַליסטישן אמת...

פאַרטאָג האָט וויקטאָר זיך אַריבערגעבויגן איבער מאירן און אים אַריינגעקוקט אין פּנים. ער האָט אים געהאָלפן אויפזעצן זיך, געטרייסט אַז דאָס געשווילעכטס איז אַ ביסל אָפּגעגאַנגען. ער האָט אים געמאַכט אַ זיסע גלאָז אָקרעפּ צו דערקוויקן דאָס האַרץ, און איינגעווייקט דאָס ברויט, עס זאָל אים לייכטער זיין אַראָפּצושלינגען. אָבער מאיר האָט נישט באַוויזן צו נעמען דעם לעפל צום מויל. מען האָט אים ווידער גערופן „אַרויף״.

— וווהין? — האָט וויקטאָר זיך אַריינגעמישט — ער איז דאָך נישט בכוח צו שלעפּן די פיס...

— ש...ש...שאַ... — האָט דער אויפזעער סודותדיק אַ מורמעל געטאָן.— צום פּראָקוראָר.

אין קאַבינעט איז געזעסן נאָר עפּעס אַ יונג לייטענאַנטל. ער האָט באַטראַכט מאירן מיט זיין דורכדרינגלעכן אויג און מיט ווייכקייט, אַ נאַ־טירלעכער צי אַ געמאַכטער, אים געהייסן אַוועקזעצן זיך אויפן טאַבורעטל אין ווינקל. באַלד האָט זיך געעפנט די טיר, און ס'האָט זיך אַריינגערוקט, באַגלייט פון אַ היפשער סוויטע אָפיצירן, אַ פעטלייביקער, מגושמדיקער מאַן מיט אַ גרויסן קאָפּ און געדיכטע, אָפּגעווייסטע האָר. אויף זיין קראַגן איז אַראָפּגעהאָנגען אַ דרייגאָרנדיקער גוידער. זיין אוקראַיִנישע בלוזע איז געווען אַרומגעכאַפּט מיט אַ ברייטן גאַרטל אויף זיין אַרויסשטאַרטשענדיקן בויך.

ער איז צוגעגאַנגען צו מאירן און אָן שהיות און צוגרייטונגען געפרעגט:

— זאָגט זשע מיר טייערינקער, וואָס פאַר אַ סיבות האָבן אייך באַוויגן צו אַ גוואַלדאַקט קעגן אונדזער בעסטן קאַדער־אָפיציר בעתן אויספילן זיינע פליכטן? איר האָט עס לאַנג פּלאַנירט, איידער איר האָט עס אויס־געפירט?

— קיין שום פּלאַנירונג, בירגער פּראָקוראָר! דאָס איז געקומען ספּאָנ־טאַן צוליב געזעצלעכער זעלבסטפאַרטיידיקונג. — דערביי האָט מאיר אַראָפּגעשלעפּט פון זיך דאָס פאַרבלוטיקטע העמד און אָפּגעדעקט זיין צעשמיסן לייב, זיינע וווּנדען, שראַמען, און סיניאַקעס. — דאַרף איך נאָך צוגעבן עפּעס?

— דער אויספאָרשער דאַרף, אַז דער אַרעסטאַנט זאָל זיך מודה זיין. דאָ קענען מיר גאָרנישט העלפן. ס'פּאַסירט, אַז ער כאַפּט איבער די מאָס, איבערהויפּט ווען עס האַנדלט זיך אין באַזונדערס פאַרעקשנטע פאַר־ברעכער...

— צו ערשט דאַרף מען דאָך באַווייזן, אַז דער מענטש איז אַ פאַר־ברעכער...

— אַקעגן אייך זענען פאַראַן געגוג באַווייזן און... אויך עדות. לעבעדיקע עדות. איז דען נישט אמת, אַז איר האָט באַלאַנגט צו אַ ציוניסטישער באַנדע און באַקומען פונעם „דזשאָינט" אויפגאַבעס צו שפּיאָנירן, שעדיקן אונדזער ווירטשאַפט, דעמאָראַליזירן אַרום זיך אונדזערע פּראָסטע סאָוועטישע בירגער און זייען אָן אומצוטרוי צו דער פּאַרטיי...

— ווי באַלד איר ווייסט די פראַגעס, בירגער פּראָקוראָר, דאַרפט איר דאָך וויסן אויך די ענטפערס וואָס איך האָב שוין געגעבן...

— האָט איר געענטפערט, ווער ס'איז דער מענטש וואָס האָט אייך

איבערגעגעבן צוויי הונדערט מיט פערציק טויזנט דאָלאַר כדי אויסצופירן די דאָזיקע אויפגאַבעס ?..

— פאַר וואָס עפּעס אַזאַ סומע ? פאַר וואָס נישט אַ מיליאָן צי צוויי ? אַזאַ סומע האָב איך באַקומען נישט אין דאָלאַרן, נאָר קלעפּ פון דעם קאַפּיטאַן, ווען כ׳האָב דערלאַנגט מיטן טינטער, נישט פאַרזעענדיק דעם רעזולטאַט. אין דעם אָנערקען איך מיך פאַר שולדיק, אין איבעריקן — ניין און ניין !

— קיין אומשולדיקע, ווי איר ווייסט שוין, זענען נישטאָ, — האָט דער פּראָקוראָר געפּאָנפעט מיט דער מגושמדיקער נאָז.

— קומט אויס, אַז אַלע וואָס זענען נאָך דערוויל אין דרויסן, קאָנען מאָרגן שולדיק זיין. אויך די, וואָס פאַרשן היינט און באַשולדיקן אַנדערע...

דער פּראָקוראָר האָט זיך שווער אויפגעהויבן, אַ טרייסל געטאָן מיטן גוידער און געזאָגט :

— אייער ענין שיקן מיר איבער קיין מאָסקווע, זאָל מען דאָרט באַשטימען.

אַרומגערינגלט פון זיין סוויטע, סאָפּענדיק שווער ווי אַן אַסטמאַ־קראַנקער, האָט ער זיך אַרויסגערוקט פונעם קאַבינעט.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט דאָס אָרט פון קאַפּיטאַן פאַרנומען דער לייטענאַנט מיטן ברוגזן פּנים. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען טאָר לויטן פּנים נישט מישפּטן וועגן כאַראַקטער פון אַ מענטש. ער איז אין דער אמתן גאָרנישט קיין ברוגזער, ווי ער זעט אויס. אָט האָט ער צוגעלאָזט צו וויקטאָרן אַ „פּערעדאַטשע״, אַ פּעקל מיט כל־טוב.

דאָס יינגעלע אין ווינקל האָט אויפגעהערט יעכצן „מאַ—מע״. וויקטאָר האָט אים מכבד געווען מיט אַ שטיק וווּרשט מיט ברויט, און יענער האָט געגעסן און דערציילט וועגן זיין פאָטער, וואָס איז געפאַלן אין די ערשטע טעג פונעם קריג. די מאַמע זיינע איז פאַרבליבן מיט אַכט קינדער, פון וועלכע ער איז דער עלטסטער. די מאַמע איז געגאַנגען אַרבעטן פאַר אַ קעכין אין פּאַרטיי־קאָמיטעט, און ער — אין דעפּאָ, ווי אַ לערנייִנגל. אַרבעטנדיק אין דרויסן, אין דער קעלט האָט ער זיך פאַרקילט. דריי טעג איז ער נישט אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט.

— אַהאַ ! — האָט וויקטאָר אים אַריינגעלאַכט אין זיין פאַרווייניטן פּנימל. — האָט מען דיך געכאַפּט און אַריינגעזעצט ווי אַ סאַבאָטאַזשניק...

— ריכטיק. און היינט האָט דער לייטענאַנט מיך געטרייסט, אַז מען וועט מיר נישט געבן מער ווי פינף יאָר.

— אַט דאָס הייסט אַ טרייסטער. אַזוי טרייסטן קאָן נאָר אַ מענטש מיט אַ גרויסער רוסישער נשמה... — האָט וויקטאָר געפּסקנט.

וויקטאָר איז געווען באַריידעוודיק. ער האָט געפּלוידערט אָן אַ סוף וועגן טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן אויסגעפּילט דעם גאַנצן רוים פון זיין האַרץ, וועגן זיין קינדהייט, וועגן זיינע אוניווערסיטעט־חברים, און וועגן זיין ערשטער און גרויסער ליבע.

אַניוטאַ איז איר נאָמען. אַ קינד פון רוסישע עלטערן, נישט קיין גלייביקע. ווי קאָן אַ קאָמסאָמאָלקע זיין אַ גלייביקע? ער האָט געטראַכט אַז באַלד נאָכן פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט וועט ער זיך מיט איר פאַרשרייבן אין „זאַגס" און זיי וועלן ווערן מאַן־און־ווייב. נאָר: דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט... וואָס איז מיט איר געשען נאָך זיין אַרעסט, וואָלט ער וועלן וויסן. אַוודאי האָט מען איר נישט ווייניק אויסגעפּרעגט אויך וועגן איר. זאָל זי אויך זיך געוועזן צעצאָלן פאַר איר חברשאַפט מיט אים? ער האָט געהאָפט, אַז זי האָט אויסגעמיטן, מחמת זיין ביטחון, אַז דאָס וואָס האָט פּאַסירט מיט אים, איז אַ צייטווייליקע דערשיינונג, בלויז אַ טעות, אַן אומגעלומפּערטער טעות. מען וועט זיך פונאַנדערקלייבן, מען וועט אויסקלאָרן. מען וועט... ווייל... ער אַליין, וויפל ער האָט זיין לעבן און זיינע טוונגען נישט בודק געווען אין זיינע שלאָפלאָזע נעכט, האָט ער קיין שום פּגם נישט געפונען, נישט אין זיין ביאָגראַפיע, נישט אין זיינע מעשים, נישט אין זיין דענקען, אַז ער זאָל דאַרפן פיינצטערן אין קעלער פון אַט דעם גרוילן־אַנשטאַלט.

און אַט האָט מען וויקטאָרן ווידער אַרויסגערופן צום אויספאָרשער. און דער האָט אים געלאָזט אַראָפּריידן זיך פונעם האַרצן, נישט איבער־רייסנדיק אים. ער איז געווען גערירט פונעם בחורס אויפריכטיקייט, פון זיין אינטעליגענץ, פון זיין וויסן. ער האָט נישט געזען ביי אים קיין שום אָפּווייכונג נישט אויף לינקס, נישט אויף רעכטס, אַז מען זאָל אים קאָנען צופּראַווען עפּעס אַן אַרטיקל פונעם קאָדעקס. אַפילו דער שטרענגער און גרויזאַמער קאַפּיטאַן איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. וואָלט עס געווען אָפּהענגיק פון אים, וואָלט ער אים נישט פאַרהאַלטן קיין איינציקע איבעריקע רגע. אָבער... באַפעל בלייבט באַפעל! עפּעס אַ קרעצעלע מוז מען געפינען. אַנדערש וועט מען אים, דעם אויספאָרשער פאַרשרייען פאַר אַ שלימזל, אַ לאַ־יוצלח. מען מוז! קיין אומשולדיקע זענען נישט פאַראַנען. צי ער וועט יאָ, צי ער וועט נישט זיך אָנערקענען פאַר שולדיק — זיין פּסק־דין איז שוין געחתמעט. פון דאַנען גייט קיינער נישט אַרויס אַ ריינגעוואַשענער. עפּעס אַ צוויפל האָט ער דאָך אַ מאָל געהאַט, עפּעס האָט ער צווישן פיר אויגן, פאַר איר, פאַר אַניוטען, אַ מאָל אַ ליאַפּע געטאָן אויף דער סאָווע־

טישערווירקלעכקייט. צו וואָס זשע מאַטערן דעם אויספֿאָרשער און זיך אַליין און אפֿשר נאָך געפּייניקט ווערן אַזוי ווי מאיר. האָט וויקטאָר אונטער־געשריבן און — פּטור.

אַ שטיין איז אים אַראָפּ פֿון האַרץ.

נאָך יענעם ביינאַכטיקן אומגליקלעכן אינצידענט מיטן קאַפּיטאַן, האָט מען מאירן אַ צוויי דריי וואָכן געלאָזט צו רו. מ׳האָט אים נישט געשטערט דעם נאַכטשלאָף מיט שלעפּענישן אויף אַנסופֿיקע פֿאַרהערן. ער האָט אָנגע־הויבן קומען צו די כּוחות און זיך אויסגעגלייכט אויך גייסטיק.

פּלוצעם — מען רופֿט! מיט די זאַכן. וועלכע זאַכן? ער האָט דאָך גאָרנישט ניט געהאַט. ער האָט זיך צעקושט מיט וויקטאָרן, וואָס האָט באַוויזן אים אַריינשטופּן אין קעשענע זיין טאָרבעלע מאַכאָרקע, און צו די איבעריקע קאַמער־שכנים האָט ער שטילערהייט געזאָגט:

— און נישט קוקנדיק אויף אַלץ, דאַרפֿט איר נישט פֿאַלגן דעם ליבן יונגערמאַן. אויב איר זענט איבערצייגט אין אייער אומשולד, חתמעט נישט! גאָרנישט! אַפֿילו ווען מען וועט פּייניקן. מען דאַרף זיין אָרנטלעך, בלייבן אַ מענטש!

ניין. מ׳האָט אים נישט געפֿירט אויף אַ נייער אויספֿאָרשונג. מ׳האָט אויסגעמיטן די טאָרטור־קאַבינעטן, אים דורכגעפֿירט דורך עטלעכע קאָרידאָרן און אַרויס אין דרויסן. ער — פֿאָרויס, מיט די הענט אויף אָרונטער, די קאָנוואָירער — נאָך אים. ס׳איז נאָך געווען האַלב־פֿינצטער־לעך. מענטשן זענען נאָך געשלאָפֿן. דאָ און דאָרט האָט אַ האָן געקרייט, אַ הונט האָט געבולן. אַן איינציקער מאַן אין אַ גראָען פֿאַרשמאָלצענעם מלבוש האָט זיך געפֿעדערט צו דער אַרבעט. דאָס איז געווען דער פֿאָרשטאָט־ראַיאָן. שטויביקע, עלנטע געסלעך מיט אַ דאָרפֿיש אויסזען און מיט דאָרפֿישע ריחות.

וווּהין פֿירן זיי אים? האָט מאיר זיך געפֿרעגט.

דער וועג האָט זיך פֿאַרקערעוועט באַרג אַרויף. אויפֿן שפּיץ באַרג איז געשטאַנען אַ פֿאַרצייטיקער שלאָס מיט טורעמס און טורעמלעך, אַ געוועזענע פֿעסטונג פֿון די צייטן פֿון טשינגיס־כאַן.

אַהאַ, דאָס איז די צענטראַלע תּפֿיסה, אַרום און אַרום מיט אַ טיפֿן גראָבן, דערנאָך מיט אַ הויכן שטיין־פּאַרקן און אַ פֿאַרצוימונג פֿון שטעכל־דראָט. קודם האָט זיך געעפֿנט אַן אייזערנער טויער, דורך וועלכן זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין אַ שמאָלן און לאַנגן ליקל. ווידער אַן אייזערנער טויער. אין דער מיט פֿון דעם בלינדן, מיט אייזערנע פּליטעס פֿאַרקאָוועטן טויער האָט זיך געעפֿנט אַ פֿענצטערל און די קאָנוואָירער האָבן דער

אַרויסגעשטעקטער האַנט דערלאַנגט די באַגלייט־פּאַפּירן. באַלד האָבן זיך צעקלימפּערט אַ שלאָס און אַ ריגל. דער טויער האָט זיך געעפנט און זיי זענען אַריין אין אַ הויף מיט אַ צווייטן פּאַרקן און דראָט־פאַרצוימונגען, דורך וועלכן זיי זענען צוגעקומען צו אַ דריטן טויער, נאָענט פון וועלכן ס'האָט זיך געפונען די תפיסה־קאַנצעלאַריע. דאָרט האָט מען אים אַריינגע־פירט אין אַ קליין צימערל. מ'האָט אים באַפוילן זיך אויסטאָן אָדם־נאַקעט. מ'האָט באַזוכט זיינע קליידער. אויסגעטאַפּט אַלע נעט פון זיינע בגדים. נאָך דעם האָט מען אים געגומען אַריינקוקן אין אַלע ערטער פון זיין קערפּער, ווי ער וואָלט געקאָנט עפּעס אויסבאַהאַלטן... נאָך דעם איז אַריינגעקומען אַן עלטערע פרוי, אים געהייסן זיך אָנטאָן און אָפּגעפירט אין אַ צווייטן צימערל, ווו ס'איז געזעסן אַ יונגער בחור. יענער האָט אים אויסגעפרעגט און פאַרשריבן זיין נאָמען, עלטער, משפחה־באַשטאַנד, פּראָ־פעסיע, וווינאָרט, און אים אַריינגעשיקט אין אַ גרעסערן קאַבינעט, ווו ס'איז געזעסן דער נאַטשאַלניק בכבודו־ובעצמו. מאיר האָט אים אַ מאָל ערגעץ געזען און נישט געקאָנט זיך דערמאָנען ווו און ביי וועלכער געלע־גנהייט. אים איז געווען אַזוי גוט באַקאַנט דאָס שוואַרצע, פּעדאַנטיש אַרומ־געשאָרענע בערדל, דאָס ברוינע פּנים, די שטרענגע, דורכדרינגענדיקע אויגן. מיט אַ האַרטלעכן קול האָט ער געפרעגט אַריינקוקנדיק אין די פּאַפּירן:

— איר זענט אַ שרייבער?

— יאָ.

— פאַר וואָס האָט איר דאָס נישט אָנגעגעבן?

— וואָס פאַר אַ זין און באַטייט האָט עס?

— ס'האָט.

— איך פאַרשטיי עס נישט.

— שפּעטער וועט איר עס פאַרשטיין. איר האָט עפּעס אַ ביטע?

— איך וואָלט וועלן זען מיין פרוי און די קינדער.

—ליידער. דאָס איז נישט פון מיר אָפּהענגיק.

— צו וועמען דאַרף איך זיך ווענדן?

— מיט דער צייט וועט איר זיך דערוויסן.

די אַלטע פרוי האָט אים אָפּגעפירט אין באָד. דאָרט האָט ער דורכ־געמאַכט די דעזינפעקציע, אָפּגעראַזירט געוואָרן פונעם קאָפּ ביז די פיס מיט אַ שטומפּיקן גאָלמעסער, וואָס האָט געשקראַבעט זיין שאַרבן אַזוי, אַז ער האָט זיך געקרימט פון ווייטיק. אין פינצטערן באַדצימער האָט ער זיך געוואַשן אַזוי לאַנג, ביז מ'האָט אים אַרויסגערופן. די קליידער זיינע וואָס האָבן איצט געשמעקט מיט געזשאַרעטס, האָט ער אָנגעטאָן מיט פאַרגעניגן

אויפֿן נאַסן לייב און זיך דערפֿילט ייִנגער, פֿרישער, מונטערער. ביי דער טיר האָבן שוין געוואַרט אויף אים צוויי באַגלייטער. זיי האָבן אים אַריינגעפֿירט אין אַ לאַנגן קאָרידאָר מיט אייזערנע טירן פֿון ביידע זייטן. מ׳איז געגאַנגען טרעפּ אַרויף, טרעפּ אַראָפּ, דורך לאַבירינטן מיט אייזערנע טויערן און זייערע טריט האָבן אָפּגעהילכט אין דער ליידיקער שטילקייט פֿון די קאָרידאָרן. ביי איינעם פֿון די טויערן האָט אַ הויכער געשטופּלטער אויפֿזעער צוגענומען פֿונעם באַגלייטער דאָס פּאַפּיר, שטיל, נישט אויסריידנדיק קיין וואָרט, אים צוגעפֿירט צו אַ טיר, אויפֿגעשלאָסן, אַריינגעלאָזט אין אַ שמאָלער קאַמער, און זי צוריק פֿאַרריגלט.

מאיר איז געבליבן אַליין. די קאַמער איז געווען ליידיק. נישט קיין נאַרע, נישט קיין בענקל. מיד פֿון דעם פֿאַרטאָגיקן שפּאַציר, פֿון דער באָד און פֿון אַלע אַנדערע פּראָצעדורן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן צעמענט, זיך אָנגעלענט אין דער וואַנט און צוגעשלאָסן די אויגן. ער האָט זיך דערזען אין דער היים,ביים אָנבייסן, ווען רייזעלע פֿלעגט זיך צוזעצן אַקעגן אים אין קורצן, געקווייטלטן פֿאַרטעכל מיט אַ צעשיינטן פּנים. אויפֿן טיש איז געשטאַנען דער טיפֿער פּאָרצעלייענער סופּניק און אַ געשמאַקער ריח איז אויפֿגעגאַנגען פֿון דער הייסער כּלי. דערנאָך האָט ער זיך געזען אין בעט, פֿאַרטאָג, און רייזעלע זיצט אויפֿן ראַנד פֿונעם בעט מיט די נאַקעטע הענט און אָנגעקוואָלענע ברוסטן. זי בייגט זיך אַריבער צו אים און זאָגט: „זע נאָר, דו ביסט דאָ? און איך האָב אַ גאַנצע נאַכט אַזוי געבענקט נאָך דיר אין שלאָף. כ׳האָב זיך קוים דערוואַרט אויף דעם אין דער פֿרי, איך זאָל דיך זען”... און אָט האָט ער זיך געזען מיט זיינע קינדער שפּאַצירן אין דעם שיינעם פּאַרק ביים ברעג פֿונעם ים. ער פֿירט דאָס ברעקעלע אין אַ וועגעלע, וואָס ער האָט אויסגעמייסטרעוועט אַליין מיט די אייגענע הענט. זיי טרינקען ביים קיאָסק עפּעס אַ זויער געטראַנק פֿון וועלכן רייזעלע פֿאַרקרימט זיך, בררר... און אָט זעט ער זיך מיט איר אין פֿינצטערן קינאָזאַל. ער קושט אירע קליינע הענטלעך און זי קוקט אים אין די אויגן. ווען איז דאָס געווען? גאָט מיינער, ווי לאַנג איז פֿון דעמאָלט, ווי לאַנג? און אפֿשר איז דאָס קיין מאָל נישט געווען? אפֿשר איז דאָס נאָר אַ שיינער חלום, וואָס וועט זיך קיין מאָל נישט איבערחזרן? און דאָס האַרץ נאָגט, ציט, און עס ווילט זיך לייגן שלאָפֿן און מער נישט אויפֿשטיין. און עס ווילט זיך אַזוי לעבן!

די אויגן צוגעמאַכט, האָט ער זיך געקוויקט מיט זיינע זעונגען און איינגעשלאָפֿן.

וויפֿל ער איז געשלאָפֿן האָט ער נישט געוווּסט, נאָר אין דרעמל האָט ער דערהערט אַ פּאָרען זיך ביי דער טיר. ער האָט געעפֿנט די אויגן נישט

וויסנדיק צי ס'איז טאָג אָדער נאַכט. די טיר האָט זיך געעפנט און אין איר איז געשטאַנען דער פּראָקוראָר מיטן דרייגאָרנדיקן גוידער, באַגלייט פון עטלעכע ציווילע מענטשן און תּפיסה־אויפזעער. אויך דער תּפיסה־נאַטשאַלניק מיטן פּעדאַנטיש אָרומגעשאָרענעם בערדל צווישן זיי.

דער פּראָקוראָר האָט אַרויסגעשלעפּט אַ פּאַפּיר און פייערלעך געלייענט:

„באַשולדיקונגס־אַקט

פאַר דער אָנגעהעריקייט פון אַרעסטאַנט, מאיר שליאַכאָוואָי, צו דער רעאַקציאָנערער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דעם „דזשאָינט", וואָס איז אַ קאַמופלירטע שפּיאָנען־קערפּערשאַפט, און פאַר זיין בכוונה־תּחילה אויס־געפּלאַנירטער רציחה פון אַ סאָוועטישן זיכערקייט־אָפיציר, ווערט דעם אַרעסטירטן מאיר שליאַכאָוואָי אַרויסגעטראָגן די העכסטע שטראָף. דער פּסק־דין וועט אויסגעפילט ווערן אין דער באַשטימטער צייט. דעם פאַר־מישפּטן איז געגעבן דאָס רעכט צו אַפּעלירן אין משך פון אַ חודש צייט, פאַרן העכסטן מיליטערישן טריבונאַל, אָדער פאַר דעם אייבערראַט".

אַ קאָפּיע פונעם פּסק־דין האָט ער געגעבן מאירן.

— צו וואָס דאַרף איך די קאָפּיע? — האָט ער געפרעגט אין גאַנצן אַ רויקער. — איך זאָל זי מיטנעמען מיט זיך אויף יענער־וועלט ווי אַ דיפּלאָם, אָדער מיט אייער דערלויבעניש אָפּשיקן זי צו מיין משפּחה, ווי אַ סוווועניר, אַז מיינע קינדער זאָלן שפּעטער וויסן, אַז זייער טאַטע האָט באַצאָלט מיט זיין לעבן פאַר דעם וואָס ער איז אַ ייד?

דער תּפיסה־נאַטשאַלניק האָט זיך צוגעהערט צו דער צערעמאָניע און זיינע שוואַרצע אויגן זענען דאָס מאָל געווען עפּעס טיפער און אָנגעגאָסענע מיט טרויער. ווען דער פּראָקוראָר מיט זיינע באַגלייטער האָבן פאַרלאָזט די קאַמער, האָט מאירן זיך געדאַכט, אַז דער נאַטשאַלניק האָט מיט אַ כוונה זיך פאַרהאַלטן עפּעס לענגער.

— אַנטשולדיקט, — האָט מאיר אויסגענוצט די רגע, — איר זענט נישט זאַזאַסאַ מאַכמאַדאַוו?

ער האָט אַ שמייכל געטאָן ווי צופרידן, וואָס ער האָט אים דערקענט און שנעל אַוועקגעשפּאַנט נאָך דער סוויטע.

ניין, מאירן האָט זיך דאָס נישט געלייגט אויפן שכל. אַ געזונטער מאַנצביל מיט אייזערנע מוסקלען, מיט אַ שטאַרקן ווילן צום לעבן, אַ לעבנסלוסטיקער, באַוועגלעכער סאַנגוויניק וואָס האָט זיך געפרייט מיט דער זון, מיט יעדן געוויקס, מיט דער ליבע צו פרוי, צו קינדער, צו חברים, און פּלוצעם זאָל מען אים צושטעלן צו דער וואַנט און פּיף־פּאַף... אַ קויל זאָל דורכלעכערן זיין האַרץ.

און דאָך — דער טויט שטייט נישט אָפּ פון אים קיין רגע. ער שטייט פאַר אים, דער טויט, און באַהערשט אַלע זיינע מחשבות. נישט וועגן דער וויטיקלעכקייט פון דער לעצטער רגע האָט ער געטראַכט... וויפל געדויערט דען פון דער רגע, וואָס די קויל קריכט אַריין אין לייב, ביזן אויסהויכן די נשמה? אַ פינטל מיטן אויג. און רייזעלע וועט אַפילו נישט וויסן, אַז אויך אין דער לעצטער רגע האָט ער געקלערט וועגן איר און די קינדער.

ער האָט געשפּרייזט אַהין און צוריק אין דער שמאָלער קאַמער און געציילט די טריט אין דער הויך, ווי ער וואָלט וועלן פאַרטויבן די געדאַנקען וועגן טויט, וואָס האָבן אים אָנגעגריפן אָן אַן אויפהער.

איינס, צוויי, דריי — פאַרויס! איינס, צוויי, דריי — צוריק! און נאָך אַ מאָל און ווידער דאָס זעלבע, ביז ער איז מיד געוואָרן, זיך אַוועקגעזעצט אויפן צעמענטענעם דיל און ווידער איינגעשלאָפן, און אין שלאָף — ווידער משוגענע חלומות. זיי האָבן זיך געשפּונען אָן אַן ענדע, אָן אַ צוזאַמענהאַנג. געשטאַלטן האָבן זיך באַוויזן פון דער קינדהייט, צורות פון חברים, מיט וועמען ער האָט פון לאַנג זיך נישט געטראָפן און פון זיי אַפילו נישט געקלערט. און אָט איז ער ביים ראַנד פון אַ תהום. ער האַלט זיך מיט די לעצטע כוחות אין וואָרצל פון אַ בוים און צי רייזעלע, צי זיין מוטער, לויפט מיט אַ געיאָמער אים צו ראַטעווען. ער וויל שרייען און קאָן נישט.

ווידער אַ קלימפּער אין טיר. ער כאַפּט זיך אויף און פאַר אים שטייט מאַכמאַדאָוו, דער נאַטשאַלניק פון תפיסה. מאיר האָט זיך אויפגעשטעלט.

מען וועט אייך באַלד איבערפירן, שליאַכאָוואַי, אין אַן אַנדער איינצל־קאַמער מיט אַ נאַרע. אָבער אַריינגעקומען בין איך צוליב עפּעס אַנדערש...

ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ הקדמה וועגן די מעלות, וואָס ער האָט וועגן אים געהערט ווי וועגן אַ שרייבער, דאָס הייסט אַ קלוגער מענטש, דערפאַר דאַרף ער אויסנוצן דעם שאַנס, וואָס איז אים געגעבן און זיך ווענדן צום אייבערראַט וועגן באַגנעדיקונג. נו, באַגנעדיקן אין גאַנצן איז אַוודאי נישט געמאָלט, אָבער די שטראָף קאָן פאַרביטן ווערן אויף אַ מער וויכערער.

— בעטן באַגנעדיקונג באַטייט, זיך מודה זיין אין פאַרברעכנס, וואָס איך בין נישט באַגאַנגען.

— און דער פּרווו פון אַ רציחה?

מאיר האָט געעפנט די אויגן אַ פאַרחידושטער.

— אַ פּרווו? הייסט עס, אַז איך האָב אים נישט דערהרגעט?!

— דאָס איז אייער מזל... ער לעבט. דערפאַר האָט איר אַלע שאַנסן באַגנעדיקט צו ווערן. איר האָט נאָך צייט זיך צו באַטראַכטן. זאָגט נישט, אַז אייער באַשלוס איז ענדגליטיק און קאַטעגאָריש. כ'וועל אייך ברענגען

אין מיין קאַנצעלאַריע, איך געבן אַ הענטל־פּען, פּאַפּיר... קלאַפּט אָן אין טיר ווען איר וועט באַשליסן, וועט דער אויפזעער איך ברענגען צו מיר.

יעדן פּאָר טאָג, אַרום פיר אַ זייגער און אפשר פריער, הייבט אָן ערגעץ נאָענט צו אַרבעטן אַ טראַקטאָר. ער קנאַקט, טאַראַכקעט מיט גרויסן אימפּעט און אין מיטן טאַראַכקען הערן זיך שיסערייען, אַ שאָס נאָך אַ שאָס. זיי זענען די שאָסן נישט ענלעך צו גאַז־אויסברוכן אין מאָטאָר, ווי אַנדערע מיינען. אַנדערע מיינען, אַז ערגעץ נאָענט קומען פאָר עקזעקוציעס, און דאָס קנאַלעריי פון די ביקסן ווערט פאַרטויבט מיט דעם טראַקטאָר־געבראַזג.

מאיר שלאָפט נישט, ער הערט זיך צו צו די טריט לענג־אויס דעם קאָרידאָר. ווער גייט? ער הערט ווי עס שליסן זיך אויף און ווי עס פאַר־שליסן זיך טירן און אַ שעפּטשעריי. וועמען פירט מען אַרויס, וועמען פירט מען אַריין? שאַ, שאַ, דאָס האַרץ שטעלט זיך אָפּ. צי גייט מען נישט צו זיין טיר? ער האָט דאָך אַרויסגעוויזן פריִער אַזוי פיל מוט, אומדערשראָ־קנקייט און גרייטקייט צו דער גורלדיקער רגע. פאַר וואָס זשע ציטערט זיין גאַנצער גוף אין אַנבליק פון דעם, וואָס איז אים אָנגעשריבן. ווען וועט דאָס געשען? ער וועט אַראָפּגיין אין קבר אין איינעם מיט זיין שאָטן? נישט מאָרגן, נישט איבערמאָרגן. מ'האָט אים דאָך געגעבן אַ חודש צייט אויף אויסצוקליאַנטשען אַ באַגנעדיקונג. וויפל איז אים נאָך געבליבן פונעם חודש? ער שלאָפט נישט דורך די נעכט, און ביי טאָג לאָזט מען נישט שלאָפן. „ביע ספּאַט!" — קלאַפּט דער אויפזעער אין דער טיר. ווו נעמט מען כוח אויסצוהאַלטן? און צוליב וואָס אויסהאַלטן, צוליב וואָס?

דער טראַקטאָר טאַראַכקעט נאַכט נאָך נאַכט, אָן אַ סוף. גאָט, האָט מאיר געטראַכט, צי דען איז דאָס טאַקע אמת און יעדע נאַכט קומען פאָר עקזעקוציעס? אַזוי אין אַלע פילצאָליקע תפיסות אין דעם אומגעהייערן לאַנד קלאַפּן טראַקטאָרס אין דער דאָזיקער שעה? צוליב דעם זענען באַשאַפן געוואָרן טראַקטאָרס? איז ער נאָך מסוגל צו דענקען, אַנאַליזירן, אָפּוועגן וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען, אָדער ער איז שוין אַ דערשאָסענער, נאָך איידער מ'האָט אים צוגעשטעלט צו דער וואַנט?

צום ווייפלטסטן מאָל לייענט ער די אויפשטריפטן אויף דער וואַנט:

„נישטאָ גאָרנישט אין לעבן אַחוץ דעם לעבן."

„נעם צו מיין לעצטן לופטקוש, טייערע מיינע."

„אויב דאָס איז פרייהייט, טאָ וואָס איז קנעכטשאַפט?"

„אויב דאָס איז צדק, טאָ וואָס איז אומרעכט און ווילקיר?"

ער האָט אויך געוואָלט פאַרשרייבן עפּעס אַ געדאַנק. לזכר. נאָר מיט

וואָס? מיט די נעגל? פּלוצעם האָט ער אין די אונטערשטע וואַנטלייסטן ביים דיל, באַמערקט דאָס אַרויסשטעקנדיקע קעפּל פון אַ טשוועקל. ער האָט עס אַרויסגעשלעפּט, אַ דערפרייטער, און אויפמערקזאַם צום „קוקערל" אין דער טיר, צי עס שטעקט נישט דאָרט דאָס שטעכיקע אויג פונעם אויפזעער, האָט ער אויסגעקריצט:

„דערפאַר, ווייל אומשולדיק זיין איז ביי אונדז אין לאַנד אַ פאַרברעכן, ברענגט מען אום אַלע אומשולדיקע."

ער איז געווען צופרידן, גלייך יעדעס וואָרט פון זיין אויפשריפט איז אַ בראַנדז־טינטער אין די קעפּ פון דער גאַנצער אַכזרישער הערשער־קליקע. אָבער באַלד האָט געגומען ווידער עקבערן דער געדאַנק וועגן פּסק־דין און רייזעלען.

רייזעלע, צי ווייסט זי שוין וואָס מיט אים האָט געטראָפן? וועט זי גלייכן, אַז ער איז באַגאַנגען אַ גוואַלדטאַט איבער אַן אַכזר, וואָס האָט זיך איבער אים איזדיעקעוועט? וועט זי זיך אַ מאָל דערוויסן, פאַר וואָס ער איז חיב מיתה?

„רייזעלע, רייזעלע" — האָט ער געמורמלט און צוגעדריקט דעם אויער צו דער אייזערנער טיר. עמעצער גייט. עמעצן פירט מען. אַ צום טויט פאַרמישפּטן? ער גייט נישט, ער וואַקלט מיט צוויי ליימענע פיס. ער שרייבט מיט זיי די לעצטע שורות פון זיין לעבנס־געשיכטע, וואָס אָט, אָט און — אַ סוף.

ס'איז שאַ־שטיל. דריי שפּאַן אַהין, דריי שפּאַן צוריק. די פּוסטקייט שרעקט אים שוין ניט מער. דענקט ער נאָך? איז אים נאָך נישט אָפּגענומען געוואָרן די דאָזיקע פעיִקייט? פאַר וואָס זשע קומט נישט דאָס וואָרט, אַז ער זאָל קאָנען די געדאַנקען זיינע ברענגען אין אַ סדר? דריי שפּאַן אַהין, דריי שפּאַן צוריק. וויפל קילאָמעטערס האָט ער שוין אויסגעשפּאַנט פון וואַנט צו וואַנט אין משך פון די טעג, וואָס ער איז דאָ? דריי שפּאַן אַהין, דריי שפּאַן צוריק. וויפל מענטשלעכע לעבנס טליִען דאָ אויס, ווי די האַלאָוועשקעס, אין די קאַמערן? מענטשן, מענטשן וואָס מאָגען שוין גאָר־נישט אַחוץ אפשר דעם חסד, אַז דאָס וואָס דאַרף געשען, זאָל געשען וואָס גיכער. דריי שפּאַן אַהין, דריי שפּאַן צוריק. אַ שאָד וואָס ער האָט נישט קיין ברענענדיקן פאַקל, ער וואָלט אים אַ שליידער געטאָן אין די שטיינערנע מויערן און זאָלן זיי ברענענדיקע אַ קראַך טאָן מיט אים אין איינעם, מיט אים אין איינעם. זיין חלום הענגט אַ קויטיקער אויף די גראַטעס, ווי אַ נישט־אויסגעוואַשן העמד. וואָס פאַר אַ מעטאַפאָרן קומען אים אין זינען. גראַטעס, גראַטעס! פריִער האָט ער געמיינט, אַז פון יענער זייט איז די פריי. איצטער פאַרשטייט ער, אַז אויך אין יענער זייט זענען פאַראַן

גראַטעס. גאָט מײַנער, פֿון װאַנען נעמען זיך אַזױ פֿיל גראַטעס? אױף די װענט — עפּעס מאָדנע פֿלעקן. זײ װיגן זיך, ציטערן, װאַרפֿן זיך װי צעהאַקטע שטיקער פֿון אַ שלאַנג. אין דרױסן, אױף די פֿאַרזשאַװערטע שטעכלדראָטן הענגט דאָס געװײן פֿון געקרײַציקטן לעבן, פֿון פֿאַריתומטע קינדער... דרײַ שפּאַן אַהין, דרײַ שפּאַן צוריק!

איז עס אמת, אַז דער טױט הײבט זיך אָן מיטן געבױרן װערן? מיט יעדן טאָג דערנענטערט מען זיך צו אים. אָבער ער, מאיר, שרעקט זיך נישט פֿאַר אים. אפֿשר דערפֿאַר װײַל ער גלײבט נישט, אַז ער איז נאָענט?

חלומות. אױף דער װאָר און נישט אין שלאָף. און גאָר װי אין חלום שפּרינגען, פּלאָנטערן זיך אַזױ די רעיונות. אים חלומט זיך אַ גיליאָטינע. האָט ער דען געטראַכט פֿון אַ גיליאָטינע? פֿון װאַנען קומט זי אין זײַן חלום? אים חלומט זיך דער קאַפּיטאַן, ער שלאָגט אים מכות־רצח, דער אַכזר, און מאיר פֿילט אין חלום שרעקלעכע װײטיקן, װי דעמאָלט אין דעם פּײַניקונגס־קעלער, אַז ער זעט שױן אין טױט אַן אױסלײז און אין דער זעלבער צײַט װיל ער, אַז דאָס זאָל נישט געשען, נישט געשען!

װידער איז געקומען דער נאַטשאַלניק. פֿאַר װאָס לײגט ער זיך אַזױ אַװעק דער דאָזיקער „נאַצמען" צו ראַטעװען זײַן לעבן? ער איז אים געפֿעלן, דער דאָזיקער יונגערמאַן מיטן אָפּגעברױנטן פּנים, מיט װעלכן ער דערמאָנט שטאַרק אין זײַן פֿאָטער, דעם פֿאַלקספֿאָעט. װי בײַם פֿאָטער זענען די אױגן זײַנע טרױעריקע, אָנגעצאַפּט מיטן צער פֿון זײַן באַרגפֿאָלק... װי קומט צו דעם גרױסן ליריקער אַ זון אױף אַזאַ מין אָמט? און לױט אַלע סימנים איז ער, װײַזט אױס, אױך נישט פּאַסיק פֿאַר דעם אַמט פֿון אַ „טיורעמשטשיק".

— װאָס װעט טראַכטן אײַער פֿאָטער װעגן מיר, — האָט אים געזאָגט מאיר, — װען איך װעל מיך לאָזן איבעררײדן? איך שעץ אים זײער, װי שעצן ס'קען נאָר אַ זון. ער האָט מיר שטאַרק געהאָלפֿן, װען דער גורל האָט מיך אַרױסגעװאָרפֿן אױף אָט דעם באָדן. ער איז מיר געװען אַ חבר, אַ פֿרײַנד, אַ פֿאָטער. װאָס װעט ער טראַכטן? אַז ער האָט געהאָלפֿן אַ מענטשן װאָס איז געקומען אַהער מיט פֿאַרברעכערישע כּװנות?

— קודם־כּל דאַרף מען אָפּראַטעװען דאָס לעבן. נאָך דער מלחמה װעט מען זיך פֿונאַנדערקלײַבן. פֿאָלגט מיך שליאַכאָװאַי, און אױב איר װילט װיסן דעם אמת איז דאָס אױך דער װוּנטש פֿון מײַן פֿאָטער... אײן לעבן איז אונדז געגעבן, טאָר מען נישט מװתּר זײַן אױף דעם.

— און אױסבײַטן טױטשטראָף אױף אײביקער קאַטאָרגע, איז װאָס? אײביקע קאַטאָרגע אָן דער מינדסטער האָפֿענונג זיך אומצוקערן אַ מאָל

צו מענטשן, צו דער געזעלשאַפֿט, צו דיין באַרוף, און... צו דיין משפחה...

— איר האָט אַ טעות — האָט דער נאַטשאַלניק געזאָגט. — ס'האָט יאָ אַ זין. כאָטש צוליב אייער משפחה. מיין פֿאָטער העלפֿט אייער פרוי ווי ווייט מעגלעך. ליידער זענען זיינע מעגלעכקייטן באַגרענעצטע, נישט ריידנדיק שוין פֿון דעם, אַז נישט געקוקט אויף זיין נאָמען און געזעלשאַפֿטלעכער פּאָזיציע, איז די פֿאַרבינדונג מיט אייער משפּחה ריזיקאַליש.

מאיר האָט מיט די דלאָניעס זיך פֿאַרשטעלט די אויגן. ער האָט געוויינט.

צוויי מיט אַ האַלבן חדשים זענען פֿאַרביי. קומט איין מאָל מאַכמאַדאָוו, אַ צעשייינטער און פֿאַכעט מיט אַ פּאַפּיר:

— נאַט, לייענט!

מאירן האָט געשווינדלט פֿאַר די אויגן און ער האָט דאָס איבערגעלייענטע נישט באַלד באַנומען. געשריבן האָט זיך אין פּאַפּירל, אַז דעם טויטשטראָף האָט מען בטל געמאַכט און פֿאַרביטן מיט 15 יאָר איזאָלאַציע אין אַ שטרענג־רעזשימיקן לאַגער.

פופֿצן יאָר? דאָס איז דאָך נישט לעבנסלאַנג. ער האָט געכאַפּט, הייסט עס, אַ כשרע מציאה, הגם ביי זיי קאָן מען זיך ריכטן אויף אַלצדינג. מענטשן זיצן דאָך אָפּ זייער טערמין און דערנאָך פֿאַרהאַלט מען זיי ביז... אַ „ספּעציעלער פֿאַראָרדענונג”, און אויף דער פֿאַראָרדענונג קאָן מען וואַרטן אַ לעבן לאַנג...

מאַכמאַדאָוו האָט געזאָגט:

— נישט פֿאַרלירן דעם קאָפּ! מענטשן אינטערעסירן זיך מיט אייך. עפּעס טוט מען פֿאַר אייך, כאָטש איר ווייסט מיסתּם גאַנץ גוט, אַז אין די ענייִנים שטעלט זיך קיינער נישט איין זיך אַריינצומישן, און דאָך... אפֿשר וועט עפּעס זיך דאָך באַקומען!

— מעג איך אייך אַ דריק טאָן די האַנט? — האָט מאיר געפֿרעגט. — אייך און די מענטשן וואָס אינטערעסירן זיך מיט מיר. ווי האָבן זיי קיין מורא נישט זיך איינצושטעלן?

— היינט נעם איך אייך אַרויס פֿון דאַנען און פֿיר אייך אַריבער אין אַן אַלגעמיינער קאַמער.

אַריינקומענדיק אין קאַמער איז מאיר נשתּומם געוואָרן. מענטשן, מענטשן ווי הערינג אין אַ פֿאַס. זיצנדיקע, ליגנדיקע, די ענגשאַפֿט — אין לשער. מענטשן, וויסטע, פֿאַרשוואַרצטע, האָבן זיך געוואַלגערט אויך אונטער די נאַרעס. צו אים זענען צוגעקומען אַ פּאָר חבֿרה־לייט, אין וועלכע

ס׳איז נישט שווער געווען צו דערקענען די „אַריסטאָקראַטיע״ פון די טורמעס.

— שלום־עליכם, בראַטאָק, וואָס גוטס האָסטו געבראַכט צו דערקוויקן די נשמה? זיי אַזוי גוט, לייג אַרויס אַלצדינג פון די קעשענעס: געלט, מאַכאָרקע, אַלץ!

— און אַז נישט?

— און אַז נישט, וועט דאָס איבערגעריכט באַשטימען דעם פסק...

— זייט זשע וויסן חברה, אַז געלט האָב איך נישט, מאַכאָרקע ווען איך וואָלט האָבן, וואָלט איך אייך אויך נישט געגעבן. נישט דערפאַר, ווייל איך האָב נישט ליב צו געבן, נאָר ווייל איך האָב פּיינט רויבער...

איינער האָט אַ נעם געטאָן מאירן ביים לאַץ, נאָר אַ זעץ אין דער מאָרדע האָט דעם פאַרשוין צעטומלט און ער האָט אַ פאַל געטאָן אויפן דיל. דער צווייטער האָט זיך צוריקגעצויגן מיט קריצנדיקע ציינער.

— נישקשה, וועסט אונדז נאָך דערקענען...

וואָס פאַר אַן איבערראַשונג איז געווען פאַר אים, ווען ער האָט דערהערט אַ פאַרוואונדערט קול אויסשרייען זיין נאָמען.

דאָס איז געווען וויקטאָר.

— איר זענט נאָר אַריבער די שוועל, האָט איר זיי באַלד דערלאַנגט אייער וויזיט־קאַרטל. זיי באַקומען דרך־ארץ פאַר אַ שטאַרקער פויסט. קומט אין אונדזער ווינקל, מירן אייך מאַכן אַ פּלאַץ. ווי איר זעט, איז נאָר די סטעליע נאָך נישט באַזעצט.

— איך זע אַז זי איז באַזעצט, און דווקא גוט באַזעצט, די סטעליע, מיט וואַנצן...

וויקטאָר האָט אַריינגענומען מאירן צווישן זיך און אַ „נאַצמען״, האַרט לעבן דער „פּאַראַשע״. צוויי חדשים ווי ער שמעקט זיך אָן מיטן ריח־ניחוח, וואָס טראָגט פון דעם פעסל, אָבער אַריבערפּעקלען זיך אויף אַן אַנדער אָרט איז דערווייל נישט מעגלעך. ער וואָלט געווען גליקלעך, ווען מע שיקט שוין אַוועק ערגעץ, ווו דער רוח זאָגט אַ גוטע נאַכט, אַבי אויסגעלייזט צו ווערן פון דער עיפּושדיקער גרוב. ווי אַ ווערעך אויף דער מכה זענען די רעצידיוויסטן, וואָס אין איינעם מיט די וואַנצן זענען זיי שותפים צו די באַצווינגער. עטלעכע חברה בלויז און טעראָריזירן אַ גרויסע קאַמער, אַן אָנגעשטאָפּטע מיט מענטשן.

— פאַר וואָס לאָזט מען זיך?

— פאַר וואָס? אינטעליגענטן זענען שוואַכלינגען, פּחדנים.

— אַכמעד אויך?..

אַכמעד אַכמעדאָוו זייער שכן, אַ טשעטשענעץ, איז געווען אַ הויכער, צעוואַקסענער בחור מיט הענט ווי די האַמערס פון אַ שמיד.

ער לאָזט זיך אויך מאַכן צו חוזק פון די וואַנצן? פאַר די אורוסן האָט ער נישט מורא געהאַט, געקראָכן אין די בערג מיט די ווידערשטענדלער באַפרייען זיין קאַנט און פאַר אַט די מייז האָט ער מורא?

אויך דער קליינער מיטקע איז דאָ געווען, דאָס יינגעלע וואָס האָט נישט אויפגעהערט וויינען: „מאַ—מע!" אָ, מיטקע, האָט פאַר די לעצטע חדשים אַ סך געלערנט. ער האָט געמאַכט אַ גרויסן פאַרשריט. די אונטער־וועלט האָט אים אַריינגענומען אין איר חדר. און מען קאָן נישט לייקענען, דער קליינער איז אַן אמתער „עילוי". ער האָט באַקומען שאַרפע נעגל פון אַ יונג חיהלע, ווען עס ווערט זעלבשטענדיק און עס גייט שוין אַליין אויף פאַנג, כדי צו פאַרזיכערן זיין קיום. אין די אונטערוועלט־זידלערייען איז ער געוואָרן אַ גאַנצער ווירטואָז, איבערראַשנדיק אַפט זיינע פּראָפעסאָרן. ער סטראַשעט שוין די אַלטע לייט מיט אַ מעסער, וואָס איין גאָט ווייסט פון וואַנען ס'איז צו אים געקומען.

אין אַ טאָג אַרום נאָך מאירס אַריבערגיין אין דער אַלגעמיינער קאַמער, האָט ער באַקומען אַ „פּעקל" און שטאַרק זיך דערפרייט: רייזעלע! אָבער ווי פאַרווונדערט איז ער געווען, ווען אַריינקומענדיק אין צימער ווו מ'האָט אויסגעטיילט די פּעקלעך, האָט ער געטראָפן דעם אַלטן צאַדאַסאַ מאַכמאַדאָוו. מאיר איז צוגעפאַלן מיט זיין אָפּגעראַזירטן קאָפּ צו זיין ברוסט.

— נו, נו טייערינקער, שווייגט. אַלצדינג איז קלאָר. זייט מוטיק!

דער אַלטער פאַלקסדיכטער האָט אים אַרומגענומען, געדריקט די האַנט און זייטיק זיך אַרויסגעגליטשעט פון צימער.

צוויי טעג פאַרן אָפּפאָרן מיטן עטאַפּ האָט דער אַלטער פאַלקסדיכטער אויסגעבעטן פאַר מאירן אַ זעעניש מיט רייזעלען. זיי זענען געשטאַנען פוןביידע זייטן גראַטעס און געקוקט איינער אויפן אַנדערן, ווי זיי וואָלטן וועלן פאַרזיגלען אין זכרון זייערע שטריכן אויף אייביק.

רייזעלע איז געווען בלאַס. איר פּנים האָט זיך אויסגעצויגן. ווער ווייסט, צי זי מיט די קינדער האָבן עסן צו דער זעט. אונטער אירע אויגן האָבן זיך באַוויזן דינע קנייטשעלעך. די פּעך־שוואַרצע האָר אירע זענען דורכגעוועבט געוואָרן מיט דינע זילבער־פעדעמלעך. זי האָט געקאָנט דורך די גראַטעס אים אַ גלעט טאָן מיט איר קליינעם הענטל. ער האָט דאָס הענטל געקושט און דערפילט, אַז ס'איז געוואָרן שאַרסטקע, פאַרגרעבט. פון וואָס? וואָס טוט זי? וואָס פאַר אַן אַרבעט? און זי האָט באַוואַשן זיינע הענט מיט אירע טרערן, וואָס האָבן אָן אויפהער זיך געגאָסן פון אירע אויגן. די צען

מינוט האָבן זיך פֿאַרענדיקט גיך. מ׳האָט אים צוגענומען פֿון די גראַטעס. אויס. צי דען אויף שטענדיק?

ווהין מען שיקט, אין וועלכע קאַנטן און אויף וואָס פֿאַר אַן אַרבעט — קיינער האָט נישט געוווּסט און נישט געדאַרפֿט וויסן. איצט ביסטו קיינער. איצט ביסטו איינער פֿון דער סטאַדע. ווידערשפּעניקן? — אַן אומזין.

מאיר איז אַריינגעפֿאַלן אין איין גרופּע מיט וויקטאָרן און אַכמעדאָוון. ווידער האָט מען בודק געווען יעדע נאָט אין די קליידער. צוגענומען יעדעס פּאַפּירל, אַ בריוול פֿון דער היים צי סתם אַ צייטונגס־פּאַפּירל צו פֿאַרר־ייכערן, אַפֿילו אויסגעשאָטן די מאַכאָרקע.

פֿאַר וואָס?

נישט פֿרעגן פֿאַר וואָס. שווייגן! נישט „קריכן אויף די הערנער״. אַזוי ווילן זיי. זיי — די העכסטע מאַכט, און זייט אַזוי גוט, וואַרפֿט זיך אונטער יעדן באַפֿעל, מעג ער אייך געפֿעלן צי נישט.

דער פּאָדפּאָלקאָווניק וואָס האָט איבערגענומען די מחנה, האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע, ווי אַזוי מען דאַרף זיך פֿירן אין וועג. „די הענט אַרונטער, די אויגן צוגעקאָוועט צום שכנס קנאַפּל. נישט קוקן אויף רעכטס, נישט אויף לינקס. נישט אַרויסגיין פֿון דער ריי, דאָס וועט באַטראַכט ווערן ווי אַ פּרווו צו אַנטלויפֿן, און יעדערער, וועמען עס וועט עובר זיין אויף דעם באַפֿעל, וועט דערשאָסן ווערן אָן אַ וואָרענונג.

פֿאַרשטאַנען?

אַלצדינג הייסט פֿאַרשטיין? אַרום דער קאָלאָנע — ייִנגלעך מיט אויטאָמאַטן. טאָ זיי אַזוי גוט, און — דרך־ארץ, אויב דאָס לעבן איז דיר טייער!

מ׳האָט די מחנה געפֿירט דורך דער גאַנצער הויפּטגאַס באַרג אַראָפּ. אָט גייען זיי פֿאַרביי אויך מאירס היים. ס׳איז געוואָרן אַן אַנגעלאָף פֿון ווייבער, קינדער. זיי זענען געלאָפֿן אַנטקעגן דער מחנה און נאָך דער מחנה. יעדערער האָט עמעצן אין דער מחנה געהאַט...

— אַזויפֿיל שונאים! — האָט עמעצער געזאָגט מיט גאַל.

— און די אַלע אויף דער פֿריי, וואָס זענען זיי?

מאיר האָט באַמערקט רייזעלען. זי האָט געוואָלט זיך אַ לאָז טאָן צו אים, ווי אַ סך אַנדערע ווייבער. דער סאָלדאַט האָט אויסגעקערעוועט דעם אַוטאָמאַט. געטריבן, געשליידערט, נאָר זי איז געלאָפֿן נאָך דער מחנה, פֿאַכנדיק מיט ביידע הענט ווי אַ פֿויגל, וואָס וויל זיך אָפּרייסן פֿון דער ערד. ער האָט געזען אַז זי איז שוין מיד פֿון לויפֿן, אַז זי פֿאַלט שוין פֿון

די פיס. נאָר זי האָט זיך דערשלעפּט ביז צום רעלס, ווו די וואַגאָנען זענען געשטאַנען און וווהין צוקומען זי האָט שוין נישט געקאָנט.

— אויף די קני ! — איז געקומען דער באַפעל.

זיבן הונדערט מענטשן, ווי זיבן הונדערט ראָבאָטן אָן אייגענעם ווילן, אָן מידסטער דערווידערונג האָבן פּינקטלעך אויסגעפילט דעם באַפעל. די היץ איז געווען גרויס. גליִענדיקע לופטכוואַליעס האָבן זיך געגאָסן אויף זיי ווי פון ברענענדיקע קעסלען. מענטשן האָבן געחלשט, מענטשן האָבן באַ־קומען אַ זונשלאַק. ס'איז געוואָרן אַ טרעוואָגע. אין גרויסן אימפּעט האָט מען גענומען אויפלאָדן די מענטשן אין די וואַגאָנען. אינעווייניק איז געוואָרן אַ בהלה, אַ זידלעריי. יעדערער האָט געוואָלט פאַרכאַפּן אַ בעסער אָרט, גלייך די ערטער אין די בהמה־וואַגאָנען, פאַרוואַנדלטע אין וואַנדער־תפיסות, וואָלטן נישט געווען אַלע ענלעך איינס צום אַנדערן. קראַנקע האָבן געקרעכצט. וואַסער איז נישט געווען. קללות, געשרייען, קלאַפּעניש אין די טירן. אויף די גרעסערע סטאַנציעס פלעגן עפענען זיך האַסטיק די טירן. מיט אַ טומל פלעגן אַריינלויפן עטלעכע זעלנער, בילנדיקע ווי די הינט און געשטויסן די מענטשן, באַזוכט אַלץ, אויסגעקלאַפּט מיט הילצערנע האַמערס יעדן וואַגאָן־ברעטל — צי איז נישטאָ ערגעץ אַ סימן פון אַ פּרווו צו מאַכן פליטה ? דער וועג קיין סיביר איז אַ לאַנגער, און אין וועג ווערן קראַנקע איבערגעפירט אין אַ סאַניטאַרן וואַגאָן, פון וואַנען זיי קערן זיך שוין נישט אום. וואָס ווייטער איז אין וואַגאָן געוואָרן גראַמער, וואָס ווייטער איז אויך געוואָרן קילער.

מאיר האָט כמעט נישט גערעדט, געווען צופרידן וואָס ער האָט געקראָגן אַ פּלאַץ אויף דער נאַרע און געקענט זיך אויסשטרעקן. איז ער געלעגן, פאַרטיפט אין זיינע רעיונות.

רייזעלע, האָט ער געטראַכט, וואָס טוט זי איצט דאָרטן מיט די קינדער ? ווי קומט זי אויס אָן אים ? וועט די האַנט פונעם נוקם־ונוטר נישט טרעפן אויך זי, ווי די פּרוי פון אַ שונא ? וואָס זשע וועט דעמאָלט זיין מיט די קינדער ?

ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פאַרקראַטעוועטן פענצטערל : אומעטיקע פעלדער זענען געלאָפן צוריק, פעלדער, פאַרזייטע מיט אַראָפּגעשלאָגענע און צעשמעטערטע עראָפּלאַנען, מיט צעדרייטן און צעקרימטן אייזנוואַרג פון מלחמה־מכשירים. דער ווייטער הימל האָט אָט אויפגעלויכטן, אָט זיך געלאָשן.

די געדאַנקען האָבן געשלאָגן אין זיין שאַרבן אַ ברויזיקע כוואַליע נאָך אַ כוואַליע. ער האָט זיך אַליין אַנאַליזירט זיין לעבן און זיין גיין דורכן וואַלד פון אידעעס. איין סטעזשקעלע האָט ער געפונען — אַ קלאָרס, וואָס

האָט אים אַרויסגעפירט צו אַ ליכטיקן האָריזאָנט. ער איז געגאַנגען צו אים גלייביק. אָבער ווי נאָר ער איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דעם ענקאַ־וועדע־בנין, האָט ער באַלד איינגעזען אַז ער האָט אָפּגעלעבט זיינע שענסטע יאָרן אין אַ שרעקלעכן טעות, אַז פון יענער זייט האָריזאָנט געפינט זיך אָט דער וויסטער תהום, ווו עס קיניגט דער מולך — דער כף־הקלע וואָס פאַרשלינגט אַלץ און אַלעמען אָן רחמנות; אַזאַ הומאַניזם, יושר, צדק איז אַ שיינער שילד אויפן פּאַסאַד פונעם געביי אָבער פון יענער זייט פּאַסאַד — אַ פּאַרזעעניש מיט אַ צעקרימטן פּרצוף, און בלוט, בלוט, בלוט ביז די עלנבויגנס פונעם פּאַרזעעניש.

די באַן האָט זיך געשלעפּט. טיק—טאַק האָבן געלאָסן געקלאַפּט די רעדער אויף די רעלס־האָקנס. וואָס איז דער חיפזון? די מענטשן־שאָטנס, אַריינגעשטופּטע אין די וואַגאָנען, וועלן גאָרנישט ניט אָנווערן. עס וועלן נישט אַנטרינען די גליקן, וואָס זענען אָנגעגרייט פּאַר זיי העט ווייט דאָרטן, פון יענער זייט פון די הרי־חושך.

טיק—טאַק, טיק—טאַק...

אין איינעם אַ בייגאַכט האָט דער עשעלאָן מאַנעווורירט זייער לאַנג אויף אַ גרויסער סטאַנציע, ביז מ׳האָט אים אַריינגעפירט אין אַ טעמפּן ווינקל. די טירן האָבן זיך אָן עפן געטאָן האַסטיק און מיט געשרייען, זידלערייען האָבן די קאָנוואָירן אַרויסגעטריבן די אַרעסטאַנטן.

— שנעלער, שנעלער, אויסשטייגן! שפּרינגט, אַלטע שטינקערס! באַלד וועט איר זיך דערוואַרעמען אין באָד!

דאָס איז געווען סווערדלאָווסק. עמעצער האָט דערקענט דעם וואָקזאַל. די קעלט איז דאָ שוין געווען אַ גרויסע. דער עולם האָט געכאַפּט אַ גוטן ציטער, ביז מ׳האָט אַלעמען אַריינגעטריבן אין אַן אומגעהייערן גרויסן באַראַק. מענער און פרויען צוזאַמען. ביי דער פּאַראַשע האָט זיך געשאַפן אַ לאַנגע ריי פון מענער. די פרויען האָבן זיך געקווענקלט: ווי קריכט מען דאָס אַרויף אויף דער פּאַראַשע אין אַ פולן באַראַק מיט מענער? אָבער נויט ברעכט אייזן. זיי האָבן געמאַכט אַ וואַנט אַרום דער פּאַראַשע, פּאַר־שטעלנדיק איינע די צווייטע.

דערנאָך איז אַריינגעקומען אַ מיטליעריקע פרוי מיט אַ בראַנדיקן פּנים פון אַן אַלקאָהאָליקערין און אויסגעשריען:

— אַלע זאָלן שנעל זיך אויסטאָן! פאַרבינדן די קליידער מיט בענדלעך, כדי די קליידער אָפּגעבן אין דער „פּראָזשאַרקע״ *).

---

*) טאַניטאַרע באַאַרבעטונג.

די מענער האָבן באַלד זיך גענומען אויסטאָן. די פרויען זענען פאַרלוירן געבליבן שטיין.

וואָס הייסט צוזאַמען? ווו איז דאָס געהערט געוואָרן? מענער און פרויען?

דאָס וועט נישט זיין!

— וואָס האָט איר מורא? — האָט די בעדערין געשריִען. — זיי וועלן ביי אייך עפּעס אָפּבייסן? נישקשה, ניט... איר האָט דאָך איצט אַ שאַנס, טאָ כאַפּט אַריין, נאַרישע ווייבער... איר וועט דאָך צען יאָר קיין לעבעדיקן אבר נישט זען פאַר די אויגן...

— דאָס וועט נישט זיין! — האָט זיך אָנגערופן אַן עלטערע פרוי מיט אַן איידעלן פּנים. איר מעגט גיין מעלדן נאַטשאַלסטווע, אַז די פרויען זאָגן זיך אָפּ.

— מיר האָבן ווייניק צייט, מאַמעלע, — האָט די אַלקאָהאָליקערין געזאָגט, — שווענקט אָפּ די הינטנס און צוריק אין עשעלאָן אַריין. איר פאַרשטייט? איר ווילט מען זאָל קומען און אייך אויסטאָן? מען דאַרף זיי נישט לערנען, די סאָלדאַטלעך, ווי מען טוט דאָס.

געבראַכן דעם אָפּזאָג־פּראָנט האָבן עטלעכע פרויען פון דער אונטער־וועלט. איידער מ׳האָט זיך אַרומגעקוקט זענען זיי שוין געווען נאַקעט.

— עך, — האָט איינע אויסגעשריִען, — שפּרינגט אַרויף, חברה, ווער עס האָט בלוט!

ווילנדיק נישט ווילנדיק, האָבן אַלע איבעריקע פרויען גענומען אַראָפּציִען פון זיך די קליידער. זיי האָבן דאָך געהאַט אַזוי נייטיק זיך אויסצובאָדן, נישט ווייניקער ווי עסן און ווי אַ ביסל ריינע לופט. קודם־כל האָבן זיי פאַרשטעלט מיט די הענט זייער נאַקעטקייט, דערנאָך, אַריינ־געטריבן אין הייס־אָנגעהייצטן באָדצימער, האָבן זיי, כאַפּנדיק די שיסלען, אין גאַנצן פאַרגעסן צו פאַרשטעלן זיך מיט די הענט און מיט הנאה זיך גענומען פּליוסקען אין הייסן וואַסער.

מאיר האָט זיך צוגעקוקט צו אַלץ און געקלערט וועגן דעם, ווי גיך דער מענטש געוווינט זיך צו צו די געשאַפענע באַדינגונגען. וווהין איז נעלם געוואָרן די פריערדיקע בושה און די צניעות פון די פרויען? ערשט איז מען אויפגעבראַכט געוואָרן, פּראָטעסטירט און אָט האָבן זיך אָנגעהויבן אָפענע און צווידייטיקע ווערטלעך און רמזים, וואָס זענען איבערגעגאַנגען אין טריוויאַלע רייד און פּשוטן ניבול־פּה. אים האָט געקערט די גאַל פון דער פליישן־אָרגיע, וואָס איז אָנגעגאַנגען דאָרט אין אַ ווינקל פאַר די אויגן פון אַלעמען מיט אַזאַ הפקרדיקער אויסגעלאַזטקייט פון שיכורע תאוות, וואָס ביי חיות זעט עס אויס עסטעטישער. רבונו־של־עולם, מ׳איז

דאָך מענטשן, מענטשן! אַלע מאָראַלישע טאָרמאָזן זענען מיט אַ מאָל צעשטערט געוואָרן און צעיושעטער אינסטינקט האָט פאַרכמאַרעט דעם שכל.

וויקטאָר האָט זיך צוגעזעצט צו אַ מיידל, נאָך כמעט אַ קינד. זי האָט געהאַט אַ ראָזעווע לייב און אויסגעקיילעכיקטע בריסטלעך. דאָס הייסע וואַסער האָט אַראָפּגעטריפט פון אירע רונדע אַקסעלעך. זי האָט געכאַפּט אַ האַנטעך, זיך אַרומגעהילט, נישט קאָנענדיק פאַרשטעלן פון זיין בליק איר גאַנצע נאַקעטקייט.

— למען השם, — האָט זי געבעטן תחנוניםדיק, — גייט אַוועק אויב איר זענט אַן איידעלער מענטש.

— ווי הייסטו? האָט ער געפרעגט.

— וואָס איז די נפקא־מינה? לאָמיר זאָגן, אַז פרידע הייס איך.

— אַ יידיש קינד?

— איר האָט געטראָפן.

— איך אויך, אַ ייד בין איך, ווי דו. און איך וואָס האָט אַזאַ קינד, ווי דו, זיך פאַרזינדיקט אַנטקעגן דער הייליקער מאַכט? האָסט געוואָלט אומ־ברענגען דעם טאַטן פון די פעלקער? האָסט דערהרגעט אַ פירנדיקן קאָמו־ניסט? צי ביסטו גאָר אַ שפּיאָנקע לטובת אַ פיינטלעכער מדינה?

— נישט דאָס און נישט יענץ. איך שטאַם פון לעטלאַנד, געלערנט אין אַ העברעיִשער גימנאַזיע און געהערט צו אַ ציוניסטישער יוגנט־גרופּע. איז דאָס ווייניק? פאַר דעם פאַרברעכן האָט מען מיר געגעבן אַ צענדליק יאָר...

— און איך הייס וויקטאָר פעלדמאַן, פון אַ ייחוסדיקער משפחה, און כאָטש נישט קיין ציוניסטן, בין איך דאָ באַגלייך מיט דיר. מיך האָט מען מכבד געווען פאַר סטודענטישער טעטיקייט, פאַר קינאה־שנאה, פאַר אַ מסירהלע... וואָלט איך כאָטש, ווי דו, געהאַט אַ קאָנקרעטע עבירה, וואָלט מיר געווען גרינגער. וואָלט איך נישט געדאַרפט זאָגן, ווי אַ סך, אַז זיי זענען „אומשולדיק—שולדיקע"... און איצט — וואָס מיט מיר וועט זיין דאָרטן ווייס איך נישט, מען וועט מיך פאַרפייניקן צום טויט מיט שווערער אַרבעט, צי אַ קאָנבוואָי וועט מיך דערשיסן פאַר כלומרשטן וועלן אַנטלויפן... כ'בין יונג, געזונט, וועל מיך באַמיִען אויסהאַלטן, איבערטראָגן, איבער־לעבן.... אָבער וואָס וועלן זיי מאַכן פון דיר, מיין צאַרט צווייגעלע? דאָ שווייבלט דאָך אַרום אַן ערוב־רב פון מערדער, פאַרגוואַלדיקער, וועסט האָבן כוח אויסצוהאַלטן און זיך אויסהיטן פון די פאַרפאַלגנדיקע חיה־רעות?..

— כ'וועל מיך באַמיִען.

— ווען מיר פאַלן אַריין ערגעץ צוזאַמען וואָלט איך געוועזן דיין באַשיצער.

— אַ דאַנק, וויקטאָר, פאַר דיין גוטסקייט און פאַר דיינע גוטע כוונות. כ׳וועל דיך שטענדיק געדענקען. כ׳דאַנק דיר אויך, וואָס דו האָסט מיך נישט אַנגערירט... ביז דיר האָט קיין מאַן מיך נישט געזען נאַקעטערהייט. אָבער איצט, איידער מען פירט אונדז אַרויס פון דאַנען, דערלויב איך דיר, זאָלסט מיך אַרומנעמען...

צוויי נאַקעטע יונגע מענטשן זענען אַריינגעפאַלן איינע אין די אָרעמס פון צווייטן, און דאָס מיידל, פרידע, האָט ווי אַ דאַרשטיק פייגעלע זיך איינגעזויגן מיט אירע נישט זינדיקע ליפּעלעך אין זיין מויל.

נישט ווילנדיק איז מען אַריינגעקראָכן אין די וואָרעמע, מיטן גערוך פון סירקע אָנגעזאַפּטע קליידער. אין דרויסן האָט וויקטאָר אָפּגעזוכט פרידען. אין די היימישע קליידער האָט זי אויסגעזען ווי אַ גימנאַזיסטקעלע.

— געדענק, פרידאַ, האָט ער געזאָגט, איך וועל דיך אָפּזוכן אונטער דער ערד.

— בעסער אויף דער ערד, וויקטאָר... אויך איך וועל דיך זוכן.

☆

די קאָנוואָירן זענען געווען נערוועז. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז אין דער בהלה זאָל זיך נישט פאַרגלוסטן עמעצן עוקר צו זיין. זיי ענטפערן דאָך פאַר יעדן מענטשן מיטן קאָפּ. האָבן זיי געשריִען, געזידלט און אַזוי ווי זיי האָבן פריִער זיי געיאָגט אויסצושטייגן, אַזוי האָבן זיי איצט געטריבן צוריק אין די וואַגאָנען אַריין און פאַרהאַקט די טירן. דער לאָקאָמאָטיוו האָט ווידער לאַנג מאַנעווירט אַהין און צוריק דורכן פלאָנטער פון רעלסן, ביז ער איז אַרויף אויף זיין ליניע און גענומען שניידן די שטרעקעס און די פינצטערניש, געלאָפן אין אַן אומבאַוווּסטן ערגעץ, אין אַ נישט זיכערן מאָרגן אַריין...

קיין קאָמסאָמאָלסק איז מען אָנגעקומען אין אַ כמורנעם קאַיאָר. נידע־ריקע כמאַרעס האָבן געהאָנגען אויף די שפּיצן פון די ביימער. ווייזט אויס, אַז מיט אַ טאָג פריִער האָט גערעגנט. די ערד איז ווי אַ קליי געווען גליטשיק און קלעפּיק. שווער די פיס אַרויסצושלעפּן פון דער בלאָטע, און דער פּאָדפּאָלקאָווניק, וואָס האָט זיך נישט באַוויזן דעם גאַנצן וועג, האָט זיך ווידער געיאַוועט און קאָמאַנדעוועט:

— ברייטער דעם שפּאַן, ברייטער!

די מחנה פּאַכט מיט דער נשמה. די מחנה — אַ סך ווייניקער, ווי

מען איז געווען ביים אַרויספאָר. אַ סך זענען פאַרבליבן אין וועג אין די שפּיטאָלן און אַנדערע — אויף אומבאַקאַנטע בית־עלמינס. ביי דער זייט פון מאירן — וויקטאָר. פון דער לינקער זייט — אַן אַדעסער יונגאַטש, בלום. ער האָט אויסגעפּאַטשט, לויט זיין דערציילונג, דעם אַדעסער פּאַרט־נאַטשאַלניק און דערפאַר זוכה געווען אַ „צענערל". און אפשר האָט דער נאַטשאַלניק כשר פאַרדינט די פּעטש? דאָס האָט קיינער נישט געוואָלט וויסן.

— יאָ, — האָט געזאָגט מאיר, — איך בין גרייט צו גלייבן אַז ער האָט כשר פאַרדינט. ס'איז נאָר אַ פראַגע, וואָס פאַר אַ מין פּעטש זענען דאָס געווען: טרוקענע צי נאַסע?

— נישט ריידן אין מאַרש! „שירע שאַג"!

— אין טאַטן אַריין, דער נבלה! — האָט אַ קריץ געטאָן מיטן די ציין דער אַדעסער, בלום. — ווען איך כאַפּ אים אין אַ שטילן ווינקעלע אין אַ פינצטערער נאַכט, וואָלט ער ביי מיר געשפּאַנט... ברייט...

מ'האָט זיי געפירט לאַנג דורך גליטשיקע ליקלעך און מ'איז ענדלעך צוגעקומען צום ברייטן טויער פון לאַגער. צוויי רויטע פאָנען האָבן געפלאַ־טערט אין ווינט אויף הויכע מאַסטן איןביידע זייטן פונעם טויער. פון וואַכטע־שטיבל זענען אַרויסגעקומען עטלעכע זעלנער. זיי האָבן אויפגע־מאַכט דעם טויער און דורכגעלאָזט די געקומענע איינציקווייז, ציילנדיק זיי ווי די בהמות, וואָס מען לאָזט אַריין אין שחיטה־הויף. ביי דער זייט איז געשטאַנען אַ לייטענאַנט, דער רעזשים־אָפיציר און ווי ער וואָלט די דורכ־גייענדיקע אָפּגעפאָטאָגראַפירט מיט זיין געניט אויג.

מאיר, וויקטאָר און אַכמעדאָוו זענען אַריינגעפאַלן אין איין באַראַק. ס'האָט זיי געפרייט, וואָס אין באַראַק איז געווען וואַרעם, זיי וועלן זיך אויסשלאָפן נאָך וואָכנלאַנגן וועג און אויסגלייכן די ביינער. דער שלעכטער ריח איז שוין נישט געווען דאָס ערגסטע און נישט דער ציגאַרן־רויך און די קולות פון דער „אַריסטאָקראַטיע", וואָס האָבן פאַרבראַכט ביים לאַנגן טיש אין מיטן באַראַק שפּילנדיק אין דאַמינאָ. איינער פון זיי מיט אַ פויגלש פנים, וואָס מ'האָט שוין נישט אין איין דועל צעשניטן, האָט באַמערקט די אַריינגעקומענע און עפּעס איינגערוימט אין אויער זיין שכן. מאיר האָט דאָס אויפגעכאַפּט און באַלד געוואָרנט אַכמעדן:

— מען דאַרף אָנגרייטן פויסטן, אַכמעד. נישט אַרויסווייזן נישט קיין אומרו און נישט קיין פחד. אַלץ איז אָפּהענגיק פון דער ערשטער שלאַכט. די אונטערוועלט האָט דרך־ארץ פאַר כוח. פאַרשטייסט?

זיי האָבן אָפּגעזוכט ערטער אויף אַן אייבערשטער נאַרע, זיך אויסגע־שטרעקט און זענען תיכף איינגעשלאָפן.

פּלוצעם האָבן זיי דערפילט אַז עמעצער טאַרעט זיי ביי די פיס. זיי האָבן

זיך אויפגעזעצט און דערזען דעם ווילן יונג מיטן פויגלשן פּנים שטיין לעבן זיי.

— קינדערלעך, — האָט דער יונג געזאָגט, — וואָס האָט איר זיך אַוועקגעלייגט אין די אייגענע קליידער? טוט אייך אויס ווי ביי דער מאַמען אין דער היים. מיר וועלן אייך אָנטאָן נייע קליידער, ערשט פון דער נאָדל, איר זאָלט אויסזען ווי אמתע זע־קאַס*).

— און אַז נישט? — האָט מאיר געפרעגט גאַנץ רויִק.

אַכמעד האָט ווי פונעם שלאָף, אומגערן, אויסגעשטרעקט דעם פוס און אַריינגעפאָרן דעם בחור מיטן פויגלשן פּנים אין זיין פלאַטשיקן שנאָבל, אַז ער האָט אַ פלי געטאָן ביז צום טיש, מיטשלעפנדיק אים מיט אַ טאַראַראַם. צו הילף דעם מנוול האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן זיינע חברים, אָבער אַכמעד מיט מאירן זענען פלינק אַראָפּגעשפּרונגען פון די נאַרעס, גרייטע צום אומגעוויינלעכן דועל — צוויי אַנטקעגן אַ גאַנצער כנופיה.

— חברה, — האָט מאיר זיך געווענדעט צו זיי רויִק, — אַזוי נעמט מען אויף געסט? עפּעס גאָרנישט לויטן רוסישן שטייגער... אַזוי קומט מען זיך באַקענען מיט נייע שכנים, מיט וועלכע איר וועט דאַרפן לעבן צוזאַמען ווער וויסט וויפל יאָר, צי מיר געפעלן זיך יאָ, צי נישט, ווי שכנים... איך וויל וויסן, חברה, ווער ווער שפּילט איר אונטער מיט אייערע מעשים? וועמענס משרתים זענט איר? ווער פון אייך וועט מיר ענטפערן? דו? דו?

— נבלה! — האָט אַ זאָג געטאָן איינער פון זיי. — אַ מוסר־זאָגער האָט זיך געיאַוועט. זיי שלאָגן אונדזערן אַ חבר און זענען נאָך גערעכט!

— ווער איז אַ נבלה? — האָט אַכמעד געפרעגט, — אַנו, חזר איבער נאָך אַ מאָל! — און איידער וואָס, האָט ער יענעם אַ נעם געטאָן ביי די לאַצן, אים אויפגעהויבן און אַוועקגעזעצט אויפן טיש. אַזוי אַוועקגעזעצט, אַז דער הינטן האָט אים שיִער נישט געפּלאַצט.

— ווער נאָך וויל אָנטייל נעמען אין דעם שמועס? — האָט מאיר געפרעגט איראָניש. — קיינער נישט? דעריבער, לאָמיר רעכענען, אַז דאָס איז געווען אַ מיספאַרשטייעניש, אָדער אַ שפּאַס, און דער קאָנפליקט איז אויסגעשעפּט.

פאַרשעמטע פון זייער דורכפאַל, האָבן די חברה זיך צוריקגעצויגן אויף זייערע ערטער. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז זייער באַצווינגערישע שליטה אין באַראַק איז אַריבער אין די הענט פון די צוויי נייע. יאָ, זיי האָבן דרך־ארץ פאַר כוח. זיי וועלן ווערן געהאָרכיק־אונטערטעניקע גוטע־ברידער.

וויקטאָר האָט נישט געהאַט אַכמעדס כוחות און נישט מאירס, אין באָקס

---

*) זע־קאַ — אַן אַרעסטאַנט.

געטרעניִרטע פויסטן, איז ער געווען בלויז אַן אָבסערוואַטאָר פון דער סצענע, גרייט אָפּצורייסן אַ ברעט פון דער נאַרע אויף נישט צו באַדאַרפן, כדי זיך און זיינע חברים צו פּאַרטיידיקן.

ס'איז געוואָרן שאַ־שטיל. די נאַכט איז פאַרביי אַ רויִקע, אין אַ שווערן שלאָף.

אין דער פרי, נאָכן באַקומען די פּייקע ברויט און די שיסל באַלאַנדע, אַ שיטערע לעמעשקע פון געפּראָרענע קרויט און קאַרטאָפל, זענען זיי זיך דורכגעגאַנגען איבער דער זאָנע. זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז בשכנות, אָפּ־געטיילט מיט אַ הויכן פּלויט, געפינט זיך אַ פרויען־זאָנע. אין פלויט געפינט זיך אַ טירל, דורך וועלכן די פרויען פלעגן אַריינגיין אין דער מענער־זאָנע אויף פאַרשיידענע אַרבעטן. ברוך בלום, דער אָדעסער פּאַרט־אַרבעטער, איז שוין געשטאַנען ביים טירל מיט דער פּעטליוביקער מאַרוסיע, מיט וועלכער ער האָט זיך באַקענט אין דער סווערדלאָווסקער באָד. ער האָט געגלאָצט אויף איר ממזרישע אויגן, געוואָרפן מיט וויצן ווי אַ קונצנמאַכער מיט די קיילעכס, און ביידע האָבן געלאַכט ווי דאָס וואָלט געווען נישט אין לאַגער.

— אויב די דאָזיקע בהמה איז דאָ, דאַרף דאָך פרידע אויך זיין, — האָט געזאָגט וויקטאָר.

— אָן ספק, — האָט צוגעגעבן מאיר. — זיי זענען געפאָרן מיטן זעלבן עשאַלאָן.

— פרידע? — האָט אַנקע איבערגעפרעגט. — די קליינינקע? אַוודאי איז זי דאָ, באַלד ברענג איך זי אַרויס.

וויקטאָרס פרייד איז געווען גרויס, ווען פרידע מיטן מיידלש־צניעות־דיקן פאַרקעם און מיט איר גאַנצן געשטאַלט פון אַ גימנאַזיסטקעלע האָט זיך באַוויזן ביים טירל. זיי האָבן זיך אַרומגעכאַפּט, זיך צעקושט לאַנג און געשמאַק. אָן אַ באַשטימטן צוועק און אָן דעם אויפזיכט פון די אויפזעערס האָט זי אַריינגיין אין דער מענער־זאָנע נישט געטאָרט.

— דאָ איז דיר נישט די באָד, — האָט זי געשמייכלט צו וויקטאָרן.

— דאָ זענען שטרענג איינגעשטעלטע פּאַראַנדקעס.

— מיין קליינע, גרויסע פאַרברעכערין! — האָט זי וויקטאָר צוגעדריקט צו זיך. — ווען דו זאָלסט וויסן ווי איך בין דיך מקנא. פון זינט כ'האָב דיך דערקענט, האָב איך נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן דעם פעלער אין מיין דערציִונג. דו האָסט אַן אידעאַל, אַ חלום וואָס ציט זיינע זאַפטן און האַפטן פון וואָרצלען, וועלכע קיין שום כוח קאָן נישט פאַרטיליקן. אַוודאי געהער דאָס צום געשפּענסטיקן פון אונדזער סיסטעם צו באַטראַכטן ווי אַן עבירה דאָס אידענטיפיצירן זיך מיט דיין פאָלק, מיט דיין געשיכטע

און דיין שפראַך, אָבער איך — אָט איז געשען וואָס ס'איז געשען און אין אַנבליק פון דעם געשפּענסטיקן וואָס האָט זיך מיר אַנטפּלעקט אין דער אידעאָלאָגיע אין וועלכער מ'האָט מיך דערצויגן, אָפּגעריסן פון מיין פאָלק, האָב איך מיך דערפילט ווי אין חלל, אָן אַ גלויבן... און דאָך טראָג איך דעם זעלבן קרייץ ווי דו, כאָטש כ'האָב דיין חלום נישט געהאַט...

— אפשר איז דאָס גורל, וויקטאָר, כאָטש לויט דיין מאַטעריאַליסטישן דענקען גלייבסטו נישט אין פאַטום...

— גורל זאָגסטו, מיין קליינע מאַרטירערין?

— גורל, וויקטאָר, כדי מיר זאָלן זיך באַגעגענען.

אַכט גליקלעכע טעג זענען באַשערט געווען דעם יונגן פּאָרל, אַכט טעג פון אַרומנעמענישן און קושן ביים טירל, צווישן איין זאָנע און דער צווייטער. אין מיטן פון דער פאַרדאָרבענער לופט, פון מאָראַלישער געזונקענקייט, פון אויסוואורפן, מערדער און זונות — אַ קליין פלאַנטעלע, אַן אויסגע־שלאָסנס פון דעם אַרום, אַ ריין פּאָרעלע, וואָס וואָלט געשטאַנען אַזוי אַרומ־גענומענע ביזן סוף פון די טעג.

זיי האָבן גערעדט, געפלוידערט, געמאַכט פּלענער אויף דער צוקונפט, כאָטש די צוקונפט איז געווען ווייט, אין אַ געדיכטן נעפּל פאַרהילט, און ס'האָט זיך קיין רמז שיין אויפן האָריזאָנט נישט געזען. עס שטייען דאָך פאַר יעדערן פון זיי צען יאָר אָפּקומעניש אין די לאַגערן, וואָס וועלן זיין שווערע יאָרן, אויב מישפּטן לויט דעם פּרוזדור, דורך וועלכן מען פירט זיי אַהין. וועלן זיי אויסהאַלטן? וועט מען איבערלעבן? און אויב יאָ, צי וועט מען אַרויס גאַנצע מענטשן?

זיי האָבן נישט געוואָלט טראַכטן פון דעם. זיי זענען געווען יונג, געזונט, די הערצער, פולע מיט האָפענונג און אמונה.

— עס וועט דען געדויערן צען יאָר?

— עס טאָר נישט געדויערן! — האָט וויקטאָר געזאָגט מיט זיכער־קייט, — און ס'וועט נישט געדויערן! עמעצער וועט זיך כאַפּן, עמעצער וועט דערזען...

— עס מוז געשען אַ נס, וויקטאָר, אַ נס!

— דו גלייבסט אין נסים?

— איך גלייב. אונדזער געשיכטע איז פול מיט נסים. וויפל מאָל ס'איז אונדז געשען אַ צרה... מען דאַרף קענען די אייגענע געשיכטע, וויקטאָרל. אַגב, עס מוז געשען ווי אין יענעם אַנעקדאָט: אָדער דער גלח וועט כאַפּן אַ שלאַק, אָדער דער הונט וועט פּגרן...

זי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּקלעפּן פון אים, זי האָט אים געקושט

ליידנשאַפטלעך, שוין גאַרנישט ווי אַ קינד, און זיך אַליין געחידושט פון דעם, וואָס פאַר אַ פייער ס׳האָט זיך אין איר צעפלאַקערט בשעת זי איז אַרומגערינגלט פון אַזויפיל צרות. די אומגעריכטע ליבע צו דעם איידעלן בחור האָט אויפגעוועקט אין איר די פרוי און זי איז אים געווען דאַנקבאַר פאַר די געפילן, וואָס האָבן זיך אַנגעצונדן אין איר יונג־מיידלשן האַרץ. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז זי וועט אים שוין נישט פאַרלירן, ווי לאַנג דאָס אָפּקומען זאָל נישט געדויערן, און זי וועט זיך אָפּהיטן פאַר אים, אַ כשרע, אַ ריינע, אין דער טיף פון אָט דער גרוב פון טומאה.

— יאָ, דאָס וויסן, אַז דו ביסט ערגעץ פאַראַן און, אַז דו שטרעבסט ווי איך צו אונדזער באַגעגעניש נישט אויף אַ רגע, נאָר אויף אייביק, וועט מיר געבן מוט און כוח אַלץ מוטיק און ווערדיק איבערצוטראָגן.

— איך בין דיך ווידער מקנא, טייערינקע, שוין נישט נאָר פאַר דיין אידעאַל, פאַר דיין בטחון בין איך דיך מקנא, — האָט וויקטאָר געזאָגט.

— יאָ, אָן בטחון מעג מען זיך אַליין אַריינלייגן אין גרוב. דער בטחון קומט אויך פון וואַרצלען... וועסט זיך מוזן אָנוואַקסן וואָרצלען, מיין ליבער. דו וועסט אין לאַגער געוויס געפינען מענטשן, וואָס וועלן דיר העלפן דער־ווערבן דאָס וואָס איז פאַרשטעלט געוואָרן פאַר דיר פון דער קינדהייט מיט אַ פאַלשער דערציִונג. בטחון האָב איך, כאָטש איך פאַרגעס נישט, אַז אַ צענדליק יאָר איז אַ גרויס שטיק לעבן... און איך בין אַ פרוי, און שווערע קאַטאַרזשאַנסקע אַרבעט וועט מיסתם אַוועקלייגן איר חותם אויף מיין פנים... צי וועסטו מיך דערקענען?

— אויך איך וועל מיך ענדערן, מיין קליין מלאכל.ביידע וועלן מיר עלטער זיין מיט אַ צענדליק יאָר... אויב דער הונט וועט נישט פגרן פריִער... נאָר ביידע וועלן מיר האָבן אַצינד אַ חלום, וואָס וועט אונדז שטאַרקן, און לייכטן אויף דעם שווערן וועג פון יסורים.

שפּעט אין אָוונט, ווען דער גאַנג האָט געקלונגען אויף „נאַכטרו״, האָבן זיי זיך געזעגנט. פרידע האָט באַגאָסן זיין פנים מיט טרערן.

אין דער פרי איז וויקטאָר אַוועק מיטן עטאַפּ.

דאָס מזל האָט צוגעשפּילט די פיר לאַגער־פריינד, אַז וויפל מ׳האָט זיי נישט צעשיידט און צעוואָרפן אין פאַרשיידענע קאַלאָנעס, זאָלן זיי נאָך עטלעכע חדשים ווידער זיך באַגעגענען ערגעץ־ווו מיט מאירן, אויף אַ נייעם וועג צו אַ נייער אומבאַוווסטקייט, וואָס האָט אָבער אומעטום געהאַט דאָס זעלבע פנים ווי אין די שוין דורכגעגאַנגענע שיבעה־מדורי־גיהנום.

און אָט גייען זיי ווידער צוזאַמען מיט די טאָרבעס אויף די פּלייצעס, דערפרייטע פון דער ווידערבאַגעגעניש.

— וויקטאָרל, זע נאַר, ביסט געזונט כאָטש אַ ביסענקע אָפּגעצערט. אַחוץ די ברילן, וואָס מ'האָט דיר נאָך געלאָזט, האָט מען שוין דאַכט זיך אין אַ היפּשער מאָס אָפּגעשאָבן פון דיר די אינטעליגענטע הויט, — האָט מאיר גערעדט צו אים.

— ווי איר האָט מיר אויסגעפּעלט, מאיר. זאָלן מיר כאָטש דאָס מאָל שוין לענגער בלייבן צוזאַמען.

— און דו אַכמעד, ווו ביסטו געווען? די כוחות נאָך נישט אָנגעוואָרן? און דו ברוך? — איז מאיר געשטאַנען אַרומגענומען מיטביידע פריינד זיינע, — האָסט נאָך קיינעם נישט אויסגעפּאַטשט פון די נאַטשאַלניקעס?

— סיבות און געלעגנהייטן דאָס צו טאָן האָב איך שוין געהאַט אַ סך, אָבער... אַחוץ געזונטע הענט דאַרף מען האָבן אַ געזונטן שכל און נישט פאַרלירן דעם קאָפּ...

ברוך, דער אָדעסער, האָט צום לערנען קיין חשק נישט געהאַט, כאָטש ער האָט געהאַט אַ גוטן, אָפענעם קאָפּ און אינטויציע אויף פאַר גאָרנישט קיין פשוטע זאַכן, פאַר וועלכע מען דאַרף כאָטש אַ ביסל עלעמענטאַרע בילדונג. זעענדיק אַז קיין תנא־רבא וועט ער נישט ווערן און מורא האָבנדיק, אַז פון ליידיק גיין זאָל דער יאַט זיך נישט אַראָפּקייקלען ווער ווייסט אין וועלכער פאַרדאַרבענער וועלט, האָט דער פאָטער אים גענומען אויפן זאַוואָד לעבן זיך אין צעך. אייזערנע הענט האָט ברוך געהאַט און גיך באַהערשט די מלאכה. ער איז געוואָרן איינער פון די בעסטע טאָקערס און אויף זיין מאַשין אויסגעטאָקט פון אַ טיי־לעפעלע ביז אייזערנע באַלקנס פאַר אייזנבאַן־בריקן.

— דאָס וואָס איך קאָן מאַכן פון אייזן וועט איך נישט מאַכן דער בעסטער אינזשעניער, און ס'איז אַפילו נישט פאַר די ציין פון אַ סך חברה מייסטערס פון מיינס גלייכן. קיין לענין־אָרדען האָב איך טאַקע נישט באַקומען, אָבער דערפאַר פאַרהאַרטעוועטע ידים ווי די לאָפּעטעס. איר זעט? איך זאָל געבן מיט דער רעכטער האַנט איינעם פון די מאַרעוויכערס אין דער לינקער באַק וועט ער אַ גאַנץ לעבן פ...שן קאַלעמוטנע. איר מעגט מיר גלייבן. כ'האָב שוין געהאַט צרות פון די ידים מיינע, דערפאַר האָב איך מיר געגעבן דאָס וואָרט, איך זאָל זיי נישט לאָזן אין גאַנג, אַפילו ווען מען וועט מיך אַרויסברענגען פון די כלים. מיט די צוויי ידים האָב איך דאָ, אין לאַגער פאַר קיין אַרבעט נישט מורא. אַרבעט האָב איך ליב, מיין פּייקע ברויט וועל איך פאַרדינען ערלעך. און אפשר מיט אַן עודף.

—דער מענטש טראַכט און... דער טייוול לאַכט.

— וואָס איז דען?

— לאַגער איז לאַגער. מ'האָט דאָ איבערגעקומען נישט ווייניק אַזעלכע גבורים ווי דו.

כאָטש ער האָט זיך נישט אויפגעהערט ווייצלען, איז פון ברוכס אויגן פאַרשוואונדן די פריילעכקייט און דאָס ממזרישע פלעמל. פון זינט מ'האָט זיין פעטלייביקע אַנקע אַוועקגעשיקט מיטן עטאַפּ אין אַן אומבאַוווסטער ריכטונג, האָט ער פון איר קיין איינציקן גרוס נישט געהאַט. זיינע חברים האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך פאַרקאַנקט נישט אויף קיין געלעכטער.

— עס דיר נישט אָפּ דאָס האַרץ, — האָט מאיר אים געטרייסט. — פאַרויס האָסטו נאָך קיילעכיקע ניין יאָר און עטאַפּן און לאַגערן, און דאָס לאַנד איז נאָך פול מיט גויעס. האָסט דאָך געזען, זיי זענען אַלע שטרויענע אַלמנות און אַלע — „צום האַבן". אַזאַ חנעוודיקער, קלוגער און געזונטער יונגאַטש ווי דו, וועט מירצעשעם קיין אַלטער בחור נישט פאַרזעסן ווערן.

— יאָ, אָבער וווהין פירט מען אונדז? כ'האָב דאָס געפיל, אַז דאָס מאָל חכמהט מען זיך נישט מיט אונדז.

— וווהין מען פירט אונדז, וויל ער וויסן. קיין אָדעס צום שוואַרצן ים פירט מען אונדז זיכער נישט, — האָט זיך אָנגערופן ברוך. — דאָס איז שוין צו פאַרשטיין לויט די בגדים אין וועלכע מ'האָט אונדז אויסגעסטראָצלט. צום וויטן צפון ווו ס'הערשן בוראַנען, שטורעמס, וועלכע הייבן אויף אַ טראַקטאָר אין דער לופטן, אַהין פירט מען אונדז...

— מיר וועלן דאָרט אויסציִען די קאָפּעטעס, — האָט געזאָגט אַכמעד.

— נישט אַלע, — האָט ברוך צוגעגעבן, — בלויז די וואָס וועלן שטאַרבן...

וויקטאָר האָט אַן אויפהער געווישט די ברילן־גלעזער, וואָס זענען פאַרהויכט געוואָרן פון זיין אייגענעם אָטעם.

— צו וואָס שרעקן די מענטשן און זיך אַליין לייגן שטיינער אויפן האַרצן? אויך אין וויטן צפון לעבן מענטשן. דאָרט ווערן אויפגעבויט נייע, גרויסע סאָציאַליסטישע שטעט, עס אַנטשטייט דאָרט אַ גוואַלדיקע אינדוס־טריע. דאָרט זענען פאַראַן גאָלדגרובנס, און מיר אַלע וועלן נאָך נתעשר ווערן... צו וואָס שרעקן? סיביר איז אויך אויף אונדזער פּלאַנעטעלע און נישט ערגעץ אויף דער לבנה.

— נאָך דאָס האָט געפעלט, — האָט געלאַכט ברוך, — אַז סיביר מיט די לאַגערן, מיט דער ענקאַוועדע זאָלן זיין אויך אויף דער לבנה. און מורא האָב איך שטאַרק, אַז ביי דער אַנטוויקלונג פון דער היינטיקער טעכניק וועלן מיר דאָס אויך דערלעבן...

מאיר האָט געשוויגן. ער האָט געהאַט אַנדער'ע דאגות: רייזעלע! פונעם שרייבער־הויז האָט מען זי אַרויסגעשטעלט. פון דער אַרבעט — אָפּגעזאָגט.

ווּ וואַלגערט זי זיך אַרום מיט די קינדער? פון וואָס לעבט זי? ביי וועלכן פּאַרטיי־טוער וואַשט זי איצט דאָס ברודיקע וועש? האָט מען ביי איר נישט צוגענומען, חלילה, די קינדער ווי ביי אַנדערע מאַמעס און זיי איבערגעגעבן אין אַ קינדערהיים מיטן תירוץ, אַז זיי, די ווייבער פון פאָלקס־שונאים, זענען נישט ראוי צו דערציִען קינדער פאַר געטרייע בירגער פון לאַנד. ווי אַזוי טראָגט זי דאָס איבער? מאירן האָט אָן אויפהער געגנאָגט אַ שולד־געפיל לגבי איר און די קינדער און ער האָט זיך אַליין געפּייניקט, גלייך ער האָט מיטן אייגענעם רצון זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון די ענ־קאַווועדע־מחבלים.

שאַ, אָט האָט זיך געעפנט פאַר זייערע אויגן דער גלאַנציקער שפּיגל פונעם אַמור, דער ווייט־מזרחדיקער טייך האָט געקוילערט זיינע כוואַליעס אויף זיין מעכטיקן רוקן. ער האָט זיך צעגאָסן אויף אַ ברייט פון דריי קילאָ־מעטערס. מ׳האָט די גאַנצע מחנה אַריבערגעפּראַוועט אויף דער צווייטער זייט מיט שיפלעך. אַריבערשטעלן אַזוי פיל מענטשן האָט געדויערט לאַנג. אויף דער צווייטער זייט האָבן געוואַרט לאַסטאויטאָס. מ׳האָט די מענטשן אויפגעלאָדן און זיך געטראָגן מיט זיי איבער פּוסטע פעלדער. פאַר נאַכט האָבן די אויטאָס זיך אָפּגעשטעלט. ווייטער איז קיין וועג נישט געווען. די מענטשן האָבן אויסגעשטיגן, זיך אויסגעשטעלט צו פינף אין אַ ריי און...

— פּאַוואָלינקע וועלן מיר שפּאַנען מיטן אייגענעם גאַנג.

— ווי לאַנג?

— ביז מיר וועלן אָנקומען.

די קאָנוואָירער זענען אויך נישט געווען צופרידן. מיט וואָס האָבן זיי זיך פאַרזינדיקט, אַז זיי מוזן שפּאַנען דורך דער ווילדער טייגע צו פוס און האָבן אויף זיך דעם עול און די אַחריות פאַר אַזוי פיל מענטשן?

אַ דין רעגנדל האָט זיך גענומען זיפּן, אַן עסעריקס. צום אָנהויב לייכט, שיטערלעך און פאַמעלעך, איז עס באַלד איבערגעגאַנגען אין אַן אמתן רעגן. ס׳האָט געגאָסן מיט עמערס. די מענטשן זענען דורכגעווייקט געוואָרן ביז די ביינער. די וואַטע־בגדים, אָנגעזאַפּטע מיט וואַסער, זענען געוואָרן שווער. דער וועג — צעווייקט, בלאָטיק. דאָס גיין איז געוואָרן אומגעהייער שווער. מ׳האָט געטאָפּטשעט די בלאָטע, קוים אַרויסגעשלעפּט די פיס פון דעם קליי. דריי מעת־לעת אַזוי. אויפן דריטן טאָג האָט גענומען שיטן אַ שניי. אַ ווייסער שיכט האָט צוגעדעקט די ערד. מ׳האָט אויפגעשטעלט אַ געצעלט פון ברעזענט אויף ביינאַכט, אָבער צולייגן זיך איז נישט געווען ווּ. און דער שניי איז געפאַלן וואָס אַ מאָל געדיכטער און שפּאַנען אין שניי איז געווען נישט גרינגער.

דאָס אָרט ווּ זיי האָבן געמאַכט אַ „ויחנו״, איז געווען פּוסט. ווּ זיי

געפינען זיך האָט קיינער נישט געוווּסט. איין זאַך איז זיי יאָ קלאָר געוואָרן: דאָ פאַרבלייבן זיי. אויף אָט דעם פּוסטן פּלאַץ, ווען דער ווינטער איז שוין אויף דער נאָז, דאַרף מען זיך אַרומבויען מיט אַ פּלויט ווי חוני־המעגל מיט אַן עיגול, אַז קיין בייז אויג זאָל חלילה נישט צוטרעטן צו זיי און אַנטלויפן פון זיך אַליין זאָל זיין אוממעגלעך. דאַרף מען אויפשטעלן באַראַקן, אַ קיך, אַלע נייטיקע בנינים פאַר מענטשן, וואָס באַזעצן זיך דאָ אויף לאַנג, אויף יאָרן!

פון ערגעץ האָט מען געבראַכט מכשירים — העק, זעגן, לאָמען, גראָב־אייזנס, און — „דאַוואַי! דאַוואַי!", אויב איר ווילט נישט פאַרפרוירן ווערן אין דרויסן. מ'האָט צעטיילט די מחנה אויף בריגאַדעס. ווער ס'וועט וואַלגערן וואַלד, ווער — בויען די באַראַקן, די קיך, ווער טעסען וועט די קלעצער און ווער — בויען דאָס וואַכטע־שטיבל, און ווער — לייגן אין וואַלד אַ „לעזשנאָוועקע", אַ קלעצער־שאָסיי, כדי מען זאָל קאָנען אין פרילינג אַרויס־פירן פון וואַלד דאָס אָנגעוואַלגערטע געהילץ.

מאיר, ברוך און וויקטאָר זענען געווען צווישן די בויערס פונעם פּלויט. די אַרבעט איז געווען פאַר זיי נישט פון די גרינגע צוליבן פעלן פון רגילות און דאָך — ווייל די קעלט האָט זיי נישט געלאָזט איינשטיין, האָבן זיי געאַרבעט גיך און די אַרבעט האָט זיך האַסטיק גערוקט פאָרויס. פון דעסטוועגן האָבן זיי באַקומען נאָר צו דריי סוכאַרעס אַ טאָג. ביי אַזאַ דערנערונג האָבן זיי געקאָנט גאָר גיך אויסגיין פון די כוחות און אַרויס־פאַלן פונעם סטראָי, פאַרוואַנדלט ווערן אין „דאָכאָדיאַגעס" — צו גאָרנישט פעיִקע דיסטראָפיקער.

— דריי הונדערט גראַם סוכאַרעס? — האָט מאיר געפרעגט דעם פּראָראַב — דאָס איז אונדזער שכר? מער זענען מיר נישט ווערט?

— איר מאַכט נישט די נאָרמע. אַזוי אינפאָרמירט דער בריגאַדיר.

— אויב אַזוי מעסט אויס אַליין, חבר פּראָראַב. אַדרבא זייט אייך מטריח. מיר זענען נישט קיין מלופּפּענע קינדער. מיר ווייסן וואָס מיר טוען אויף. איר ווילט אונדז דאָ אויסהונגערן? דאָס איז דאָך אַ פאַרברעך!

נאָכן אויסמעסטן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נישט נאָר זיי פילן נישט אויס, נאָר פאַר פינף טעג האָבן זיי שטאַרק איבערגעפילט די נאָרמע און זיי קומט צו זעקס הונדערט גראַם טעגלעך.

אין אָוונט, ווען דער בריגאַדיר איז געקומען איבערנעמען די אַרבעט, האָט מאיר אַ פרעג געטאָן:

— נו?

— נו וואָס? איר יִדעלעך קאָנט שאַכער־מאַכער, אָבער אַרבעטן ווילט איר נישט. מער פון דריי הונדערט גראַם קאָנט איר נישט אויסאַרבעטן.

— אַ גראַם נישט מערער? — האָט געפרעגט ברוך.

— און ווו קומען אַהין די אַנדערע דריי הונדערט גראַם, וואָס קומען אונדז יעדן טאָג? — האָט געפרעגט מאיר איינהאַלטנדיק זיין צאָרן? ער האָט אָנגעכאַפּט דעם בריגאַדיר ביי די לאַצן און זיך געווענדט צו דער בריגאַדע: — זייט איר די שופטים, חברים! זאָגט וואָס קומט דעם מנוול פאַר באַראַבעווען אונדז פון דעם בידנעם שטיקל ברויט? זאָג, מיט וועמען טיילסטו זיך מיט אונדזער ברויט, מיט וועמען?

ברוכן האָבן געציטערט די הענט:

— לאָז מיך צו, מאיר. לאָז מיך אים טאָן אַ גלעט, וועט די כּפּל־טאַבעלע וואָס ער האָט געלערנט אין שול, אים צוריק אַריינקריכן אין קאָפּ. זונה קרעציקע! „זעקעס" אַזעלכע ווי דו, באַראַבעווסטו זייער פּיצל ברויט?! דאָס לעבן האָט דיר דערעסן, האַ? גיי צום נאַטשאַלניק און מעלד אים אַז מיר האָבן דיך אַנטקרוינט, אָבער פאַרגעס נישט צו זאָגן אויך פאַר וואָס...

אין אַ טאָג אַרום איז געקומען דער בלאָנדער פּראָראָב מיטן לאַכנדיקן פּנים און מיט די געדיכטע בערשטל־ברעמען איבער די בלאָע, שפּעטנדיקע אויגן און האָט אָװעקגערופן מאירן אין אַ זייט.

— נעם דו די לייצעס אין די הענט. דו ביסט, זע איך, אַ בחור מיט אַ מאַשינקע אין קאָפּ, אינטעליגענט און האָסט אויך אַ געפיל פאַר גערעכטיקייט.

מאיר האָט זיך אָפּגעטרייסלט. ער וויל נישט קאָמאַנדעווען איבער זיינס גלייכן און וויל נישט פאַרלייכטערן זיין אויסקומעניש אויף אַ פרעמדן חשבון.

— פאַרקערט, — האָט געזאָגט דער פּראָראָב, — אַ גוטער בריגאַדיר זאָרגט צו פאַרלייכטערן זיינע מענטשן און זיי שאַצן דאָס אָפּ.

— איך דאַרף מיך באַטראַכטן.

— צוליב דיר גופא און דער טובה פון די מענטשן, נעם אָן. כ'וועל דיר העלפן.

זיך אָפּגעמאַטערט גוטע עטלעכע חדשים, זיך אָנגעפּראָרן, זיך אויך גוט אָנגעהונגערט, ווער דערוועגט זיך צו מאָנען גרעסערע שפּייז־נאָרמעס, ווען אונדזערע סאָלדאַטן גייען אָפּ מיט בלוט אויף אַלע פראָנטן און לענינגראַד איז בלאָקירט און מתים וואַלגערן זיך אויף די גאַסן?.. אויפגעשטעלט אַ לאַגער מיט אַלע באַדינגונגען לטובת וועמען? דען נישט פאַר זיך, כּדי אויסצוזיצן ביזן סוף פון דער שטראָף?

לאָזט זיך אויס, אַז ניין. דאָ וועלן פאַרשוואַרצט ווערן אַנדערע, גרינערע, און זיי — מען קלייבט זיי שוין ווידער אין עטאַפּ. וויפל מאָל האָט מען

זיי אַריבערגעוואָרפֿן אין משך פֿון אַ פּאָר יאָר, פֿון אָרט צו אָרט, און אַלע מאָל צפֿונדיקער. מאיר האָט שוין פֿאַרגעסן די נעמען פֿון אַלע פּונקטן, אויף וועלכע ער האָט זיך געפֿונען און וועלכע זענען זיכער פֿאַראַן נאָר אויף דער מאַפּע פֿון דער ענקאַווע.

וואָס איז די נפֿקא־מינה ווי עס הייסט דאָס אָרט פֿון דעם טייוולס איינסופֿיקער מדינה, ווו ס'בושעוועט שוין עטלעכע טעג אַ זאַווערוכע און דער פֿראָסט ברענט, אַז די ביימער אין דער טייגע טרעשטשען, שיסן ווי די האַרמאַטן, און די „זעקעס", וואָס האָבן געבויט די אייזנבאַן אויף וועלכער מ'האָט געזאָגט, אַז זי האָט גאָר אַ וואַזשנעם סטראַטעגישן באַטייט, האָבן זיך איינגעגראָבן אין הילצערנע קאָנורעס, באַהערשטע פֿון אימה פֿאַר דער שדים־וואַקכאַנאַליע.

די נאַטשאַלניקעס זענען געזעסן אין אַ וואַרעמען געצעלט, מיט אויסגעלייגטע ברעטער אויף דער ערד, עס זאָל נישט אַזוי ציִען די קעלט, און געהייצט אַן אייוועלע, געמאַכט פֿון אַן אייזערנעם פֿעסל. אין אַזעלכע גרויסע פֿרעסט איז פֿאַרווערט אַרויסצוטרייבן די מענטשן אויף אַרבעט. עס קאָן אָנטאָן אַ שאָדן די מענטשן, און זיי, די נאַטשאַלניקעס, וועט עס אויספֿאַלן באַקעם. איי דער פּלאַן וועט בלייבן הינטערשטעליק (און פֿאַר דעם גלעט מען נישט איבערן קעפּל), אָבער אַרויספֿירן די מענטשן אויף אַ זיכערן אומקום טאָרן זיי נישט. זיי אַליין האָט זיך אויך נישט געוואָלט אַרויסשטעקן די נאָז אין דעם שרפֿנדיקן דרויסן.

די דריי פֿריינד זענען אַלץ געווען צוזאַמען. זיי האָבן געריייניקט דעם שנײַ פֿאַר דער קינפֿטיקער ליניע. דער וועג האָט געדאַרפֿט אויסזען ווי אַן אויסגעפּרעסטער שאָסיי. ווינטער איז די אַרבעט נישט פֿון די גרינגסטע — אויסגלייכן די בערגלעך ווען די ערד איז פֿאַרפֿראָרן און גיט זיך נישט אונטער דעם לאָם. זיי האָבן זיך אַרויסגעלשאָגן פֿון די כוחות, די נאָרמע איז אוממעגלעך געווען אויסצופֿילן און זיי האָבן געמוזט צוגעווינען די מאָגנס צו דריי הונדערט גראַם סוכאַרעס אַ טאָג.

דער ערשטער האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן דער יונגסטער — וויקטאָר. אָנגעהויבן האָט זיך עס פֿון דעם, וואָס אין דער פֿרי האָט ער נישט געקאָנט אויפֿשטיין. ס'האָבן אים געבראָכן אַלע גלידער, און דער קאָפּ האָט זיך צעשאָטן. נישט באַקומענדיק קיין באַפֿרייונג פֿונעם דאָקטער, האָט ער געמוזט אַרויסגיין אויף דער טראַסע, אַנדערש וועט עס אויסגעטייטשט ווערן, ווי אַ בייזוויליקער אָפּזאָג פֿון אַרבעט, ס'הייסט, סאַבאָטאַזש. פֿאַר אַזעלכע האָבן קומט קאַרצער. איז וויקטאָר געזעסן אין קאַרצער אויף וואַסער און סוכאַרן, אין אַ מוראַדיקער קעלט, און מ'האָט סוף־כל־סוף אים געמוזט אַוועקשיקן אין נאָענטסטן שפּיטאָל.

מאיר האָט באַקומען פּאַר אַ פּאָר צו דער אַרבעט דעם הויכגעוואַקסע־נעם, און לעבנסלוסטיקן אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש.

יענער האָט געהאַט אַ ווייכן, סאַמעטענעם באַריטאָן און זינגען פלעגט ער אַריעס פון באַרימטע אָפּערעס, ווי אַן אמתער זינגער. ער פלעגט אַ זינג טאָן: „אָ, דייטע, דייטע מניע סוואָבאַדו, סוואָיו וויִנו סומעיו איסקופּיט״ *), האָט געקלונגען דער וואַלד מיט זיין שטים. צוליב זיין שטענדיקן זינגען אין די ערגסטע מאָמענטן האָט די בריגאַדע חושד געווען, אַז נישט אַלצדינג איז בסדר אין זיין אייבערשטיבל. אין דער אמתן איז ער נישט נאָר געווען ביים פולן שכל, נאָר אַ קלוגער און קולטורעלער מאַן. ער האָט פריי באַ־הערשט עטלעכע שפּראַכן און מיט אַ סך לאַגער־תושבים פון די פאַרשיי־דענע שטאַמען האָט ער געשמועסט אויף זייער לשון. פון נאַטור אַ סאַנג־וויניקער און אָפּטימיסט, איז זיין לעבנסלוסט אים געווען אַ שוץ אין די שווערסטע מינוטן פון די ביטערסטע נסיונות. אָבער פּאָר זיין היפּש־צעוואַקסענעם גוף זענען די סוכאַרעס און די באַלאַנדע געווען צו קנאַפּ, און ער האָט אין גיכן זיך פאַרענדערט אויף נישט צום דערקענען.

איין מאָל האָט מאיר באַמערקט, אַז די פיס ביי זיין „געשפּאַן״ אין דער אַרבעט זענען געשוואָלן. מאיר האָט אים צוגערעדט אַריינצוגיין אין סאַן־פּונקט. — צו וואָס? ערשטנס איז אין סאַניטאַרן־אָפּטייל קיין דאָקטער נישט פאַראַן, צווייטנס, נישטאָ דאָרט קיין רפואות. דריטנס, ווייס איך בעסער פון יעדן דאָקטער, וואָס מיר פעלט. אָבער דאָס איז נישט צו פאַרשאַפן זיך...

מאיר האָט זיך נישט נאָר געלאָזט. ער האָט אים פּשוט אָנגענומען ביי דער האַנט און מיט גוואַלד אַריינגעפירט אין מעדיצינישן פּונקט. אָבער געראָכט איז געווען אַלעקסאַנדער. מיט דעם פּונקט האָט אָנגעפירט אַ פאַר־שויך, וואָס אויב ער האָט געהאַט אַ שייכות צו מעדיצין, איז צו וועטערי־נאַרער. דאָס איז געווען אַ גראָב נפש, וואָס האָט זיך באַמיט נושא־חן צו זיין ביי די אדונים זיינע, און די חולאים האָט ער באַהאַנדלט ווי די בהמות. אַפילו די אונטערוועלט האָט אויסגעמיטן דעם „מעדפּונקט״ און זיך גע־שוואָרן ביי אַל דעם הייליקן, אַז זיי וועלן אים „פאַרשפּילן אין קאָרטן״...

ווי גרויס אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש איז געווען, איז ער אַרויס־געפלויגן פונעם „מעדפּונקט״ מיטן קאָפּ אין שניי. מאיר האָט אים געהאָלפן אויפשטיין און אָפּגעפירט אין באַראַק. וואָס האָט ער געקאָנט טאָן, מאיר? אויסמוסרן דעם אויסוווּרף? צי נעמען ברוכן, אַז ער זאָל אים אַ גלעט טאָן מיט זיין לאַפּעטע־האַנט?

---

*) אָ, גיט מיר אָפּ די פרייהייט, כ׳וועל קענען אויסקויפן מיין זינד...

די „ציגנאַ” האָט געוועלטיקט אין לאַגער מיט דער פולער קראַפט. פון שווערער אַרבעט איבער די כוחות און פון אונטערדערנערונג איז דער פּראָצענט דיסטראָפיקער געוואַקסן טאָג־טעגלעך. אין זאָנע זענען אַרומגעגאַנגען סקעלעטן, בלאָע, מיט טרוקן־געקאָרטשעטע הויטן, וואָס אויב זיי האָבן זיך נישט צעשאָטן, איז ווייל די הויט האָט צוזאַמענגעהאַלטן זייערע בינטלעך ביינער. אַזעלכע זענען שוין נישט קיין אַרבעט־כוח. אויף אַזעלכע קאָן מען שוין ווייט נישט אַרויספּאָרן. בויען פלענער אויף זיי איז אַ שטות. מ׳האָט זיי געמוזט אָפּשיקן אין שפּיטאָל און באַשטעלן ביי דער פאַרוואַלטונג נייע קנעכט, קאַנדידאַטן אויף דיסטראָפיקער.

קודם וויקטאָר, דערנאָך אַכמעדאָוו, איצט איז געקומען די ריי פון דעם גופיק־צעוואַקסענעם, הויכן, אַלעקסאַנדער. לענגער פון אַלע האָט אויסגעהאַלטן מאיר, ביז ס׳האָט אויך אים אַוועקגעלייגט.

וואָס איז דער חידוש? מיטן ערדענעם טאָפּ גייט מען אַזוי לאַנג צום ברונעם ביז סע רייסט זיך אָפּ דאָס הענטל. האָט מאיר געטראַכט וועגן זיך מיט שפּריכווערטער. ער האָט זיך געהאַלטן מער אויף די נערוון, אויף דער עקשנות זיך נישט אונטערצוגעבן. אָבער עקשנות אָן די געהעריקע קאַלאָריעס ביי אַזאַ שווערער אַרבעט איז נישט קיין באַריער פאַר די ספּעציפישע לאַגער־שלאַפקייטן. די פיס האָבן זיך ביי אים ווי צעווייקט און ער איז נישט מסוגל געווען אַרויסצוגיין אויף אַרבעט. דאָס האָט געהייסן טועם זיין דעם קאַרצער, ווי וויקטאָר און אַ סך אַנדערע „סאַבאָטאַזשניקעס” און ווו מען האָט נאָך צוגעאיילט די פאַרשאַרפונג פון דער קראַנקייט.

האָט אָבער מאיר, צום שלימזל, אויך אַ ביסל מזל. קומט אין לאַגער אַריין אַ מעדיצינישע קאָמיסיע. געוויינלעך קומען די דאָזיקע קאָמיסיעס נישט אויס זאָרג פאַר די „זעקן”. זייער קומען האָט באַצוועקט אָפּצוקלייבן די נייטיקע צאָל אַרבעט־פעיִקע פאַר די „שקלאַפן־הענדלער”. די „קאָמיסאָוועקעס” קומען פאַר אין פירהויז פון דער באָד. די מיליטערישע עסקולאַפּן זיצן ביי די טישן און זענען זיך אַפילו נישט מטריח אויפצוהייבן זיך און אויסהערן כאָטש איינעם פון די הונדערטער מענטשן: ווי אַזוי איז זיין פולס? צי איז דאָס האַרץ זיינס אין אָרדענונג? זיי לאָזן די מענטשן פאַרביי דעפּילירן נאַקעטערהייט, און כאַפּן אַן אויבנאויפיקן קוק — האָט נאָך דער מענטש אַ ביסל פלייש אויפן הינטן, קאָן מען עס נאָך אָפּשינדן, און מען גיט אים איבער דעם סוחר. אָבער דאָ, ווען מ׳האָט מאירן אַוועקגעשטעלט אַ נאַקטן פאַר די טישן, האָט דער הויפּט־דאָקטער פילדייטיק אַ קוק געטאָן צו זיינע קאָלעגן אויף רעכטס און דערנאָך אויף לינקס און זיך געווענדט צום לאַגער־נאַטשאַלניק:

— אָט אָ דער איז אַ סאַבאָטאַזשניק, וואָס? מען מאַכט פון מענטשן

חורבות, און מען זעצט זיי נאָך אין קאַרצער ווי ווידערשפּעניקער און שעדיקער. צי וועט מיט אַזאַ באַהאַנדלונג פון לעבעדיקע מענטשן אונדזער מלוכה קאָנען אויספילן אירע גרויסע סאָציאַליסטישע פּלענער? נישט די „זעקן" נאָר די, וועלכע באַהאַנדלען זיי דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי סאַבאָטאַזשניקעס. תיכּף אָפּשיקן אין שפּיטאָל!

פון דער באָד האָט מען מאירן אַריינגעבראַכט אין פּאַלאַטע אויף אַ טראָגבעטל. באַלד איז אַריינגעקומען דער הויפּט־דאָקטער. ער האָט געהאַט אַ הויכן רבּנישן שטערן און מיט דעם קורצן, פּעדאַנטיש אָרומגעשוירענעם בערדל, איז ער שטאַרק ענלעך געווען צו לעניגען. ער האָט מאירן באַלד געמאַכט אַן איינשפּריצונג, געגעבן פּילן און דער פּאַציענט איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף. דער דאָקטער האָט לאַנג פאַרבראַכט ביי זיין בעט. אַוועקגייענדיק האָט ער געהייסן מען זאָל מאירן אויפוועקן זעקס אַ זייגער, כדי צו מאַכן דעם צווייטן איינשפּריץ.

פון די איינשפּריצן איז מאיר געווען פאַרטשאַדעט. ער איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און געהערט ווי דורך אַ וואַנט דאָס שאָרכעניש פון פיס, דאָס שטילע ריידן פון מענטשן ערגעץ טיף אין באַראַק. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אָט ביי אַ בעטל, אָט ביי אַ צווייטן. דערנאָך איז זייער ריידן געוואָרן בולטער. אַ סברה, מען דערנענטערט זיך צו זיין בעטל. עמעצער פון די צוגעקומענע האָט דערקלערט די אַנדערע, אַז דאָס איז אַ נייער חולה וועלכן מ'האָט נעכטן געבראַכט אין אַ שווערן צושטאַנד. דערנאָך האָט ער דערהערט אַ צווייט קול, וואָס האָט אים אויסגעזען באַקאַנט. יענער האָט זיך אָנגעבויגן צום קראַנקן און געפרעגט:

— שליאַכאָוואַי, שלאָפסט? קאָנסט עפענען די אויגן?

דאָס איז געווען אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש, זיין פּאַר צו דער זעג ביים וואַלגערן דיביימער, דער זעלבער וואָס האָט נישט פאַרלאָרן דעם הומאָר ביי די שווערע אַרבעטן און געזונגען אַריעס מיט זיין ווייכן, סאַמעטענעם באַריטאָן.

— מאיר, דערקענסט מיך?

מאיר האָט געעפנט די אויגן און מיט אַ שוואַך קול אַ זאָג געטאָן:

— „אָ, דייטע, דייטע מניע סוואָבאָדו"... אַלעקסאַנדער, ווי קומסטו אַהער? מ'האָט דיך אַוועקגעפירט אין אַ שווערן צושטאַנד און כ'האָב איבערגעטראַכט אַז...

— ניין, מאיר. ווי זאָגט ער דאָרט, האַ? „זשיוו קורילקאַ"... און אַז מען לעבט, טרעפט מען זיך ווידער.

— און ווי איז עס מיט די פיס?

— ווי דו זעסט, איין אָרדענונג. דאָ זענען פֿאַראַן אויסגעצייכנטע דאָקטוירים. „ק־ר־ע־מ־ל־י־אָווסקיע" — קרעמל־דאָקטוירים. זיי האָבן געהיילט די געטער...

מאיר האָט ווידער פֿאַרמאַכט די אויגן און אַלעקסאַנדער האָט אַ געשריי געטאָן:

— אַ שפּריץ!

ער האָט אַליין געמאַכט דעם איינשפּריץ. באַפֿוילן צו מאַכן אים אַ בלוט־טראַנספוזיע און זאָרגן פֿאַר טאָפּעלע שפּייז־פּאַרציעס. אַ גלעט טוענדיק מיט זיין גרויסער דלאָניע דעם קראַנקנס קאָפּ, איז ער אַוועקגעגאַנגען.

נאָך דער טראַנספוזיע האָט מאיר געהאַט אַ שלעכטע נאַכט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער ליגט אויף אַ האַרטן וויוויסעקציע־טיש, אַז ער איז דין, דורכזיכטיק, אַז ער קריכט אַרויס פֿון זיין אייגענער הויט, שטעלט זיך אַוועק ביים טיש און קוקט אויף זיך אַליין, ווי ער ליגט אַן אויסגעשטרעקטער, אויסגעדיייוועטער, הויט און ביין. דערנאָך דערזעט ער אַריינקריכן דורכן פֿענצטער די געשטאַלטן, אין וועלכע ער דערקענט זיינע פֿען־חברים, די פֿריִער אַרעסטירטע. זיי קומען אים מבקר־חולה זיין? אַ טרייסטוואָרט קומען זיי אים זאָגן? וועקן בטחון אַז מען וועט נאָך דערלעבן אַ מפּלה פֿון אַלע צוררים און אַז מען דאַרף האָפֿן, האָפֿן אויף אַ נס?

אין דער פֿרי האָט ער זיך דערפֿילט בעסער. ווען ער האָט געעפֿנט די אויגן, איז אַלעקסאַנדער געשטאַנען לעבן אים אין אַ ווייסן כאַלאַט.

— נו, אָט, אַצינד האָסטו שוין אַן אַנדער פּנים. וועסט נאָך זיין ביי מיר אַ קאַזעק מיט שטאַרקע ביצעפּסן. מיר וועלן נאָך באָקסן, מאיר, מיט די פֿויסטן און... מיט דער פֿען אויך... אַצינד ביסטו אין מיינע הענט!

— כ'פֿאַרשטיי ניש. אַלעקס, כ'פֿאַרשטיי נישט. ביסט דאָך אַן אָפּערע־זינגער, ווען זשע ביסטו געוואָרן אַ דאָקטער?

— פֿון לאַנג, פֿון לאַנג...

— טאָ פֿאַר וואָס האָסטו געמאַכט פֿון דעם אַ סוד?

— וואָס פֿאַר אַ זין האָט עס געהאַט דאַרטן? און אויב דו ווילסט, קאָן איך דיר שטעלן די זעלבע פֿראַגע: פֿאַר וואָס האָסטו געמאַכט אַ סוד, אַז דו ביסט אַ פֿאַניבראַט מיט די מוזעס?

— יאָ, אַלעקס, צוליב דעם זעלבן תּירוץ...

דער שפּיטאָל־באַראַק איז געווען איבערגעטיילט מיט אַ שירמע פֿון ליילעכער. פֿון איין זייט — מענער, פֿון דער צווייטער — פֿרויען. איז אַ וווּנדער, וואָס פֿון אַ סך וועלכע זענען צוריק געקומען צו די כּוחות, איז

פֿאַרוואָגלט דער שלאָף? פּלעגט מען טאַקע קריכן אין די נעכט איינע צו די אַנדערע.

מאָראַלישע טאָרמאָזן? בושה? אין עמק־הבכא זענען די דאָזיקע באַגריפֿן — פֿאַראורטיילן, און נישט מער. דער דיזשורירנדיקער קראַנקער האָט געוואַכט טאָמער וועט אַנטראָגן עפּעס אַ נישט־גוטן. געקאָרמעט האָט מען אַ ביסל בעסער ווי אויפֿן אַרבעט־פּונקט. דאָס איז געווען נישט אַזוי אַ שפּיטאָל ווי אויך אַ פּונקט פֿאַר געזונטמאַכונג, פֿאַר אומקערן די מענטשן די אויסגעשעפּטע כוחות, כדי מען זאָל זיי קענען צוריק אויסנוצן. אָבער די קראַנקע האָבן בעסער נישט געגעסן, כדי נישט אַזוי גיך צו קומען צו זיך און אויסציִען דעם אָפּרו־פּעריאָד, ווייל אומקערן זיך אין לאַגער צו עבודת־פּרך האָט באַטייט — אַ זיכערער טויט.

אין באַראַק איז תמיד געווען אַ רעש, אַ טומל. מענטשן ווען נערוון זענען אויפֿגעשרויפֿט ביזן העכסטן גראַד, האָבן קיין שליטה נישט אויף זייערע געפֿילן און האַנדלונגען. האָט מען זיך געקריגט איבער נאַרישקייטן. קראַנקערהייט איז מען געווען גרייט זיך אַנצוכאַפּן ביי די העלדזער. געפֿליגלטע קללות זענען געפֿלויגן, וואָס נאָר אין רוסיש לאָזן זיך הערן אַזעלכע שפּראַכלעכע קרוזשעווקעס. מעדיקאַמענטן האָבן געפֿעלט. זיי זענען געווען קנאַפּ אויף די פֿראָנטן, האָט מען געקאָנט זאָרגן פֿאַר די זע־קאָס?

הינט — מעגן זיי האָבן אַ הינטישן טויט.

אײן מאָל פֿילנדיק זיך בעסער, איז מאיר אַראָפּגעקראָכן פֿון געלעגער כדי אַליין, מיט די אייגענע כוחות און אָן דער הילף פֿון די סאַניטאַרן זיך דערקלייבן צום אַ אָפּטרעט־אָרט. שלייכנדיק אין די שטעקשיך, האָט אים פֿאַרהאַלטן ביי אַ בעט עפּעס אַ באַקאַנט פּנים. ער איז פֿאַרשטיינערט געוואָרן.

— אַכמעד?!

אַכמעד האָט שוין נישט געלעבט. ער האָט אויסגעהויכט די נשמה צוריק מיט עטלעכע רגעס. די סאַניטאַרן האָבן נאָך נישט באַוויזן אַרויסצוטראָגן דעם מת.

מאיר האָט באַטראַכט דאָס שטאַרק פֿאַרענדערטע וואַקס־געלע פּנים פֿון דעם גבר. צי דען איז אָט דאָס קנאָכיקע, געלע פּנים פֿון אַכמעדן? אויך דעם דאָזיקן גבר האָט אַנידערגעלייגט דאָס הונגער־געשפּענסט? ווי, האָט מאיר געטראַכט, צעבראָכענע שאַרבנס לעבן איבער אַזעלכע גבורים ווי אַכמעד. זיי דאַרפֿן ווייניקער, די צעבראָכענע שאַרבנס. זיי ברענגען אויס ווייניקער ענערגיע און זיי קומען אויס מיט דער אַסקעטישער דריי־סוכאַרן נאָרמע.

— אַכמעד, אַכמעד! — איז מאיר געשטאַנען און געשעפּטשעט, ווי געזעגנענדיק זיך מיט אים. — האָסט געוואָלט פֿרייהייט און זעלבשטענ־

דיקייט פאַר דיין אָדלער־פאַלק פון די קאַווקאַזער בערג. האָסטו זי באַקומען, די פרייהייט...

— מ׳האָט אים געבראַכט מיט אַ האַרץ־פעלער, — האָט עמעץ פון די קראַנקע אַרויסגעשטאַמלט דורך די צעוויקטע יאַסלעס.

— וואָס האָסטו אַ טשייניק! — האָט געצאַרנט אַ צווייטער. — מ׳האָט אים צו רעכט געמאַכט בעת אַן אויספאָרשונג. די לונגען אָפּגעשלאָגן. פון הונגער שפּייט מען נישט מיט בלוט...

טעג זענען געגאַנגען. מאיר איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך. די לאַגער האַלוצינאַציעס זענען אָפּגעטראָטן. אָפּט שטעלט זיך אָפּ ביי זיין בעט אַט דער מיטן רבנישן שטערן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז דער נאַטשאַלניק פונעם שפּיטאָל. זיין נאָמען — סאָלאָמאָן גריגאָריעוויטש — האָט נישט געלאָזט קיין צווייפל וועגן זיין אָפּשטאַם. נאָך מער: ער האָט זיך נישט געשעמט צו ריידן יידיש. און זיין יידיש איז געווען אַ מחיהדיקער, אַ ליטווישער. אויב נאָך צוגעבן, אַז סאָלאָמאָן גריגאָריעוויטש איז געווען אַ מיטגליד פון דער מעדיצינישער אַקאַדעמיע, וועט שוין זיין פאַרשטענדלעך די אינטעלעקטועלע וואָג פון דעם מאַן.

שפּעטער וועט מאיר געוואָר ווערן אַז ער איז איינער פון די דאָקטוירים, וועמען מ׳האָט „צוגעגייט" די שולד אין טויט פון מאַקסים גאָרקי. כאָטש אַ געדעמפּטער קלאַנג האָט זיך אַרומגעטראָגן אין דער לופט (ווער האָט זיך דערוועגט דעם קלאַנג צו ברענגען אויף די ליפּן?), אַז פאַרסמט האָט מען אים לויט אַ ווונק פון אים אַליין, דעם פאָטער פון די פעלקער... כאָטש דער חשד איז נישט דערוויזן געוואָרן פון קיינעם (וועט ער אַ מאָל דערוויזן ווערן?), האָט ער אָבער געהאַט אַ גרונט. דער גרויסער שרייבער וועמען מ׳האָט געהאַלטן פאַרן געוויסן פון דער סאָציאַליסטישער עפּאָכע, איז אים געשטאַנען אין וועג, ווען ער האָט פאַרטראַכט דאָס צעיושעטע געיעג אויף כלומרשטע שונאים פון פאָלק און אויסגעדרעסירט אַלע שדים צו דער מאַקאַברישער פּראָצעסן־וואַקכאַנאַליע.

סאָלאָמאָן גריגאָריעוויטש איז געזעסן ביז אַ „ספּעציעלער פאַראָרדענונג". און די יאָרן גייען. און די פאַראָרדענונג האָט זיך אַלץ פאַרזאַמט, און די גאולה איז נישט געקומען. מ׳האָט אין אים פאַרגעסן.

עד מתי? — האָט ער געפרעגט — עד מתי?

אַז מאיר האָט אַרויפגענומען אַ ביסל פלייש, האָט געהאַנגען אויך איבער אים די סכנה צוריקגעשיקט צו ווערן אין לאַגער, ווו ס׳האָט באַלעבאַטעוועט יענער קאַפּיטאַן — אַ מאָראַליש פאַרזעעניש, וואָס האָט הונ־

דערטער מענטשן אַריינגעטריבן אין דער ערד. די דאָזיקע פּערספּעקטיוו האָט, פֿאַרשטייט זיך, מאירן נישט געפֿרייט.

אין יענע טעג רופֿט מען אים אַרויס אין קאַבינעט צום הויפּט־דאָקטער. אָט, איז איינגעפֿאַלן מאירן, איצט וועט מען אים מעלדן, אַז ער איז שוין אין גאַנצן געזונט און...

נײַן, נישט צוליב דעם האָט מען אים גערופֿן. עפּעס אַנדערש.

— איך וועל אײַך, שליאַכאָוואָי, פֿאַרהאַלטן אין שפּיטאָל, אויב איר זענט מסכּים צו אַרבעטן דאָ ווי אַ סאַניטאַר. צוריקפֿאָרן אַהין הייסט — זיך אומקערן צום אומקום. מען דאַרף זיך ראַטעווען. סאַניטאַרן גייען נישט דורך די „קאָמיסאָוועס״, אויב די היגע דאָקטוירים ווילן נישט...

אַוודאי איז ער באַלד מסכּים געווען און פֿון יענעם טאָג דערהויבן געוואָרן צום ראַנג פֿון אַ סאַניטאַר.

מען קאָן נישט זאָגן, אַז די אַרבעט איז אים געפֿעלן. צום אָנהייב האָט אים געעקלט אַרײַנצוגיין אין יענע פּאַלאַטעס, וווּ ס׳האָבן זיך געפֿינען די אונטערוועלטניקעס, אין גרעסטן טייל ווענעריש־קראַנקע, כראָנישע און פֿריש־אָנגעשטעקטע, אָדער אַרויסגערופֿענע דורך פֿאַרשיידענע תּחבולות און אַליין זיך געמאַכטע איינשפּריצן. ביז מ׳האָט פֿעסטגעשטעלט דעם אמתן כאַראַקטער פֿון די מכּות, געשווילעכצן און פֿון דער הויכער טעמפּעראַטור, האָבן זיי געהאַט אין שפּיטאָל אַ חי־שעה, ראַטעווענדיק זיך פֿון די שווערע קאַטאָרגע־אַרבעטן.

דאָס שפּיטאָל איז געווען פֿאַר זיי אַן אָרט פֿון אָפּרו און פֿון פֿאַר־ברענגען. זיי פֿלעגן דאָ שפּילן אין קאָרטן, פּרעסן, דראָען די קוכערס און באַקומען פֿון אַלץ טאָפּל אויפֿן חשבון פֿון אַנדערע חולאים. און דאָך פֿלעגט מאיר טאָן זײַן אַרבעט געוויסנדיק: געבראַכט זיי דאָס עסן, פֿאַרבעט זייערע געלעגערס און נאָך דעם פֿלעגט ער מיט צען וואַסערן וואַשן און רײַבן די הענט אין שרעק, עס זאָל נישט צושטיין עפּעס אויך צו אים.

אין דער צײַט האָבן די צוויי דאָקטוירים אים עפּעס אויך געלערנט, ער זאָל נישט האָבן פֿאַרבראַכט אומזיסט די צײַט אין שפּיטאָל. מ׳האָט אים געגעבן בראָשורן וועגן פּאָפּולערער מעדיצין, אים געלערנט ווי אַזוי צו היילן פֿון געשווילעכץ, מכּות, וואָס פֿאַר אַ פּראָשקעס, פּילן אײַנצוגעבן צו די פֿאַרשיידענע מיחושן און אַפֿילו צו מאַכן אַן איינשפּריץ.

— דאָס וועט אײַך צו ניץ קומען, שליאַכאָוואָי, שטאַרק צו ניץ קומען. דעם גאַנצן „סראָק״ וועלן זיי אײַך נישט לאָזן אויסזיצן דאָ. איר וועט קומען ערגעץ אַנדערש, וועט איר האָבן אַ „פֿאַך״ אין די הענט. און דאָס וועט זײַן אײַער רעטונג.

מאיר איז געווען אַ גוטער תּלמיד. אין גיכן האָט ער געקאָנט באַהאַנדלען

די חולאים בעסער פון די דיפלאָמירטע פעלדשערס. און ווען מ'האָט אים אויסגעטריבן פון שפּיטאָל, האָט דער הויפּטדאָקטער אים דערלאַנגט אַ פּאַפּירל וואָס באַשטעטיקט, אַז ער איז דורכגעגאַנגען אַ פעלדשער־קורס אין שפּיטאָל און האָט רעכט צו אַרבעטן אין אַ מעדפּונקט אין לאַגער.

— אויף דער קאָלאָנע ווהין איר פאָרט, פעלט גראָד אַ פעלדשער.

דער פריערדיקער האָט זיך פאַרשיכורט און אָנגעפּרעסן זיך אַ בויך, ווי אַ בעל־גוף. ער איז אויך אַ שונא־ישראל, וואָס האָט זיך געחברט מיט דער אונטערוועלט, האָט דער נאַטשאַלניק אים אַרויסגעטריבן אויף דעם שטיינ־ברוך־פּונקט, ער זאָל זיך אַביסל „אָפּציִען". איצט זענט איר אַ פאָלנער מענטש. ווינטש איך אייך דערפאָלג!

אַ יאָר מיט צוויי חדשים האָט מאיר זיך אויפגעהאַלטן אין שפּיטאָל. אַ יאָר מיט צוויי חדשים זענען אַראָפּ פונעם חשבון. צוויי מאָל אין יאָר האָט ער געשריבן בריוו צו זיין משפּחה. פון צייט צו צייט באַקומען אויך אַן ענטפער. ער האָט אָפּגעהיט זיין אַרבעט און סיי פון דער פאַרוואַלטונג סיי פון די חולאים געווען געשעצט.

און אָט — אַ סוף, ער גייט שוין ווידער אין עטאַפּ.

ווידער גייט ער צו פוס דורך אַ וואַלד לענג־אויס דעם אַמור. ס'איז אָנהייב פרילינג. ווייסע קוטשעראַווע וואָלקנדלעך ווי סטאַדעס שעפעלעך קריכן אַרום אין הימל, נאָכשלעפּענדיק אויף דער ערד זייערע שאָטנס. נישט לאַנג באַפרייט פונעם אייז־פאַנצער, האָט דער אַמור זיך געכוואַליעט לייכט, און שווערבעלעך האָבן איינגעטונקען די פליגעלעך אין זיין שפּיגל. פישער־שיפלעך האָבן זיך געטראָגן שטראָם־אַראָפּ, און מאיר, אין מיטן פון אַ מחנה, האָט זיך אויך געשלעפּט, באַגלייט פון זעלנער מיט אויטאָמאַטן.

— „שירע שאַג"! — נישט ריידן!

ביז ווען? ביז ווען? ביז ווען?

אפשר ווי סאָלאָמאָן גריגאָריעוויטש און ווי אַזוי פיל אַנדערע, ביז... ביז אַ „ספּעציעלער פאַראָרדענונג", וואָס קיינער ווייסט נישט, צי זי וועט אַ מאָל קומען?

אָנקומענדיק אויף דעם נייעם פונקט, האָט מאיר באַלד זיך געבעטן צום נאַטשאַלניק. אַריינגייענדיק אין זיין קאַבינעט האָט ער קיין וואָרט נישט זאָגנדיק אַוועקגעלייגט פאַר אים זיין „דיפּלאָם". יענער האָט צוויי מאָל איבערגעלייענט דאָס פּאַפּירל און אויפגעהויבן די אויגן אויף דעם יונגן־מאַן. מאיר איז אַ פּנים אים געפעלן.

— גוט, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — מיר גייען גלייך איבערנעמען דעם מעדפּונקט. קומט!

ער האָט אים אַריינגעפירט אין אַ זייטיקן פליגל־באַראַק, אַנטקעגן דער

קיך מיט דעם עסזאַל־באַראַק, אים אָנגעוויזן אויף זיין אָפּגעזונדערט צימערל, וווהין ער וועט, האָפנטלעך, „קיין באַבעס נישט פירן״ און צום „ביטערן טראָפן, האָפט ער, איז ער נישט פאַרקויפט, ווי דער „פראָפעסאָר״ ביז אים, וועלכן ער האָט געשיקט זיך אויסלופטערן אויף דעם שטיינברוך... ערלעך, אָנשטענדיק, וועסטו קאָנען דאָ אויסזיצן דיין שטראָף ביזן סאַמע־סאַמע סוף. פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען, נאַטשאַלניק!

— און נאָך, — האָט ער געזאָגט, — אַ תנאי: מער ווי זיבן מענטשן אַ טאָג נישט באַפרייען פון דער אַרבעט.

— און אויב עס וועלן זיין שווער קראַנקע?

— מיט מיין הסכמה. פויליאַקעס, סימולאַנטן איז דאָ פאַראַן איבער־געגוג, איבערהויפּט צווישן די פאַראַזיטן, די בלאַט־חברה. זיי וועלן אייך פרוון שרעקן, דראָען, — לאָזט אייך נישט. מיר זענען אויף דער וואַך. ביי אונדז איז אָרדענונג, דיסציפּלין!

מאיר האָט אָנגעקוקט דאָס צימערל, אַוועקגעלייגט זיין זעקל דאַברע־מזל און אַרויסגעגאַנגען זיך באַקענען מיט זיין נחלה. ער האָט גאַנץ ערנסט גענומען זיינע פונקציעס, אין וועלכע ס׳איז אַריינגעגאַנגען הויפּטזאַכלעך די סאַניטאַרע באַדינגונגען און דאָס וויכטיקסטע פון אַלץ, דער מצב אין קיך. אין קיך האָט ער אָפּגעשטעקט דעם ערשטן וויזיט. ער איז אַריינגע־גאַנגען פול מיט זיכערקייט און ווערדע נישט פון אַ פעלדשער, נאָר פון אַ גאַנצן פראָפעסאָר.

— ווער איז דאָ דער הויפּטקיכער? — האָט ער געפרעגט.

און איידער יענער, וועמענס אויסזען האָט אויסגעגעבן, אַז ער געהער צו דער גוטער חברה, האָט אים געוואָלט מכבד זיין מיט אַ רוסישן ברוך־הבא, האָט מאיר זיך פאַרגעשטעלט:

— איך בין דער נייער לעקפּאָם, און דער נאַטשאַלניק האָט מיר גע־הייסן קודם־כל אַריינקוקן אַהער, ווייל דאָ, האָט ער געזאָגט, איז זייער פאַרלאָזט, אומריין, אַ נעסט פון שלאַפקייטן. אויב מ׳וועט די קיך נישט ברענגען אין אָרדענונג אין אַ פּאָר טעג, וועט ער די גאַנצע קיך־ממשלה פאַרטרייבן אין די שטיינברוך־לאַגערן. טאָ לאָמיר זיין גוטע ברידער, זשאָראַ, אַזוי הייסטו? טו וואָס מע דאַרף, אַז זאָלסט נישט דאַרפן „פליִען״, און אַז איך זאָל דעם נאַטשאַלניק קענען אָפּגעבן אַ גוטן באַריכט. פאַר־שטאַנען? די קעסלען, דאָס געשיר, דעם טיש אויף וועלכן איר צעהאַקט דאָס פלייש, דער דיל, אַלצדינג זאָל בלישטשען ווי די לבנה!

אין אָוונט, בעת דעם ערשטן אויפנעם אין זיין „סאַנטשאַסט״ האָט מאיר געהאַט דעם ערשטן אינצידענט. צווישן די באַזוכער, עלטערע

מענטשן, וועלכע האָבן באמת זיך געגייטיקט אין הילף, איז געזעסן אויך אַ יונגער בחור, לויט וועמענס פּרצוף מאיר האָט באַלד דערקענט זיין „אידענטיטעט". מיט דעם, האָט מאיר אַ טראַכט געטאָן, וועל איך מיסתמא דאַרפן אַדורכגיין היינט מיין ערשטן פייער־נסיון. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז פון דעם, ווי אַזוי ער וועט זיך פאַררעקאָמאַנדירן די דאָזיקע חברה־לייט צום ערשטן מאָל, איז אָפּהענגיק, צי ער וועט קאָנען ערלעך און געוויסנדיק אויספילן זיין אַרבעט. איז ער צוגעגאַנגען צו דעם פאַרשוין מיטן טערמאָמעטער און געפּרוווט אַריינשטופן אים אונטער דער פאַכווע.

— נעם צו דעם שווינדל! — האָט אים דער חברהמאַן צוריקגעשטויסן מיט דער האַנט דעם טערמאָמעטער. — שטופּ דיר אים אין אחור אַריין! פאַרשרייב, מאָרגן וויל איך בלייבן אין זאָנע.

— שויך, פון ערשטן טאָג פון מיין איבערנעמען די אַרבעט, ווילסטו מיך צעקריגן מיטן נאַטשאַלניק? עמעצן פון אָט די צעבראָכענע שאַרבנס זאָל איך אָפּזאָגן אַ טאָג אָפּרו, זיי זאָל איך אַרויסטרייבן אויף אַרבעט, און דו מיט אָט דער אויסגעכאָליעטער בודקע זאָלסט פּאָפן אויף דער נאַרע? פרעג איך דיך, דאָס וועט זיין לייטיש פון מיין זייט?

— זע נאָר... ווילסט זיין אַ לייטישער אין לאַגער? אַן אַפּאָסטאָל, אַ לייטישקייט־פּרעדיקער האָט זיך געיאַוועט! ווילסט האָבן געבערענטע לייד?

— ניין, זשאָראַ, אַזוי הייסטו מיר דאַכט, ניין? געבערענטע לייד וויל איך נישט, מיר האָבן דאָ גענוג פון זיי, מיט די קאָקאַרדעס, קומסטו אויך דראָען מיט שטשירענדיקע ציינער פון אַ וואָלף?

— זע נאָר, אַזאַ זשידיוגע האָב איך נאָך נישט באַגעגנט. איר האָט געמאַכט אַן אָרדענונג אין לאַנד, אַז דאָס פאָלק קרעכצט שוין דרייסיק יאָר, ווילט איר אויך דאָ איינפירן אייער סדר?

— זע נאָר, — האָט מאיר אַ שמייכל געטאָן, ביסט אויך אַ פּאָליטיש־אויפגעקלערטער יונגער־מאַן, און מיין אָנגעהעריקייט צו יידן האָסטו אויך דערקענט אָן אַ טעות. — צוגייענדיק האַרט צו אים האָט ער שטילערהייט געפרעגט: — זאָג מיר נאָר, זשאָראַ, די פיס טוען דיר נישט וויי?

— עס טוט מיר גאָרנישט נישט וויי. איך וויל בלייבן אין דער זאָנע...

— איז אויב די פיס טוען דיר נישט וויי, פאָלג מיך און גיי אַרויס מיט דיין אייגענעם גאַנג...

די אָקסענע אויגן פון דעם פאַרשוין האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט. ער האָט זיי פאַרזשמורעט, צונויפגעצויגן און ס'האָבן אַ בליץ געטאָן אין זיי צוויי בלאַנקע ראַזיר־מעסערלעך.

— אַזוי שליסטו באַקאַנטשאַפט מיט מיר? און מיינסט, אַז וועסט נישט באַדויערן?

— אויב מיט סטראַשונקעס און אויב באַדויערן, זאָל כאָטש זיין פאַר וואָס, — האָט מאיר געזאָגט און מיט ביידע הענט אים אויפגעהויבן און מיט דער גאַנצער אָקסענער וואָג אים אַרויסגעטראָגן אין דרויסן.

מאיר האָט פאַרמאַכט די טיר און זיך געווענדט צום מאַן פון אַ יאָר זעכציק מיטן נאַקעטן שאַרבן און שיטערע, ווייסע הערעלעך ביי די שלייפן.

— פאַראַנען דאָ אַ סך אַזעלכע?

— פאַראַן. ווי די שטשורעס. אָט דער איז טאַקע זייער אַטאַמאַן.

— און זיי באַלעבאַטעווען דאָ?

— זיי. און אייך וויל איך עצהן: זייט פאָרזיכטיק! רייסט נישט אייך מיט זיי. זיי קאָנען אייך פאַרשפּילן אין קאָרטן, ווי זיי זאָגן...

— יאָ, אַוודאי קאָנען זיי. דאָס ווייס איך שוין צו גוט. אָבער לאָזן זיך טרעטן פון די שטשורעס טאָר מען נישט. בקיצור, אויף וואָס באַקלאָגט איר זיך, פּעטער?

— קאָפּוויטיק האָב איך. אפשר האָט איר עפּעס אַ מיטל?

— איך וועל אייך געבן עפּעס. מאיר האָט אים דערלאַנגט אַ פּראָשעק מיט אַ גלאָז וואַסער און אים געפרעגט: — זאָגט נאָר, איר אַרבעט ערגעץ?

— וואָס זשע דען?

— ביי וואָס?

— ביי וואָס מען שטעלט מיך אַוועק. טראָגן וואַסער פאַר דער באָד, האַקן האָלץ פאַר דער בעקעריי און פאַר דער קיך, אַפילו רייניקן די אָפּ־טרעט־ערטער.

— איר וואָלט געגאַנגען אַרבעטן אַהער? ווי שווער דאָס זאָל נישט זיין, וועט אַלץ זיין גרינגער.

— מיט פאַרגעניגן.

— ווי הייסט איר?

— שמולעוויטש, הייס איך, אייזיק.

— אייזיק, אייזיק, — האָט מאיר אַ שעפּטשע געטאָן און אַ שמייכל האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף זיין פּנים, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט עפּעס פריילעכס פון דער קינדהייט: — „אייזיק אַראָפּ פונעם בוידעם”!

דער אַלטער האָט זיך אויך צעשמייכלט.

— דאַנקען גאָט, איך הער אַ יידיש וואָרט. ווייל דורכריידן זיך אויף יידיש האָסטו נישט דאָ מיט קיינעם.

— נישטאָ קיין יידן אין לאַגער?

— וואָס הייסט ס'איז נישטאָ? ווי קאָן עס זיין אָן יידן? וואָס פאַר אַ צרות עס זאָל נישט טרעפן די וועלט, מוז דאָך זיין אַ שעיר־לעזאזל,

וואָס זאָל אויסגיסן די באַד אויף יידן. זיי זענען שולדיק אין אַלץ. זיי זענען שולדיק אין דער רעוואָלוציע, זיי זענען שולדיק אין דער קאָנטר־רעוואָלוציע. זיי זענען שולדיק אין די מלחמות, אין הונגער, אין שלאַפקייטן, אין ערד־ציטערנישן, און אין וואָס נישט? שולדיק, וואָס זיי האָבן שרייפעלעך אין קאָפּ, וואָס זיי לערנען זיך גוט, ווי דער סטודענט וועלכן מיר האָבן דאָ, אַ יוריסט אָן פינף מינוט, אַ טייערער בחור, נאָר יידיש — יאָך!

—אַ סטודענט?

— יאָ, פעלדמאַן.

— וויקטאָר?

— יאָ, וויקטאָר. ער וווינט אין דריטן באַראַק.

מאיר איז אויפגעשפרונגען פון אָרט.

— קומט, קומט, פירט מיך אין דריטן באַראַק.

לאָזט זיך אויס, אַז נישט נאָר וויקטאָר, אויך ברוך, דער אָדעסער, איז דאָ. זייער אַלעמענס פרייד איז געווען גרויס: מען האָט זיך אַרומגענומען, זיך געקושט.

— מאיר, מאיר, פון וואַנען קומט איר? פון יאַלטע? איר זעט דאָך אויס ווי... געשטאָפטע געענדז אויף פסח?

— איצטער חברה, נישט געדאַגהט! מיר וועלן מאַכן אַ לעבן! איך בין געוואָרן אַ „פרידורעק" *).

— אַ בריגאַדיר?..

— נאָך העכער...

— פאַרוואַלטער פון דער „כלעבאָרעזקע" **)

— נאָך העכער. וועסט זיך גאָרנישט דערטראַכטן. „לעקפאָם" בין איך!

— „לעקפאָם"? ווען האָסטו באַוויזן? מען דאַרף דאָך עפעס פאַרשטיין אין מעדיצין.

— פאַרשטיי איך! אַ גאַנצער פראָפעסאָר. איך שטעל אַרויס מיין קאַנדידאַטור אין דער אַקאַדעמיע פאַר מעדיצינישער וויסנשאַפט. און איר? אין איין בריגאַדע? איר בויט דעם סאָציאַליזם? שווער? אָפּגעפינען אייערע ווייבער.

— געפונען! — האָט זיך צעשיינט וויקטאָר און אַרומגעכאַפּט מאירן, אַ גליקלעכער. און דו מעגסט מיך באַגריסן, איך בין אַ טאַטע.

— מזל טוב...

*) חושם — בוכשטעבלעך (אַזוי האָט מען גערופן די זע־קאַס, וואָס האָבן פאַרנומען קאָמאַנדע־אַמטן אין לאַגער).

**) ברויט־ממונה.

— פרידע געפינט זיך ערגעץ דאָ, נישט ווייט. דאָס איז אַ פּרויען־שפּיטאָל, ווו מען האַלט די געבערערינס ביז וואַנען דאָס קינד הייבט אָן שטעלן פיסלעך. פאַראַן קלאַנגען, אַז פרויען מיט קינדער וועט מען באַ־פרייען פּריצייטיק. אויב דאָס וועט זיך באַשטעטיקן און זי וועט אַרויס פונעם שטייג, וועט זי פאַרבלייבן אין קאָמסאָמאָלסק, וועט זיך איינאָרדענען און וואַרטן אויף מיר.

— זאָל אייך גאָט העלפן, — האָט מאיר אים אַרומגענומען, — זאָל אייך גאָט העלפן, איר זאָלט קאָנען אויסכאָוועו אַן ערלעכן מענטש, אַ שטאָלצן ייד!

— אַ שטאָלצן ייד, — האָט איבערגעחזרט ברוך, — ער זאָל פילן דעם טעם פון זיין אַ ייד, ווי די טאַטעס... נאָר וואָס שטייען מיר דאָ? אַ רוח אין דער וועלטס טאַטן! מיר זענען אַריין אין יחוס, אַן אייגענעם „לעקפּאָם" האָבן מיר שוין אויך, דאַרף מען דאָך באַנעצן דעם גאַרגל, ניין?

—אומבאַדינגט! — האָט געזאָגט מאיר. — אָבער נישט היינט און נישט מאָרגן. לאָזט מיך חברה זיך איינפונדעווען. אַרום און אַרום זענען דאָ אַ סך בייזע אויגן, גרויסע אויגן און איר — די ערשטע צייט לכל־הפּחות, באַמיט זיך וואָס ווייניקער מיך עקספּלואַטירן, ווייל... לאָמיר נישט געבן קיין שפּייז די שטשורעס, און די שונאי־ישראל.

זיין אַרבעט האָט מאיר געטאָן בשלימות. ער האָט אַפילו באַקומען אַן אינטערעס צו מעדיצין און דער עיקר — ער האָט זיך דערפילט חשובער אין די אייגענע אויגן מיט דעם, וואָס ער קאָן נוצלעך זיין מענטשן, העלפן זיי אין אַ נויט. און ווען האָבן זיי זיך נישט געניי טיקט?

דער נאַטשאַלניק איז געווען שטאַרק צופרידן פון זיין לעקפּאָם. מאיר האָט אין אַ קורצער צייט געבראַכט צו קענטלעכע ענדערונגען אין סאַניטאַרן מצב פון דער קאָלאָניע. דער אַלטער אייזיק האָט געזען אין מאירן זיין גואל און זיך באַמיט, אַז ער זאָל נישט פאַרדינען קיין פאַרוואורפן, האָט איינגע־רוימט יעדערן, אַז ער מאיר איז אַן אמתער דאָקטער, און אַ סך פלעגן זיך צו אים אַזוי טאַקע באַציִען.

צו זיין פּרעסטיזש און גוטן נאָמען האָט אים צוגעהאָלפן דער פאַל מיטן פאָלקאָווניקס דרייצניאַריקן יינגעלע. דער חברה־מאַן האָט זיך גע־גליטשט אויפן אייז און זיך צעבראָכן אַ פוס. מ׳האָט געמוזט אַגווענדן דרינגענדיקע שריט צו ראַטעווען דאָס קינד, אָבער אין זיין „פּראַקטיק" האָט ער אַזאַ פאַל נאָך נישט געהאַט. איז מאיר אין באַגלייט פון אַ סאָלדאַט אַוועק אין שפּיטאָל אין אַ געפערלעכן וועטער. אַלעקסאַנדער האָט אַרויס־גערופן דעם כירורג, וואָס האָט אים אינסטרוקטירט וואָס ער האָט צו טאָן,

און מיטגעגעבן גיפּס און מאַרליע. אומקערנדיק זיך, האָט מאיר תיכּף אַרײַנגעלייגט אין גיפּס דעם צעבראָכענעם פוס פונעם קינד, געננו ווי דער דאָקטער האָט אים געלערנט. די ביינער האָבן זיך גיך צונויפגעוואַקסן. דאָס ייִנגל איז געזונט געוואָרן און אָנגעהויבן ווידער אַרומפּשרינגען, ווי ער וואָלט קיין מאָל קיין בראָך נישט געהאַט.

אין צייכן פון דאַנקבאַרקייט האָט דער פֿאַלקאָווניק אים דערלויבט צו שרייבן בריוו אומבאַגרענעצט. קיין שענערע באַלוינונג האָט מאיר נישט געקאָנט דערוואַרטן. איבער זעקס חדשים האָט ער נישט געהאַט קיין בריוו פון רייזלען און ווען ער האָט ענדלעך באַקומען דעם ערשטן ענטפער, האָט ער מורא געהאַט אויפצורייסן דעם קאָנווערט. דאָס האַרץ איז פול געווען מיט שווערע פֿאָרגעפילן. ער האָט זיך געשראָקן פֿאַר אַ ביטערער בשורה. ווער ווייסט, וואָס ס'האָט פֿאַר דער צייט פון איר שטילשווייגן זיך געטראָפן אין דער משפחה. ער האָט געהאַלטן דעם קאָנווערט, זיך איינגעקוקט אין רייזלס קאַליגראַפישער האַנטשריפט און לאַנג זיך געקווענקלט, ביז ער האָט זיך אַנטשלאָסן צו עפענען דעם בריוו.

יאָ, דאָס האַרץ האָט אים נישט אָפּגענאַרט. דאָס אומפאַרמיידלעכע איז געשען.

רייזעלע האָט געשריבן:

„ליבסטער, איינציקער מיינער! זיי מיר מוחל פֿאַר די יסורים, וואָס מיין בריוו וועט דיר פֿאַרשאַפן. ס'איז אין מיין לעבן געשען אַזוינס, וואָס כ'האָב מיר קיין מאָל נישט פֿאָרגעשטעלט, ווייל צו גרויס איז מיין ליבע צו דיר, און אויב דאָס איז געשען, איז עס דערפֿאַר ווייל געהאַנדלט האָט זיך נישט אין מיר, נאָר אין לעבן פון די קינדער. עס ציטערט די פען אין מיין האַנט און עס טריפט פון מיר בלוט, בשעת איך שרייב דיר די בשורה. איך האָב חתונה געהאַט".

מאירן האָט גענומען שווינדלען פֿאַר די אויגן. די אותיות זענען זיך צעשווומען, אַ קרעכץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין ברוסט ווי אַ ברום, און דער בריוו איז אַרויסגעפאַלן פון זיינע הענט.

ער איז געזעסן אַ פֿאַרגליווערטער, ווי עס וואָלט אים אויסגעפעלט לופט, ביז דער ייִאוש־שאָק איז שוואַכער געוואָרן. ער האָט אויפגעהויבן דעם בריוו מיט ציטערדיקע הענט און געלייענט ווייטער.

באַשריבן האָט רייזעלע אַלצדינג, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט פֿאַר דער צייט. אין מיטן ערשטן ווינטער האָט מען זי פשוט אַרויסגעטריבן פון דער וווינונג אין שרייבער־הויז. זי האָט געוואָלגלט פון שטוב צו שטוב, אַן אָפּגעשטויסענע פון יעדן איינעם. ווער האָט געוואָלט איינשטעלן און אַרײַנלאָזן די פרוי פון אַ פֿאָלקס־שונא? איין מאָל האָט זי אַפילו איבערגענעכ־

טיקט אין אַ שטאַל. פון אַלע זייטן האָט געבלאָזן. זי האָט די קינדער אַרומגעלייגט מיט שטרוי. זי אײנע ווייסט, וואָס זי האָט איבערגעטראָגן. אָבער דאָס ערגסטע איז געווען דער הונגער. קוקנדיק אין די הונגעריקע אייגעלעך פון די פּיצלעך, האָט זי זיך געוואָלט אַ מעשה אָנטאָן. זי האָט געזוכט אַרבעט, אָבער גיי אָרדן זיך איין מיט דער אַנקעטע פון אַ ווייב, וועמענס מאַן איז אַ פאָלקס־שונא. קיינער האָט זי נישט געוואָלט אויפנעמען. — ווער צוליב רחמנות און ווער צוליב שינאה. ביז... ביז איר איז אַנטקעגנגעקומען אַ יונגערמאַן... ער איז אַ האַפן־אינזשעניער. האָט אַ לאַנגע צייט זיך צוגעקוקט ווי זי מאַטערט זיך, אומדרייסט גענומען צושטיין מיט זיינע פאַרשלאָגן, און זי האָט זיי לאַנג און אַנטשיידן אָפּגעזאָגט. איין מאָל, נישט קאָנענדיק מער צוזען דעם פּיין פון די קינדער, וואָס זענען געוואָרן הויט און ביינדעלעך, האָט זי געגעבן איר הסכמה. זי איז געגאַנגען מיט אים אין „זאָגס” ווי צו דער עקידה.

אמת, ער איז אַ גוטער מענטש. צו איר און צו די קינדער באַציט ער זיך מיט זאָרג און ליבשאַפט. ער איז אויך אַ גוטער פאַרדינער. דאָס הייסט, ער האָט אַ הויכן געהאַלט און טראָגט אין שטוב אַריין וואָס נאָר מען קאָן קריגן ביי דעם איצטיקן מאַנגל. נאָר זי איז אומגליקלעך. ווען ער קושט זי און גלעט זי, דאַכט זיך איר, אַז דאָס זענען מאירס צערטלעכקייטן און קושן. זי האָט אים נישט ליב, כאָטש ער פאַרדינט מען זאָל אים ליב האָבן. ער פילט, פאַרשטייט און ליידט פון דעם. פאַרענדיקט האָט זי איר ווידוי מיט די ווערטער, אַז ס׳וועט זיין אַ טעות אויב מאיר וועט זי פאַראורטיילן. סיי ווי וועט זי נישט אויפהערן שרייבן אים, אויב אַפילו ער וועט נישט וועלן אירע בריוו. וועט ער דען נישט וועלן עפּעס וויסן וועגן די קינדער? זענען דען די קינדער שולדיק?

מאיר האָט זיך צעוויינט מיט אַ פאַרשטיקט געוויין. דער אַלטער אייזיק, זיין סאַניטאַר, האָט זיך דערשראָקן. ער האָט געוואָלט וויסן, וואָס ס׳איז געשען און זיך נישט איינגעשטעלט צו פרעגן.

די טעג זענען געגאַנגען גראָע, אײנטאָניקע. מאיר האָט געזוכט פאַרגעסונג אין זיין אַרבעט. אין „סאַנטשאַסט” האָט ער אויפגענומען חולאים, ווי געוויינלעך, העפלעך, מיט אַ שמייכעלע, באַרויקנדיק די קראַנקע, זאָרגנדיק פאַר די, וואָס זענען געלעגן אין דעם איינציקן צימערל — אַ פּאַלאַטע מיט זיבן בעטלעך — און ביינאַכט האָט ער זיך איינגעגראָבן מיטן פּנים אין קישן און געשלוכצט.

אין אַ פּאָר וואָכן איז ער אַראָפּ פונעם פּנים. ער האָט אויסגעמיטן זיינע גוטע ברידער, וואָס האָבן זיך אָנגעשטויסן אין דער סיבה פון זיין צער. די לאַגער־טרייסט אַז „אַ ווייב געפינען וועסט אַ צווייטע — אַ מאַמע אָבער

נישט״, איז נישט געווען אָנגעמאָסטן פאַר מאירן. האָבן די גוטע ברידער געשוויגן און געוואַרט, ביז זיין ווייטיק וועט פאַרבייגיין. יעדע וווּנד מוז זיך פאַרהיילן. אויסערלעך האָט מען טאַקע געקאָנט מיינען, אַז מאיר האָט זיך באַרויִקט. אָבער ער האָט קיין איין מינוט נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן דעם געשעענעם. ער האָט אָפּגעוויגן מיטן ניכטערן געדאַנק רייזעלעס שריט און זיך אַליין געפרעגט: וואָס וויל איך? פאַר וואָס בין איך אַזוי אויפגעבראַכט אויף איר?

מאיר האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז ער קאָן נישט פאָדערן פון איר, זי זאָל זיך ברענגען פאַר אַ קרבן, ווען ס׳איז נישטאָ קיין האָפענונג אַרויסצוגיין פון דאַנען. האָט ער דאָך אַליין אין זיין ערשטן בריוו צו איר געשריבן, אַז וואַרטן אויף אים איז זינלאָז. אַז זי טאָר זיך נישט פאַרמישפּטן צו גזירות; אַז זי דאַרף איינאָרדענען איר לעבן רעכענענדיק, אַז קיין אומקער איז נישטאָ... און איצט אַז דאָס איז געשען, איז ער אויסער זיך. און ווי אַזוי וואָלט ער געווען געהאַנדלט, ווען ס׳איז פאַרקערט? ווען ער איז אין איר מצב? זי האָט דאָך אַזאַ שטאַרקן אַרגומענט: די קינדער! צוליב זיי איז זי איינגעגאַנגען אויף דעם שידוך. פאַר איר אַליין איז דאָס אַ טראַגעדיע. וואָלט דען בעסער געווען, ווען זי טוט זיך אָן אַ מעשה?

אַזוי האָט מאיר ממש געצאַפּלט צווישן סתירותדיקע געדאַנקען און געפילן. ער האָט זיך באַמיט צו געפינען אַ זכות אויף רייזעלען און אין אַ מינוט אַרום האָט אינעווייניק אין אים אַן אַנדער קול געשריגן: ניין, דאָס האָט נישט געטאָרט טרעפן, פון רייזעלען האָט ער דאָס נישט דערוואַרט! מיטן שכל האָט ער אָנגענומען, אַז דאָס איז גערעצלעך און אומפאַרמיידלעך, אָבער דאָס האַרץ האָט געטומלט. ניין, און ניין! און אויב רייזעלע האָט אַזוי געהאַנדלט, אָט די זויבערע נשמה, דער מלאך זיינער, הייסט עס, אַז מלאכים זענען נישטאָ. נישטאָ! נישטאָ!

און די טעג זענען געגאַנגען. יעדער טאָג — אַן אייביקייט. וויפל אייביקייטן וועט ער נאָך דאַרפן אָפּזיצן דאָ, ביז ער וועט אַרויסגיין פון גרוב? און אַז ער וועט אַרויסגיין, וויפל וועט ער אַלט זיין דעמאָלט? און ווי אַזוי וועט ער אויסזען? און וואָס פאַר אַ גליקן וועט ער טרעפן אויף דער פרײַ? אַן אָפּגעפרעמדט ווייב און אָפּגעפרעמדטע קינדער, וואָס וועלן אים נישט קענען, און אויפגעצויגענע אין גייסט פון דעם לאַנד, וועלן זיי קוקן אויף אים ווי אויף אַ שונא...

רייזעלע, זי האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זיין לעבן אָבער נישט פון זיין האַרץ. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז אין זיין חלום זיצט זי, זיין טויב, אַנטקעגן אים און קוקט אויף אים מיט פרומע, תחנונימדיקע אויגן, און ער רעדט מיט איר, מורמלט איר נאָמען...

און נאָך אַ זומער איז אַוועק און ס׳איז געקומען נאָך אַ ווינטער. דער וויפלטער? די צאָל קראַנקע איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג. נישט נאָר קאַטאַרזשאַנעס מיט אָפּגעפּראָרענע גלידער, אויך דיסטראָפּיקער, אויסגעמאַטערטע פון אַרבעט און פון הונגער. די ברויט־נאָרמעס האָט מען באַשניטן ביז אַ מינימום. ביי אַזאַ צושטאַנד פונעם געזונט האָט אַפילו נישט געקאָנט זיין קיין רייד פון אויספּילן פּלענער. אין לאַגער זענען אַרומגעגאַנגען מענטשן מיט אויגן אויסגעלאָשענע אַריינגעקראָכענע אין די לעכער, אָפּגעצערטע מענטשן, אויף וועלכע ס׳האָט געהאָנגען אַ געל־בלאָע הויט. מאיר איז געווען פאַרצווייפלט. מענטשן זענען געפאַלן ווי פייגל אין אַ מגיפה. צי דען אַרט עס קיינעם נישט? צי דען איז שולדיק נאָר די מלחמה? אַלץ איז געווען פאַרן פראָנט. שפּייזמיטלען, רפואות, הלבשה — פאַרן פראָנט. נאָר אפשר איז אויך אמת געווען דער פּיזמון, אַז די אויסהונגערונג איז אויך אַ טייל פונעם טייוולאָנישן חשבון פון דער מאַכט. וויפל עס וועט אַוועקפאַלן, אַזוי פיל וועט מען ברענגען צום פאַרבייט. צו פיל אומצופרידענע, וואָרטשענדיקע גייען אַרום אויף דער פריי. איי, די גראַבליע שאַרט אַריין אין גרוב אויך אומשולדיקע מענטשן? וואָס זשע קאָן מען טאָן? אַז מען האַקט דעם וואַלד, פליִען שפּענער. ווער איז דער אויטאָר פון דעם אַנטיהומאַנעם פּסוק? לענין? גאָרקי? ווער דאָס זאָל נישט זיין, איז דער זאָג אַ שרעקלעכער, אויב זיבן, אַכט און צוואַנציק יאָר נאָך דער איבערקערעניש איז ער נאָך אַלץ אַ תירוץ צו באַרעכטיקן די אַכזריותן.

צי האָט מאיר פריִער נישט געוווסט וועגן דעם? אַוודאי האָט ער געוווסט און געשוויגן. געשוויגן ווי דאָס גאַנצע פילמיליאָניקע פאָלק; געשוויגן אין פּחד, כאָטש דאָס שווייגן האָט אים אויך נישט געהאָלפן אָפּצוּווענדן פון זיך גופא די בלוטיקע לאַפּע פונעם מאָנסטער.

און אָט איז ער דאָ. שוין וויפל יאָר? און דאָ מוז ער אויך שווייגן, כאָטש דאָ האָט מען שוין נישט וואָס אָנצוּווערן. וואָס הייסט, מען האָט נישט וואָס אָנצוּווערן? אויך דאָ איז מען שטענדיק אונטערן שטענדיקן אויפזיכט פון דער ענקאַוועדע. טאָג און נאַכט איז מען אַרומגערינגלט מיט צוטראָגערס, „קלאַפּערס“, „סעקסאָטן“, שפּלדיקע פאַרשוינען, וואָס ווילן אויפן חשבון פון די „זעקן“ גרינגער מאַכן זייער אייגן אויסקומעניש, דינענדיק דעם „קום“ — דעם לאַגער־כלב מיט דער קאָקאַרדע. מען קאָן אויך דאָ פאַלן אַ קרבן און אַריינכאַפּן אַ נייעם „סראָק“ און אָנווערן דאָס קרישקעלע האָפענונג אַרויסצוקריכן פון דאַנען.

שווייגן, שווייגן! אָבער אין מאירן שרייט אַלצדינג מיט פאַרצווייפלטע קולות.

ווידער האָבן אַ שלאָג געטאָן די גרויסע פּרעסט. ווידער האָט זיך געשטעלט דער אַלטער און אַזויפיל באַזונגענער טייך. וויפל גראַד צעלסיוס איז היינט? וואָלט כאָטש נישט געבושעוועט אַזוי דער ווינט. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געקערט וועלטן און אין דער פרי זענען כוואַליעס געשטאַנען אויפן טייך ווי פאַרפראָרענע דינאָזאַורען, דיבאָם. פון איין ברעג צום צווייטן — אַ דעק מיט אייזערנע גליבעס.

אויפן דריטן טאָג האָט מען אַרויסגעטריבן אַלע בריגאַדעס אויסגלייכן די דעק, אָפּשלייפן די גליבעס מיט לאָמען, לאָפּעטעס, אייזערנע מכשירים. מאיר איז אַרויסגעגאַנגען מיט אַלע בריגאַדעס זען, ווי אַזוי די מענטשן וועלן זיך אויפפירן ביי דער אַרבעט — טאָמער וועט עמעצער אויף דער טראַסע זיך נייטיקן אין זיין הילף.

די מענטשן האָבן זיך געוואָרפן אויף די גליבעס מיט רציחה, ווי אויף זייערע גרעסטע שונאים. שטיין און גאָרנישט טאָן האָט דאָך געהייסן פאַר־פראָרן ווערן. די גליבעס האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן. די זון — אַ רויטע, אַ בלוטיקע — ס'האָט זיך געדאַכט אַז פון איר ווייעט מיט אַ רויטן, פּראָסטיקן טויט. ביי אַלעמען זענען די פּנימער געווען אַרומגעבונדן מיט האַנטעכער און אַלערליי שמאַטעס, כדי צו פּאַרהיטן די נעזער. פון די מיילער איז געגאַנגען אַ פּאַרע, די וויִעס, די ברעמען האָבן זיך באַדעקט מיט אַ שניי־שטויב.

דער נאַטשאַלניק אַליין, דאַנקעוויטש, איז אויך אַרויסגעקומען „כאַפּן אַ קוק". מאיר איז צוגעגאַנגען און אים געוואָרנט אַז מען מוז באַלד אָפּ־שטעלן די אַרבעט און אומקערן אַלעמען אין לאַגער, ווייל ס'איז פּשוט אַן אומקום פאַר די מענטשן. עמעצער וועט דאַרפן „אויסגיסן די באַד"...

ער איז נישט געווען קיין שלעכטער מענטש, דער נאַטשאַלניק, און אויסהערנדיק מאירס וואָרענונג, האָט ער צענומען די הענט ווי ער וואָלט זאָגן, אַז ער געפינט זיך צווישן דעם האַמער און דער קאָוואַדלע. מאיר האָט פאַרשטאַנען זיין לאַגע. ס'איז דאָך קיין סוד נישט, אַז לויטן באַפעל האָט געמוזט ביזן אָקטאָבער־יום־טוב ליגן איבערן פאַרפראָרענעם טייך די אייזיקע באַן־ליניע פון ברעג צו ברעג. „אַפילו בלוט זאָל זעצן פון דער נאָז", מוז די אייזבאַן פאַרטיק זיין. און באַפעל איז באַפעל. פּרוּוו, פּיל אים נישט אויס.

פאַר נאַכט האָט מען געבראַכט אין סאַנטשאַסט זעכצן מענטשן מיט אָפּגעפראָרענע גלידער. איז געוואָרן אַ בהלה. דער נאַטשאַלניק איז געווען צעטראָגן און באַזאָרגט. מ'האָט די געליטענע געמוזט אין גרויס געאייל אָפּשיקן אין שפּיטאָל. שלאָפן האָט מען נישט געקאָנט. אין מוח האָבן געגראָבלט מחשבות ווי חיהלעך מיט שאַרפע נעגל.

— נו ? האָסט נישט געזען פריִער מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן ?
— כ׳האָב יאָ געזען.
— געזען און געשוויגן.
— ניין, איך האָב געוואָרנט דעם נאַטשאַלניק.
— געוואָרנט, אָבער נישט גענוג ענערגיש. האָסט זיך געדאַרפט אָנט־קעגנשטעלן מיט עקשנות אַפילו פאַרן פרייז צו צעקריגן זיך מיטן נאַ־טשאַלניק. דערפאַר ביסטו אויך מיטשולדיק. „איין קראָ שטעכט נישט אויס די אויגן פון דער צווייטער״. דו וועסט זיין דער שעיר־לעזאזל.
— ניין. ניין. נישט מיטשולדיק. וואָס בין איך דען אין דאָזיקן אַכזריות־דיקן מלכות, און וואָס איז מיין כוח ?
ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן שפּעט און זיך אויפגעכאַפּט מיט קאָפּווייטיק.

ווידער אַ בריוו פון רייזעלען.
ווידער ווענדט זי זיך צו אים מיט די צאַרטסטע ווערטער, וואָס ער איז שטענדיק געווינט געווען צו הערן פון איר.
גלייך פון דער ערשטער שורה לאָזט זי אים וויסן, אַז זי איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען... האָט אים נישט געקאָנט אַריינלאָזן אין איר האַרץ, וואָס איז פול מיט ליבע צום טאַטן פון אירע קינדער. דאָס וועט בלייבן אַ טרויעריקער עפּיזאָד אין איר לעבן, אין וועלכן נישט זי איז שולדיק, נאָר דער ביטערער גורל. דער יונגער־מאַן האָט זי געלאָזט מיט די קינדער אין זיין וווינונג און אַליין אַריבער אין אַ געדונגענעם צימער. אַצינד איז זי פריי. אומאָפּהענגיק. זי האָט באַקומען אַרבעט ווי אַ קאַסירערין אין האַפן און מיט „וויפל גאָט גיט״, מוז מען זיך באַנוגענען. אָפט, בעת זי איז נאָך אין האַפן, קומט ער אַהיים און ברענגט די קינדער מתנות און אַ באַשעריי. ער איז אַ גוטער, אַנשטענדיקער מענטש. צי וועט ער, מאיר, קיין מאָל דאָס נישט מוחל זיין און מיט קיין איינציקן וואָרט נישט ענטפערן ? צי איז זי וויניק געשטראָפט, אַז איר קומט נאָך די שטראָף ?
מאיר האָט געענטפערט.
ניין, צו וואָס זיך איינריידן, אַז ס׳איז גאָרנישט געשען. אַ קרישטאָלענע וואַזע וואָס האָט זיך צעשפּאָלטן, איז נאָכן צונויפקלעפּן זי שוין מער נישט יענע וואַזע. ווי גוט דער קליי זאָל נישט זיין, זעט זיך דער שפּאַלט. ער ווינטשט איר גליק...
ווי ער האָט אָפּגעשיקט דעם בריוו, האָט מאיר חרטה געהאַט : אַ פּאָר זיין נישט געלונגענעם פאַרגלייך און דער עיקר — פאַר דעם גראָבן אָפּ־שטויסן זי. רייזעלע האָט אָבער פאַרשטאַנען זיין רוגז און זי האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן. זי האָט געענטפערט אויף איין בריוו מיט צוויי. זי האָט

אים אַנגעגריפן קלוג און מיט אַ באַלײדיקט האַרץ. זי איז װײניק צעבראָכן און געשלאָגן, אַז איר קומען קלעפּ אויך פון אים, דעם ליבסטן מענטש אויף דער װעלט? גיט ער זיך נישט אָפּ קיין חשבון אַז זיין האַנדלונג איז אומגערעכט און קומט פון עגאָיזם? װי אומגליקלעך זי איז געװען אין די חדשים פון דער אויספאָרשונג! איז זי דען געזעסן זייט ביי זייט מיט אים אין דער קאַמער? האָט ער זי נישט געפילט לעבן זיך? גייט זי דען נישט אַצינד אויף אַן ענלעכן יסורים־װעג, דערצו נאָך אַ מטופּלע מיט די קינדער? יאָ, זי איז אַרײנגעפאַלן אין אַזאַ יאוש, אַז זי האָט זיך געװאָלט אַ מעשה אָנטאָן. זי האָט זיך באַזאָרגט מיט אַ גרױסער צאָל פּילן... װען זי װאָלט זיי איינגעשלונגען מיט איין מאָל, װאָלט ער געװען צופרידן? אָבער װען זי האָט איינגעשלעפּט די קינדער קוקנדיק אויף זייערע צונויפ־געפלאָכטענע הענטלעך און פּיסעלעך — שײנינקע, פרישענקע, הילפלאָזע, האָט זי מיט צאָרן אַרײנגעװאָרפן די פּילן אין פײער, סע זאָל זי נישט ציִען צו זיי און אין אַ מינוט פון שװאַכקייט זיי טאַקע נישט װעלן איינגעמען. זי האָט עס געטאָן נישט נאָר צוליב די קינדער, נאָר אויך צוליב אים כדי זי זאָל אים העלפן — אַצינד קאָן זי דאָס טאָן — ביז ער װעט אַרויס פון דער צרה. דערנאָך מעג ער זיך גיין מיט זיין באַזונדערן װעג...

מאיר האָט געלייענט און די טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן. אַ געפיל פון שולד האָט אים געפּלאָגט און ער האָט געפּרוּװט פאַר זיך אַליין גרינגער מאַכן זיין שולד, באַרעכטיקנדיק זיין נישט קלוגן, אומטאַקטישן בריװ צו רייזעלען, װאָס האָט זי, װײזט אויס, זייער װײ געטאָן. װאָס איז ער דען אויסן געװען? װאָס פאַר אַ רעכט האָט ער צװישמידן זי צו זיך, און אויפן גאַנצן לעבן, װען ער האָט נישט די מינדסטע אויססיכט באַגנע־דיקט צו װערן און זיך אומקערן אַהיים. האָט מען שױן געהערט װעגן אַן איינציקן פאַל פון באַגנעדיקונג אין דאָזיקן לאַנד? איז דען פאַראַן אַזאַ זאַך װי גנאָד אין דעם דאָזיקן אומגעהייערן סדום? רייזעלע איז אַ יונגע, בליִענדיקע פרוי. פאַר װאָס קומט איר צו װעלקן אין איינזאַמקייט אין אייביקן װאַרטן אויף אַ נס?

און מאיר האָט איר װידער געשריבן. דאָס מאָל, פול חרטה פאַר זיין לעצטן בריװ, שטראָפנדיק זיך אַליין פאַר זיין טאָן און דעם פעלן פון טאַקט. געמיינט האָט ער בלויז איר צו העלפן זיך אַרויספּלאָנטערן פון מאָראַלישע התחייבותן, זיך באַפרייען פון שולד־געפיל לגבי אים, נישט צו מקריב זיין איר יונג לעבן צוליב אַן אילוזיע. ער איז שוין נישט מער װי אירע אַן אילוזיע. און אויב אַפילו ער װעט אַ מאָל אַרויסגיין אויף דער פריי, װעט ער שוין זיין אַ שברי־כלי און אַ באַלאַסט. נישט פון עגאָיזם איז ער באַװויגן געװען ביים שרייבן, נאָר פאַרקערט, פון ערלעכער, אָנפּניותדיקער

זאָרג פּאַר איר. וואַרטן אויף אַ פּאַרמישפּטן אויף קאַטאָרגע איז ענלעך צו וואַרטן אויף עמעצנס אומקער פון יענער וועלט.

אייזיק, דער אַלטער, וואָס האָט געוווּסט פון מאירס מחשבות, האָט שמועסנדיק מיט אים וועגן דעם געזאָגט מיט דעם נסיון פון אַן אַלטן פּאָלקס־מענטש:

— זי האָט דען געבעטן עצות ביי אייך, רב מאיר? אַ פּרוּוו דאַרף מען נישט לערנען וואָס זי האָט צו טאָן, סיי ווען זי פּאַראַט אייך, סיי ווען זי ברענגט זיך פּאַר אַ קרבן. אָבער איינס מוזן מיר געדענקען, מיר מענער, אַז ווען עס האַנדלט זיך אין ברענגען זיך פּאַר אַ קרבן, זיך מקריב זיין, זענען זיי אַנטשלאָסענער, אַ סך פעיִקער פון אונדז דאָס צו טאָן.

ברוך איז אַרומגעשוווּמען אין לאַגער, ווי אַ פיש אין וואַסער. מיט זיינע צוויי קרעפטיקע פויסטן, מיט זיין שטענדיקער האַפּעדיקייט אויך ביי דער שווערסטער אַרבעט, האָט ער אַרויסגערופן צו זיך ביי וועמען דרך־ארץ און ביי וועמען — סימפּאַטיע. ער איז געווען קלוג, שאַרפזיניק, גערעדט רוסיש מיט אַדעסער ווערטלעך און געווירקט מער מיט זיינע חוזקדיקע ווערטלעך, נישט דאַרפנדיק אָנקומען צו זיינע פויסטן.

וויקטאָר, וואָס האָט זיך אומגעקערט נישט לאַנג פונעם שפּיטאָל, האָט מיט די פויסטן זיך נישט געקאָנט גלייכן מיט ברוכן. ער איז געווען אינטעליגענט און אויב ער האָט געוווּנען דעם זייער דיפערענצירטן עולם און דער עיקר — די „בלאַטנע" וועלט, איז עס געווען אַ דאַנק זיין ממזרישן קענען דערציילן „ראָמאַנס" און זיין פעיִקייט אויסצומייסטרעווען פריילעכע פיזמונים מיט אַ סאַטירישן שטאָך. אַן אָפּלאַכעריש לידל האָט גענומען זינגען דער עולם וועגן דעם „אָפּער" (דער באַפולמעכטיקטער אין לאַגער פון ענקאַוועדע) און עמעצער האָט געזאָרגט, אַז ער זאָל וועגן דעם געוווירן ווערן, אונטערזאָגנדיק אויך ווער עס מוז זיין דער מחבר. ווייל לידל־מאַכערס זענען פאַראַן אַ סך, אָבער „אַזוי קלוג און טרעפלעך איז נאָר אָט דאָס יידעלע"...

רופט מען טאַקע וויקטאָרן צום אָפּער אין קאַבינעט, און איידער ער האָט באַוויזן צו פאַרמאַכן הינטער זיך די טיר, דערהערט זיך אַ געשריי:

— דאָס ביסטו דער מחבר פון די סאַטירישע לידלעך?

— אָפּהענגיק וועלכע, בירגער נאַטשאַלניק. ווייניק לידלעך זינגט מען דאָ? מען שרייבט מיר צו אויך אַזעלכע, וואָס איך האָב נישט צו זיי די מינדסטע שייכות. אויך פּושקינען, ווי איר ווייסט, האָט מען צוגעשריבן אַ סך וווּלגאַרע גראַמען, אויף וועלכע דער גרויסער דיכטער איז גאָר נישט פעיִק געווען.

— מיר ריידן נישט וועגן פושקינען, מיר ריידן וועגן דיינע חוזקדיקע שטותשקעלעך. ווי דערוועגסטו זיך דאָס?

— מיינע שטותשקעלעך זענען בלויז שטייגערישע, צוליב פריילעכקייט, די זעקן זאָלן פאַרגעסן אין זייערע צרות.

— כדי צו פאַרגעסן אין די צרות, חוזקסטו אויך פון מיר?

— פאַרקערט, דאָס ליד איז אָנגעשריבן מיט ליבע צו אייך... איר פילט עס דען נישט? ס'איז אַן אויסדרוק פון די געפילן צו אייך מצד די זעקן, זיי שעצן אייך, ווייל...

— ווייל, וואָס?

— ווייל עס זענען פאַראַן, זאָגן זיי, ערגערע.

דער אָפער האָט זיך צעלאַכט:

— אַ פושקין האָט זיך געפונען אין לאַגער. פוש—קין!..

— ווען פושקין וואָלט איצט געלעבט מיט זיין אָפּלאַכערישן טעמפּעראַמענט און געפיל פון יושר, ווו וואָלט איר אים באַהאַלטן?

— פושקין... —האָט דער אָפער געזאָגט, נישט רעאַגירנדיק אויף וויקטאָרס פראַגע, — ער איז אַפילו אין די גראָבע לידלעך געווען געניאַל. — און כדי צו ווייזן אַז ער איז בקיא אין די ווערק פון גרויסן דיכטער, האָט ער גענומען קנאַקן לידער, עפּיגראַמען, אַנדערע גענוג גראָבלעכע. — און דאָס איז אויך פושקין צי — צוגעשריבענע?

וויקטאָר האָט זיך איינגעשטעלט און געפרעגט:

— ווי זשע קומט עס, אַז אַ יונגער־מאַן ווי איר, וואָס איז אַזאַ פושקין־מומחה, און האָט אַזוי ליב פּאָעזיע... ס'הייסט — אַן איידעלער מענטש, ווי קומט עס, אַז איר געפינט זיך אויף אַזאַ נישט פּאָעטישן פּאָסטן?

— פּאָעזיע איז איינס און פּאַרטיי־דיסציפּלין — עפּעס אַנדערש. און אַז די פּאַרטיי שיקט — גייט מען! און דיך וויל איך עצהן יונגער־מאַן, האַלט די צונג! דיין מזל, וואָס איך האָב נאָך אַ ביסל געפיל פאַר הומאָר. אַ צווייטער וואָלט פון דעם געמאַכט אַ פּוטש קעגן דער סאָוועטנמאַכט. לויף און — שאַ!

וויקטאָר איז פונעם „קומס" קאַבינעט אַרויס אין אַ גוטער שטימונג, צו דער פאַרוווּנדערונג פון די פריינד, וועלכע האָבן באַזאָרגטע געוואַרט אויף אים. אין דעם טאָג האָט זיין שטימונג נאָך מער פאַרבעסערט זיך צוליב אַ בריוו און אַ פּאַקעט מיט שפּייז, וואָס ער האָט באַקומען פון דער מוטער. ער האָט איר געענטפערט אַזוי צאַרט, ווי מע שרייבט צו אַ געליבטער וועגן זיין בענקשאַפט, זיין באַגער אַרומצונעמען איר קאָפּ מיט דער זילבער־קרוין פון שיין־אויסגעלייגטע האָר, וואָס גיבן צו איר געשטאַלט דעם שטאָלץ פון אַ קעניגין... (זאָל זי אים מוחל זיין דעם פאַרגלייך). אים איז גוט, ווי

די וועלט, האָט ער איר געשריבן, און אָפּט פאַרטראַכט ער זיך, צי ער האָט זיך נישט טועה געווען ביים אויסקלייבן דעם פאַקולטעט, אויב דאָס געביט וואָס ער האָט שטודירט, דינט דעם היפּוך פון דעם, צו וואָס ס'איז באַשטימט. ער האָט געשריבן, אַז ער איז אַרומגערינגלט מיט אַ סך גוטע מענטשן, און אַז ער וועט אפשר ווען עס איז קאָנען דערציילן, אַז ער האָט געהאַט די זכיה צו געפינען זיך מיט זיי אין איינעם און זיין מיט זיי באַפריינדט.

דעם בריוו האָט מען צוגענומען ביי אים. צי וועט ער אָנקומען אויך? צי וועלן דעם לאַגער־צענזאָר נישט זיין חשודיק זיינע קלאָר־אומקלאָרע רמזים, און ער וועט דעם בריוו פאַרהאַלטן? מ'האָט קיין מאָל נישט געקאָנט זיין זיכער, וואָס עס געשעט מיט די בריוו.

דער בריגאַדיר האָט אים ליב געהאַט און זיך באַמיט צו געפינען פאַר אים אַ לייכטערע אַרבעט. ער האָט אים געהאַלטן לעבן זיך, אים געמאַכט פאַר זיין „סעקרעטאַר" און אָפט אים אַפילו געהייסן פאַרבלייבן אין דער היים.

— נישקשה, די נאַרמע וועט מען אויספילן אָן דיר אויך.

אָבער וויקטאָר האָט נישט געוואָלט זיין קיין אָנלייגער אויף דער בריגאַדע. קומענדיק צו זיך, נאָכן שפּיטאָל, האָט ער זיך געבעטן אַליין אויף די שווערע אַרבעטן, ערשטנס ווייל דאָס האָט פיזיש געהאַט אַ גוטע פּעולה אויף זיין געזונט־צושטאַנד. צווייטנס, צו וואָס געבן אַ סיבה די אַרומיקע פאַר שינאת־חינם, כאָטש דער יידישער בריגאַדיר האָט צו אַלע מיטגלידער פון זיין בריגאַדע זיך באַצויגן גלייך. קודם־כל האָט ער געזאָרגט, זיי זאָלן זיין זאַט. צוליב דעם האָט געדאַרפט אויסגעפילט ווערן די טעגלעכע נאַרמע, אַפילו ווען מ'האָט זיך געמוזט אַרויסהעלפן מיטן בלייער, פעלשנדיק אַ פּאָר ציפערלעך. די בריגאַדע האָט געוווּסט, וואָס זעליק (אַזוי האָט ער געהייסן, דער בריגאַדיר) טוט פאַר זיינע מענטשן און פאַר אַזאַ מין זאַך ווי „צושרייבן פּראָצענטן" וועט מען, אויב ער וועט זיך כאַפּן, געבן צען יאָר הונגער, צען יאָר שיסן און שטייניקן. דערפאַר האָבן זיי אים געשעצט, האָפנדיק אַז ס'וועט גאָרנישט געשען, עס וועט אָפּגיין גלאַט.

— אַ יידישער קאָפּ! ער באַוואָרנט זיך פון אַלע זייטן.

אַז מען זאָל זיך נישט כאַפּן, האָט שוין געזאָרגט אַסיע, די הויפּט־בוכהאַלטערין פון דער קאָלאָניע.

יעדן אָוונט פלעגן די בריגאַדירן ברענגען די ראַפּאָרטן פון די אויסגעפילטע נאָרמעס צו אַסיען אין בוכהאַלטעריע. מיט איר פלעגט מען זיך דינגען פאַר גרעסערע ברויט־פּייקעס. זי האָט מיטגעפילט די „ראַבאָטיאַגעס"

און ס'האָט איר ווי געטאָן דאָס האַרץ, ווען מ'האָט געמוזט אָנקומען צו עקסטרעמע מיטלען.

אָבער — אַ כלל בלייבט אַ כלל.

באַוווסטזיניק פלעגט אַסיע מאַכן אַ מאָל אַ טעות, וואָרענענדיק די בריגאַדירן, אַז ס'איז צום לעצטן מאָל, ווייל אַזעלכע טעותן בעת אַ רעוויזיע, קאָנען איר אויספאַלן באָקעם, זי קאָן אַפילו פאַרלירן די אַרבעט.

די בריגאַדירן האָבן זי געשעצט, שוין נישט ריידנדיק אַז דרך־ארץ צו זיך האָט אַרויסגערופן איר גאַנץ ווייבלעך געשטאַלט. זי האָט פאַרמאָגט אַ ים מיט חן. פאַרקעמען פלעגט זי זיך מיידלש ווי די אַמאָליקע סטודענטינס — מיט אַ שרונט, די האָר פאַרפלאָכטן אין אַ לאַנגן, דיקן צאָפּ, וואָס איז געווען תמיד אַריבערגעוואָרפן איבערן אַקסל אויף פאָרנט, אויף איר מיידלש־דראָטיקער ברוסט. זי האָט נישט געניצט קיין שמירעכצער, קרעמען, זיך געפירט באַשיידן און גייענדיק דורך דער זאַנג שלאַנק און שטאָלץ, וויגנדיק קוים איר עטוואָס פולבלעכן קערפּער, האָט קיינער פון די זע־קאָס זיך נישט דערוועגט צו באַגלייטן זי מיט אַ געפּעפּערט וואָרט.

אויך מאיר פלעגט אין די אָוונטן אַריינקומען אין בוכהאַלטעריע איבער־געבן זיין ראַפּאָרט. יעדעס מאָל ווען ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר ביים טיש, האָט ער געפילט אַ פיינעם דינעם ריח, וואָס איז געגאַנגען פון אירע האָר. ער איז נישט געווען באַריידעוודיק, מאיר, און כאָטש זי פלעגט אַלע מאָל פרווון אַריינציען אים אין אַ שמועס, האָט ער דאָס העפלעך אויסגעמיטן, וואָס האָט זי נישט ווייניק געוווּנדערט און אויך פאַרדראָסן. זי האָט אים שוין געקענט אַ סך חדשים און געמיינט, אַז ער היט זיך פאַר איר, ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר אַ ביטערן נסיון. און וואָס ווייטער האָט זי געפילט, אַז זי ווערט אַלץ מער באַהערשט פון דעם דאָזיקן יונגן־מאַן. זי האָט פאַר־שטאַנען, אַז זי וועט מוזן נעמען די איניציאַטיוו אין אירע הענט. פון מאָל צו מאָל פלעגט זי אים צורוקן אַ בענקל לעבן זיך און בעטן מסביר זיין דאָס און יענץ אין די דאָקומענטן. ווי אומבאַמערקט פלעגט זי אָוועקלייגן איר האַנט אויף זיינער. מאיר האָט זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק פון די אַ צופעליקע כלומרשט, אומשולדיקע באַרירן.

איין מאָל ווען זיי זענען פאַרבליבן אַליין אין בוכהאַלטעריע־צימער, האָט אַסיע, נישט אויפהייבנדיק צו אים די אויגן, געזאָגט:

— איך קען דיך שוין, מאיר, אַזאַ לאַנגע צייט און דו ביסט פאַר מיר נאָך אַלץ אַ רעטעניש. צי פליסט נישט קיין בלוט אין דיינע אָדערן? צי די ביסט אַ צדיק, אַ הייליקער, וואָס האָט מורא, אַז דער שטן שטעלט אים פאַר אַ בייזן נסיון? אָדער... איך בין נישט צו דיין געשמאַק ווי אַ פרוי?

— אַסיאַ, אַסיענקאַ!

אַ דערשטוינטער האָט מאיר זיך אויפגעהויבן פונעם שטול. ער איז געווען איבערראַשט פון דעם וואָס ער האָט געהערט. און זי אַליין, איבער־ראַשט פון די רייד וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון איר מויל, האָט באַהאַלטן דעם קאָפּ אין איר אָרעם, אַז ער זאָל נישט זען איר פּנים.

— אַסיענקאַ, איך, איך... איך האָב אַפילו נישט געקאָנט חלומען נושא־חן צו זיין אין די אויגן פון אַזאַ פרוי, ווי דו... און ווען אַפילו יאָ, צי מעג איך? איך, אַ זעק, האָב שוין נישט וואָס צו פאַרלירן. אָבער דו, דו? מען קאָן דיך באַזייטיקן פון דער אַרבעט, מען קאָן דיך איבערפירן אין אַן אַנדער לאַגער. און נאָך ערגער: מען קאָן דיך מישפטן פאַר באַציִונגען מיט אַן אַרעסטאַנט, אַ שונא... האָסט באַטראַכט, אָפּגעוווויגן מיט וויפל סכנות אַ באַציִונג צווישן אונדז איז פאַרבונדן? ניין, ניין, דו האָסט זיך פאַרדינט אַ בעסער מזל...

אַסיע האָט דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבן פונעם אָרעם. איז מאיר געשטאַנען אַ רגע, זיך אָנגעבויגן, אַ קוש געטאָן איר שמעקנדיקן קאָפּ און שטילערהייט זיך אַרויסגעשלייכט פונעם צימער.

געוווינט האָט אַסיע אין שטאָט. יעדן אין דער פרי פלעגט זי קומען צו פאָרן מיטן אויטאָבוס און אין אָוונט זיך אומקערן, און נאָר צום סוף פונעם יאָר־בילאַנס, ווען זי האָט געהאַט אַ סך אַרבעט, פלעגט מען איר אָפּטיילן אַ צימערל אין קאָרידאָרל פון דעם סאַניטאַרן אָפּטייל, ווו זי פלעגט אַרבעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט, וואָס איז, אַגב, געווען קעגן דעם געזעץ. אַ פרייער מענטש האָט נישט געטאָרט נעכטיקן אין דער זאָנע, צווישן פאַרברעכער פון אַלע מינים, און דערצו נאָך — אַ פרוי וואָס האָט געקאָנט אויפרייצן אַלערליי פאַרדאַרבענע אויסוורפן, פאַרגוואַלדיקער...

איר האָט מען יאָ דערלויבט. אפשר דערפאַר, ווייל די רעזשים־אָפּיצירן האָבן געהאַט צוטרוי און זיך פאַרלאָזט אויף איר אָנשטענדיקייט. און אפשר דערפאַר, ווייל אַסיעס ווירדיקע האַלטונג האָט געצוווּנגען זיך האַלטן אויף אַן אָנשטענדיקער דיסטאַנץ אַפילו די צעלאָזט־אומגעצוימטע פאַרשוינען.

און אָט איז געקומען די צייט פונעם יאָר־בילאַנס, ווען אַסיע פלעג פאַרבלייבן אין לאַגער, כדי צו פאַרענדיקן איר אַרבעט. מאיר האָט באַפוילן דעם אַלטן נושא־כּלים זיינעם, אויפראַמען דאָס צימערל, איבערציִען דאָס געלעגער מיט פרישן וועש, דער קעכער האָט ספּעציעל פאַר אירעטוועגן אָפּגעבאַקן אַ זיסן קוכן. אַסיע האָט אַ שמייכל געטאָן, ווען זי איז אַריינ־געקומען אין צימער און געזען דאָס ווייסע וועש אויפן געלעגער און דעם כּיבוד אויפן טיש. זי האָט געבעטן דעם אַלטן אייזיק, ער זאָל אַריינשיקן דעם לעקפּאָם וועגן עפּעס אַ פּגמל אין זיין ראַפּאָרט, וואָס זי דאַרף אויסקלאָרן. ווען מאיר איז אַריינגעקומען, איז זי שוין געווען איבערגעטאָן אין אַ לאַנגן

וואַרעמען כאַלאַט און די האָר צעקעמט און צעלאָזן, די האָר אירע, פון וועלכע מאיר האָט תמיד געפּילט אַזאַ איידעלן, פאַרשיכורנדיקן ריח.

— כ׳האָב געמאַכט עפּעס אַ טעות אין מיין ראַפּאָרט, אַסיענקאַ?

— ווער ראַפּאָרט און וואָס ראַפּאָרט? — האָט זי געשמייכלט. — איך וויל פּשוט פאַרברענגען מיט אַ יידן, אַ צדיק. איך זע דאָך ניש אין דעם יישוב אַ יידן, אויף אַ רפואה. איך בין מיד פון די אידיאָטישע חשבונות, ראַפּאָרטן וועגן נאָרמעס, אויסגעזויגענע פון פינגער, ליגנערישע ווי דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס, ראַפּאָרטן אונטער וועלכע איך זע נישט קיין אויס־געפּילטע פּלענער, און נאָר מחנות אויסגעמאַטערטע, אויסגעהונגערטע, אומגליקלעכע מענטשן... דעם קוכן האָסטו באַשטעלט און צום קוכן וואָס? איך האָב ביי זיך אַ „פּערטעלע סטאָליטשנע״! וועסט פאַרזוכן?

— אויב צוליב אַפּעטיט — צען גראַם! איך האָב דאָך ספּירט אין שראַנק און נעם נישט צום מויל...

— גוט, איז צען גראַם. אָבער פאַרן קוכן — עפּעס שאַרפס, געזאַלצנס. שפּראָטן, למשל.

— ביטע, כדי אָפּצומערקן אָט די זעלטענע שעה פון פאַרברענגען מיט אַ קלוגער, דרייסטער פרוי אויג אויף אויג צווישן פיר ווענט מיט איין איינציקן עדות — גאָט!

— דו ביסט אַ גלייביקער?

— אויב אין דעם דאָזיקן גיהנום איז מיר געגעבן דאָס גליק צו פאַרברענגען מיט אַ מלאך, גלייב איך אַז ער איז דאָ.

זיי האָבן אויסגעטרונקען. טאַקע אַ ביסעלע. ביי מאירן האָט זיך צעבונדן די צונג. ער האָט דערציילט וועגן זיין קינדהייט — די יידישע היים, די איבעררעאַשונג ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געזען זיין נאָמען אין אַ ליטעראַרישן זשורנאַל. ס׳איז געווען אַ יום־טוב אין דער נשמה. שפּעטער איז עס געוואָרן אַ געוויינלעכער גאַנג. דאָס האַרץ האָט מער נישט געקלאַפּט אין התלהבות. יעדעס געפּיל איז אַטראָפּירט געוואָרן. פאַר וואָס? ווייל אונטער דעם אָנגעשריבענעם האָט זיך געקאָרטשעט דאָס נישט דער־שריבענע, האָט זיך געקאָרטשעט זיין געוויסן... זעט דען די ווירקלעכקייט אויס אַזוי, ווי זי ווערט געשילדערט אין די ביכער? מען שרייבט נישט וועגן דעם ווי עס איז, נאָר ווי עס וואָלט געדאַרפט זיין דער מענטש, דאָס לעבן, מען שרייבט וועגן גליק, און דאָס וואָס מיר זעען אַרום זיך, איז אַן אומגעהייער לאַנד פאַרכאַפּט פון אַ גרויסן אומגליק. מען שרייבט וועגן ערלעכקייט און אַרום — צביעות, שקר, גנבה, ווי ביי איר, אַסיען, אין די בוכהאַלטערישע דאָקומענטן, אַזוי אין גאַנצן לאַנד אין יעדער זאַך. וואָס קאָן זיין אַ נאָך מער שפלדיקע מדרגה ווי דאָס, ווען קינדער מסרן דעם

אייגענעם טאַטן און גיבן אים איבער אין די הענט פונעם פּאַרטיליקער.

אַסיע האָט צום ערשטן מאָל אים געהערט ריידן, מיט ווייטיק און אַזוי איבערצייגעוודיק. ער האָט אַרויסגעזאָגט געדאַנקען פּשוטע, וואָס זי האָט זיי אויך געהאַט אויף דער לונג נאָר קיין מאָל נישט געבראַכט אויף די ליפּן. זי איז מויל און אויערן גרייט אים צו הערן אָן אַ סוף.

נאָר אין מיטן געשפּרעך האָט אָנגעקלאַפּט דער אַלטער אייזיק. איינעם פון די חולאָים איז שלעכט געוואָרן און ער נייטיקט זיך אין אַ דרינגענדיקן איינשפּריץ. מאיר האָט זיך אַנטשולדיקט און איז שנעל אַרויסגעלאָפן פון צימער.

ער האָט לאַנג זיך מטפּל געווען מיט דעם קראַנקן, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ חלשות־צושטאַנד. ער האָט אים געמאַכט קינסטלעכע אָטעמ־מונג, מאַסאַזשירט אים דאָס האַרץ און לאַנג פון זיין בעט נישט אָפּגעטראָטן, ביז יענער האָט נישט געעפנט די אויגן. קומענדיק צו זיך האָט ער מיט אַ שוואַכער שטים אָפּגעדאַנקט דעם לעקפּאָם און אים געזאָגט, אַז ער מעג שוין גיין שלאָפן, שוין די זעכסטע צייט.

מאיר האָט געשיקט דעם אַלטן סאַניטאַר זיך אָפּרוען, און לאַנדיק אין פּאַלאַטע ברענען אַ לעמפּל, האָט ער שטילערהייט זיך אַריינגעשלייכט אין זיין צימערל. ער האָט זיך אויסגעטאָן, זיך אַריינגעלייגט אין בעט און גענומען אַריינקוקן אין אַ ביכל פון דעם מין ליטעראַטור, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם לאַגער־ביבליאָטעקל.

פּלוצעם האָט ער דערהערט אַ שאָרך פון דער טיר און אַסיע, אין איר לאַנגן, וואַרעמען שלאָף־ראָק, איז געבליבן שטיין ביי דער אין דער שטיל צוגעמאַכטער טיר.

— אַסיאַ?

— מיר שלאָפט זיך נישט. כ׳האָב פון אַ זייט מיך צוגעקוקט, ווי דו האָרעוועסט כדי אומקערן דעם מענטש צום לעבן, און ס׳האָט גענומען שטייגן אין מיין האַרץ אַ טאָפּל־געפיל פון אָפּשיי צו דיר פאַר דיין גוטסקייט און קרבנות־גרייטקייט פאַר די קראַנקע, אויסגעמישט מיט לייבלעכער גלוסטונג צו דיר...

מאיר האָט זיך אויפגעהויבן און אויף האַלב זיך אָנגעלענט אין עלנבויגן.

— אַסיאַ?

— און דו לאַדסט מיך נישט איין זיך צוזעצן אַפילו?

כ׳האָב מיך אין גאַנצן פאַרלאָרן, אָבער האָב יסורים פאַר דיר. ווענט האָבן אויערן. און אַרום און אַרום — אַזוי פיל גרויסע שפּיאָנען־אויגן.

— האָסט מורא פאַר מיין רעפּוטאַציע?

— פאַר דייך זיכערקייט האָב איך מורא, פאַר דיין אַרבעט...

— הייסט עס, אַז דו האָסט דאָך צו מיר עפּעס אַ פּיצל געפיל.

אַסיע האָט פאַרריגלט די טיר, אויסגעלאָשן דאָס ליכט, אַראָפּגעוואָרפן דעם כאַלאַט און אין אַ זיידענעם, שמעקנדיקן נאַכטהעמד זיך אַרונטער־געגליטשט צו מאירן אונטער דער קאָלדרע.

— דערווידערסט נישט, מיין ליבער?

זי האָט זיך אַרומגעוויקלט אַרום אים מיט איר'ע רונדע, פּוכקע אָרעמס און זיך אַיינגעזויגן מיט איר גלוסטיקן מויל אין זיינע ליפּן. ס'האָט געזעצט פון איר אַ פייער, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט מאירן און ער האָט זיך צונויפ־געדרייט מיט איר אין איין לייבלעכן קנויל. דער גוף זיינער איז געווען אויסגעהונגערט נאָך דער נאָענטקייט פון אַ פרוי. דעם אומרו פון בלוט און פלייש פלעגט ער אין משך פון די יאָרן פאַרטויכן מיט אַרבעט און מיט דעם, וואָס ער האָט דעם מוח זיינעם געגעבן אינטעלעקטועלע שפייז. מאיר איז איר דאַנקבאַר געווען פאַר אָט דעם וווּלקאַנישן אויסבראָך.

אַ באַרויִקטע און אויסגעשעפּטע, האָט אַסיע אַוועקגעלייגט איר שיינעם קאָפּ מיט די שמעקנדיקע האָר אויף זיין ברוסט, נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט. זי איז געווען צופרידן. סוף־כל־סוף האָט זי אים באַקומען. אין משך פון לאַנגע חדשים האָט זי אים געמאַכט אַלע רמזים וועגן איר באַגער, און ער — ווי נישט אים וואָלט זי אויסן געווען. זיין גלייכגילט צו איר פלעגט זי שוין פאַרדריסן. לעבנדיק אין דרויסן אויף דער פריי, און דאָ אינעווייניק צווישן סאַמע מענער, איז זי תמיד געווען רויִק, איר'ע באַגערן — איינגע־דרעמלט. זי האָט געפילט אויף זיך די גלוסטיקע בליקן פון די מענער, זי האָט פאַרשטאַנען וואָס זיי קלערן וועגן איר'ע ווייבערישע מעלות און זי איז דאָך געבליבן אימוניזירט קעגן די אַ מאָל אָנשטענדיק־צאַרטע און אַ מאָל גראָבלעך־צודרינגלעכע באַמיִונגען פון בעלנים, וואָס האָבן געוווּסט, אַז זי איז אַ יונגע אַלמנה און דעריבער האָבן זיי געמיינט — אַ פעסטונג, וואָס איז נישט שווער אַיינצונעמען. אָבער זי האָט אַלעמען אַנטוישט, און אַלע וואָס האָבן זי געקענט, זענען געווען דורכגעדרונגען מיט רעספּעקט צו איר פאַר איר שטאָלץ, פאַר איר מענטשלעכער און ווייבלעכער ווערדע — אָן אַ פּיצעלע פּגם.

האָט זיך באַוויזן מאיר און פון דעם ערשטן מאָמענט האָט זי אויפ־געהערט דערקענען זיך אַליין. צי האָט ער מיט עפּעס איר דערמאָנט איר ערשטן מאַן, אַ יונגער אָפיציר וואָס איז אומגעקומען אין די שלאַכטן פאַר דעם באַלאַקירטן לענינגראַד? צי מאירס באַציִונג צו איר, זיין צניעות און כלומרשטער גלייכגילט, ווען איר'ע בליקן זענען געווען פול מיט וואַרעמקייט און צוזאָגן, האָבן געטראָפן איר ווייבלעכן שטאָלץ און נאָך מער אָנגעצונדן דעם ווילן צו באַקומען אָט דעם שטילן, געזעצטן און אָנשטענדיקן יונגן־מאַן?

— נו, מיין הייליקער, — האָט זי געגלעט זיין ברוסט, ריידנדיק מיט אַ געדעמפּטער שטים, — האָסט אפשר חרטה? האָסט אָפּגעטראָטן פון דיינע מאָראַלישע פּרינציפּן. האָסט זיך מטמא געווען און ווערסט מיך פון היינט אָן אפשר פאַראַכטן פאַר דעם נסיון, צו וועלכן איך האָב דיך געבראַכט?

— ש...ש...שאַ... אַסיענקאַ... מען דאַרף נישט פאַרשווערכן די מינוטן פון גליק מיט רייד, מען דאַרף נישט...

— דיר איז אַלץ איינס, מיט וועמען דו טיילסט דיין בעט היינטיקע נאַכט?

— איך ווייס, איך ווייס, מיט אַ מלאך, וואָס גאָט האָט מיר צוגעשיקט.

— דו ווייסט דאָך לחלוטין נישט ווער איך בין, פון וואַנען קום איך.

אַוודאי האָט ער גאָרנישט געוווּסט פון איר ביאָגראַפיע, און כאָטש דער שרייבערישער נייגער זיינער איז געווען גרויס, האָט ער איר קיין פראַגעס נישט געשטעלט. ער האָט געוואַרט, אַז מיט דער צייט זאָל זיך דאָס פון זיך אַליין אַנטפּלעקן. די זע־קאָס וואָס האָבן זיך געפונען אויף דעם פּונקט פון לאַנג, האָבן געוווּסט צו דערציילן, אַז זי שטאַמט פון קיִעוו, אַז זי האָט געהאַט אַ מאַן מיט וועלכן זי האָט געלעבט גליקלעך. ער האָט געדינט אין אַ וויכטיקער אינזשעניערן־טייל און זי האָט מיט אים אַ מיידעלע. אין ערשטן טאָג פון דער מלחמה האָט ער זיך געזעגנט מיט זיין משפּחהלע, און זי, ווי אַ סך פרויען פון אָפיצירן, האָט מען עוואַקויִרט אין דער דאָזיקער ווייטער געגנט, ווו זי האָט נישט געהאַט נישט קיין באַקאַנטע, נישט קיין פריינד. זי האָט דאָ באַלד פאַרזוכט דעם טעם פון הונגער און האָט געפראָרן מיטן קינד אין אַ געדונגענעם צימער. ערשט נאָך דעם וואָס זי האָט באַקומען אַ מעלדונג אַז „איר מאַן איז געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט אין די שלאַכטן פאַר לענינגראַד", האָט מען איר, ווי אַ פרוי פון אַ געפאַלענעם אָפיציר, פאַרגעלייגט די אַרבעט אין לאַגער.

— דיין עבר גייט מיך נישט אָן, כאָטש וויסן וויל איך אַלצדינג וועגן דיר, וועגן דיין קינדהייט, דיין משפּחה, די אינטערעסן דיינע מיידלוויז, אַלץ, אַלץ. אָבער גאָרנישט וועט נישט קאָנען ענדערן דיין אָנבליק, דיין געשטאַלט אַזוי ווי כ'האָב דיך דערקענט. דיין ווערדיק האַלטן זיך איז פאַר מיר אַ רעטעניש. ווי אַזוי איז דיר געלונגען פאַרהיטן דיין ריינקייט און דיין אומבאַפלעקטן נאָמען אין דער סביבה פון די גאַרניזאָן־לייט מיט די פּאַגאָנעס — די באַגרענעצטע, עם־האַרצותדיקע, אויסגעלאָזטע בראָנפן־זויפער?

— ס'איז צו דיר דערגאַנגען אַ רכילותל אויף מיין חשבון?

— גאָט זאָל היטן... און דערפאַר פרעג איך מיך, ווי אַזוי האָסטו אויף אָט דעם עיפּושדיקן פּלאַנעטעלע אַרום דעם לאַגער, וואָס סרחעט מיט

יידן־שינאה, געוואָרפן אַן אויג דווקא אויף מיר, מיט אַזאַ יידישן נאָמען, יידישן אויסזען און אויך... יידישן גורל?

— כאַ, כאַ, כאַ... — האָט אַסיע זיך צעלאַכט אויפן קול, און מאיר האָט איר פאַרשטעלט דאָס מויל מיט זיין ברייטער דלאָניע, אַז די חולאָים אין צווייטן צימער זאָלן נישט דערהערן איר געלעכטער. — און דו, אַ סאָוועטישער שרייבער, ביסט אויך נישט פריי פון דעם דאָזיקן מיאוסן פאָראורטייל? און דיר האָט נישט געשטערט מיין נישט יידישער נאָמען, מיך אַרונטערצונעמען אונטער דיין קאָלדרע און מיך באַשענקען מיט אַלע צערטלעכקייטן פון גן־עדן? מיין חכמהדיק טיפשל, וואָס דו ביסט... און פאַר וועמען האָסטו מיך געהאַלטן, פאַר אַן אוקראַיִנער שיקסע? אַ כאָכאָלקע? מיינע אויגן זענען נישט אַזעלכע יידיש־טרויעריקע, ווי דיינע? איז אין זיי נישטאָ דער יידישער צער, ווי אין דיינע? ציִנד אָן דאָס ליכט און קוק זיך איין, וואָס דו האָסט זיך נישט פאַרגונען ביז אַציִנד. איך בין אַ טאָכטער פון אַ יידישן לערער, פון אַ ...געוועזענעם יידישן לערער, הייסט עס.

— אַסיע, — האָט מאיר געשעפּטשעט קושנדיק אירע אויגן — אַסיע, באַסיע, כאַסיע... כאַסיע די יתומה... מלאך צוגעשיקטער צו פאַרגרינגערן מיין אויסקומעניש דאָ, כדי אַ זין צו געבן מיין לעבן, איך זאָל וועלן ווייטער לעבן און אויסהאַלטן!

— אָט דאָס איז די הויפּטזאַך, אויסהאַלטן! — האָט אַסיע געזאָגט. — איך ווייס, אַז דו האָסט נאָך ביי אַ זיבן יאָר צו פאַרברענגען אויף דעם, ווי דו זאָגסט, עיפּושדיקן פּלאַנעטעלע. איך ווייס אויך, אַז דו האָסט אין דער היים אַ משפּחה. מיר גייט עס נישט אָן. און איך וויל, אַז דו זאָלסט זיך נישט קוועלן מאָראַליש פון דער פאַרהעלטעניש מיט מיר. ביזן סוף פון דיין שטראָף וועל איך זיין ביי דיין זייט. איך וועל האַלטן אַן אויג, אַז דיר זאָל קיין שלעכטס נישט געשען. כ'וועל זיך באַמיִען, אַז מען זאָל דיך נישט שליידערן אין די עטאַפּן. כ'וויל, אַז די פאַרהעלטעניש אונדזערע זאָל זיין אַ יום־טוב נישט קוקנדיק אויף די באַדינגונגען. און דערנאָך...

— דערנאָך וואָס?

— צו וואָס טרעפן? האָסט דאָך היינט אַנטדעקט, אַז ס'איז פאַראַן אַ גאָט, איז ווי גאָט וועט פירן. איך פּענטע דיך נישט מיט קיין שום שבועות. דו ביסט אַ ...פרייער מענטש. און אַציִנד — לעש אויס דאָס ליכט. ס'איז נאָך געבליבן אַ פּאָר שעה צו טאָג. נעם מיך אַרום און שלאָף.

אין דער פרי, ווען מאיר האָט אויפגעמאַכט די אויגן איז אַסיע שוין נישט געווען לעבן אים. ווי אַ פאַרטשאַדעטער האָט ער אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט צונויפנעמען די געדאַנקען. איז דאָס געווען בלויז אַ חלום, צי אים

איז אויף אַן אמת צוגעשיקט געוואָרן אָט די גרויסע איבערלעבונג, ווי אַ פאַרגיטיקונג פאַר די יסורים פון די לעצטע עטלעכע יאָר?

אייזיק, דער אַלטער סאַניטאַר האָט שטילערהייט געעפנט די טיר:

— מאיר, די סאַנטשאַסט איז פול מיט מענטשן. באַלד טרייבט מען די בריגאַדעס אויף דער טראַסע...

מאיר איז פלינק אַראָפּ פון בעט, אַרויפגעכאַפּט דעם כאַלאַט און אַריינ־געלאָפן אין אויפנעם־צימער. שנעל דורכגעלאָזט עטלעכע באַזוכער, עטלעכע באַפרייט פון אַרבעט און ווי געווייגלעך אַרויסגעלאָפן צום טויער אַ קוק טאָן אויף די מענטשן, צי האָט נישט געטראָפן מיט עמעצן עפּעס אין דער לעצטער מינוט.

ווען די בריגאַדעס זענען אַוועק און דער טויער פון דער זאָנע האָט זיך פאַרמאַכט, איז ער ראַפּטעם אַריין אין בוכהאַלטעריע. אַסיע האָט אויפ־געהויבן צו אים אירע שיינע, פאַרוואונדערטע אויגן.

— וואָס איז געשען, חבר שליאַכאָוואַי? וואָס ברענגט אייך אַזוי פרי אין בוכהאַלטעריע?

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די צוויי באַיאַרטע מענער, אירע געהילפן.

— ניין, ניין, נישט קיין ראַפּאָרטן האָבן מיך געבראַכט. געוואָלט האָב איך פרעגן, צי איר גלייבט אין חלומות, חברים? און איר, אַסיע מאַרקאָווגאַ, איר גלייבט? איך האָב די נאַכט געהאַט אַ געטלעכן חלום. גאָט מיינער, סאַראַ חלום! קאָן מיר עמעץ פּותר־חלום זיין?

אייך האָבן זיך געחלומט געטלעכע חלומות, שליאַכאָוואַי, און איך בין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, — האָט אַסיע זיך ווי באַקלאָגט, — אין צימערל איז געווען אַ ביטערע קעלט. די וואָך וואָס איך האָב צו זיין אין אייער אַכסניה, וועל איך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטיק אייז. צי דען איז דאָס אייער ווילן? איר ווילט דאָס נישט? טאָ זייט אַזוי גוט און באַפעלט, מען זאָל בעסער אָנווארעמען דאָס צימער און באַזאָרגט מיר נאָך אַ קאָלדרע. דורך אגב, איך האָב מיך בגנבה צוגעקוקט, ווי אַזוי איר איר זענט זיך מטפל געווען מיט אַ קראַנקן אַרויסרייסנדיק אים פון דער העטלעכערס ביינער־דיקע לאַפּעס. איר זענט דאָך ממש אַ קונצן־מאַכער...

זי איז געווען ערנסט און אירע אויגן האָבן אים געגלעט מיט אַ סאַמע־טענעם שמייכל: אַ וואָך, אַ גאַנצע וואָך וועט זי זיין מיט אים, האָט געזאָגט דער שמייכל.

וואַסילי סעמיאָניטש, איר געהילף, האָט אים אומגעקערט צו זיין חלום.

— איז וואָס פאַר אַ פתרון וואַרט איר, אַ שטייגער, שליאַכאָוואַי? אויף אַמנעסטיע, אויף רעהאַביליטאַציע?

— נישט ביי דעם טאַטן, — האָט באַמערקט דער צווייטער געהילף.

אַסיע האָט זיך נאָך עפּעס דערמאָנט:

— אין אָוונט וועט מיר אַ שעה צוויי אַרויסהעלפֿן וואַסילי סעמיאָניטש. ער וועט פֿאַרשפּעטיקן צום נאַכטמאָל, טאָ זייט אַזוי גוט, אויב אײַך איז נישט שווער און באַזאָרגט נאָך איין נאַכטמאָל. נישט ווי אַ פֿליכט, חבריש בעט איך אײַך.

— פֿאַר אײַך, גראַזשדאַנין גלאָוובוך!

— נישט פֿאַר מיר, פֿאַר וואַסילי סעמיאָניטש.

אַסיע און אירע געהילפֿן האָבן זיך געוווּנדערט: וואָס איז מיט אים? עפּעס צעררודערט, אויף נישט צום דערקענען...

— אַ שטילער תּמיד, און פּלוצעם אַזאַ האָפֿערדיקייט.

— ווי אַ חלום ווירקט עס אויף אַ מענטשן.

— און איר זענט דען אַנדערש? — האָט געפֿרעגט אַסיע. — איר גלייבט דען נישט אין חלומות? איך האָב דאָ געזען גרויסע געלערנטע, וויסנשאַפֿטלער, פֿיזיקער, דענקער — מאַטעריאַליסטן, וואָס פֿלעגן זיך אַוועקזעצן מיט עפּעס אַ זקן, אַן אַנאַלפֿאַבעט און אים דערציילן זייערע חלומות, ער זאָל זיי געבן אַ פּתרון. אַנדערע ווערן רעליגיעז און הייבן אָן דאַוונען ביחידות. אין אַן עת־צרה קערט מען זיך אום צו גאָט און — צו זאַבאַבאָנעס.

אין אָוונט איז אַסיע געקומען, באַגלייט פֿון וואַסילי סעמיאָניטשן, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך צו טראָגן עטלעכע קאַרטאָן־טעקעס מיט פּאַפּירן. דער אַלטער אייזיק איז אַוועק אין קיך און דער קוכער האָט זיך געבריהט און אַליין אַרײַנגעטראָגן די הילצערנע טאַץ מיטן עסן. מאיר האָט זיך נישט געוויזן. נאָך דעם אָוונט־אויפֿנעם איז ער אַרויסגעגאַנגען כאַפּן אַ ביסל פֿראָסטיקע לופֿט. צו אים האָבן זיך פֿאַראייניקט זיינע פֿאַר חברים, וועלכע האָבן צום וויפֿלטן מאָל איבערדערציילט די זעלבע מעשׂיות און אַוואַנטורעס פֿון דער קינדהייט, דערציילט וועגן זייערע עלטערן, שול־חברים, וועגן זייערע לערערס און וועגן די שפּיצלעך, וואָס זיי פֿלעגן זיי אָפּטאָן.

מאיר האָט זיך אומגעקערט, ווען אַסיע האָט אַרויסגעבאַגלייט סעמיאָניטשן. ס'האָט געשמעקט פֿון אים מיט פֿראָסט און דער אַלטער סאַניטאַר האָט געזאָגט אַסיען, אַז אין דרויסן מעג ברענען, וועט ער זיך נישט אָפּזאָגן פֿונעם שפּאַציר.

— ווי באַלד איר זענט וואַך, ליבער מענטש, — האָט אַסיע זיך געווענדעט צו אייזיקן, — איז אפֿשר מעגלעך אויפֿצוקאָכן אַ טעפּעלע טיי?

— פֿאַר אײַך, אַסיע מאַרקאָוונע, — מיט פֿאַרגעניגן. איינס צוויי און אויפֿן עלעקטרישן אייוועלע, ווי לויט אַ כּישוף.

— גענוג, גענוג אַרומגעפּאַדעט, רעב אײזיק. איך װעל עס שױן מאַכן, האָט מאיר זיך אָנגעבאָטן.

— עך, מײַן ליבער פֿרײַנד, — האָט דער אַלטער אַ זיפֿץ געטאָן, — כ׳האָב אױך געװאָלט געניסן אַ רגע פֿון דער שײַן, װאָס גײט פֿון דער דאָזיקער פֿרױ, פֿאַרגינסטו מיר נישט. נו, מהיכא־תיתי. זאָל דיר װײל באַקומען, האָט ער געזאָגט נישט אָן אַ צװײדײטיקן מײַן.

מאיר האָט די זודיקע און גוט־פֿאַרפּאַרעטע טײ אַרײַנגעטראָגן אין אַסיעס צימער און זי האָט אים באַלד אַרומגעפּלאָכטן מיט אירע אָרעמס.

— נו, בעל־חלומות מײַנער, כ׳האָב דיר געבראַכט דעם פּתרון צו דײַן חלום...

— אַסיע, באַסיע, כאַסיע... כ׳האָב מיך קױם דערװאָרט אױף דער רגע.

— אױך איך, מײַן ליבער, אױך איך! מיר װעלן בלײַבן דאָ, צי מיר װעלן אַריבערגײן אין דײַן צימער?

אײזיק האָט באַלד חושד געװען, אַז דאָס צוגרײטן דעם יאָר־בילאַנס פֿון דער דאָזיקער פֿרױ איז פֿאַרבונדן אױך מיט איר אינטערעס אין זײַן לעקפּאָם, און פֿאַר װאָס טאַקע נישט, האָט דער אַלטער געטראַכט, נישט אָן אַ ביסעלע ערמה. אַז דער אײבערשטער שיקט צו אין דאָזיקן גיהנום אַזאַ געטלעך באַשעפֿעניש, איז דאָס אַ סימן, אַז ער האָט נאָך נישט אָפּ־געקערט פֿון דיר אין גאַנצן זײַן געטלעכן חסד. סע װאָלט דאָך געװען אַ בפּירושע עבירה זיך אָפּזאָגן פֿון איר. און אַז מאיר האָט קײן קידער־װידער מיטן אײבערשטן נישט געװאָלט און נישט אַרױסגעשטעלט קײן װידער־שטאַנד דעם יצר־הרע, אין דעם האָט ער, אײזיק, נישט געספּקט.

אין משך פֿון דער װאָך איז מאיר געװאָרן אַן אַנדער־ער. דער צעבראָך־כענער, מעלאַנכאָליש־שװײַגנדיקער, װאָס ער איז געװאָרן נאָך דער ידיעה װעגן רײזעלעס חתונה, האָט פּלוצעם צוריק געפֿונען זײַן גלײַכגעװיכט.

אָ, זאָל כאָטש װעגן דער דאָזיקער פֿאַרהעלטעניש קײנער זיך נישט דערװיסן. דאָס קאָן דאָך בײדן ברענגען גאָר גרױסע צרות.. זי קאָן פֿאַר־לירן די אַרבעט, אויב נישט נאָך ערגער. און אים װעט מען פֿאַרשיקן װײַט, הינטער די הרי־חושך.

אַ מזל פֿון אַ יונגערמאַן. נישט אַנדערש אַז די שײנהײט האָט זיך אײַנגעליבט אין אים, און נישט אױף אַ קאַטאָװעס. װײַל דאָס איז דאָך נישט בלױז קײן קאַפּריז, נישט קײן צײַטװײַליק פֿאַרהעלטעניש פֿון יענעם מין, װען די פֿאַרמישטע טראַכטן אַז דאָס לעבן איז קורץ און װער װײסט, צי מען װעט אַ מאָל אַרױס פֿון קלעם — געניסט זשע ביז שיכּרות פֿון די תּענוגים, װאָס דער אײבערשטער שיקט צו און... נאָך אונדז כאָטש אַ מבול!

ניין, ניין! אַסיע איז אַ קלוגער, געזעצטער, הויך־מאָראַלישער מענטש, און אויב זי האָט זיך געלאָזט פאַנגען פון אָט דעם שטורמישן געפיל און זיך פאַרליבט אין אַ קאַטאָרזשניק, אַ ליבע אָן אויסזיכטן, איז עס דאָך גורל.

אייזיק האָט זיך נישט געווונדערט, וואָס אַסיע האָט זיך אַזוי פאַרקאָכט אין מאירן. ווער האָט אים נישט ליב, דעם „לעקפּאָם״? ער איז געלערנט, קלוג, באַשיידן. זיין באַנעמונג מיט די קראַנקע — ממש אַ פּאַטערלעכע. פון זיין ריידן אַליין מיט זיי גייען אָפּ אַלע ווייטיקן. האָבן אַזאַ מענטש אויף דער קאָלאָנע איז אַ גליק, שוין נישט ריידנדיק וועגן דעם, אַז ווען נישט מאיר, וואָלט ער, אייזיק, געדאַרפט אַנפּרירן זיך אויף אַלע שמוציקע שווערע אַרבעטן אין דרויסן, זיך אַנמאָרדעווען אין די פרעסט ביים בויען די אייזנבאַן און קריגן סטיסאַקעס פון בריגאַדיר.

אייזיקס יראת־הכבוד פאַר אַסיען האָט געשטאַמט פון נאָך איין סיבה. ער האָט געפילט בחוש, אַז זי איז „בלוט פון אונדזער בלוט״, אַ בת־ישראל. אפשר האָט דער אינסטינקט זי געצויגן גראָד צו אים, צו זיין מאירן?

ווי עס זאָל נישט זיין, האָט אייזיק געמעמלט תפילהדיק: „זאָל דער אייבערשטער האַלטן איבער אים זיין רעכטע האַנט!״

און מאיר?

כל־זמן ער איז געווען מיט איר, האָט ער פון קיין זאַך נישט געקלערט. אַסיע האָט אים פאַרשטעלט די גאַנצע וועלט, זיין קינדהייט, זיינע חברים, זיין באַרוף וואָס האָט געבראַכט אַ מאָל נחת און כבוד, זי האָט פאַרשטעלט אַפילו רייזעלען מיט די קינדער.

אָבער ווי נאָר אַסיע האָט פאַרלאָזט זיין צימער, פאַר טאָג, איידער אייזיק שטייט אויף, כדי נישט צו וועקן זיין פאַרדאַכט, אַזוי פלעגט רייזעלע דערשיינען פאַר זיינע אויגן. ער האָט זי געזען אַ טרויעריקע שאָקלען מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט זאָגן: „נו, מיין ליבער, איצט ביסטו קווית? זיך צע־רעכנט מיט מיר, זיך צעצאָלט? עין־תחת־עין?

ער האָט זיך נישט פאַרענטפערט. געקוקט גלייך אין אירע טרויעריקע אויגן. אָט זענען עס געווען רייזעלעס אויגן און אָט די אויגן פון דער, וועלכע איז ערשט אַוועקגעגאַנגען פון אים.ביידע פנימער האָבן זיך צונויפגעמישט אין איין פנים. איז דען רייזעלע געווען ערגער פון דער? איז דען אַסיע בעסער? ביידע האָבן פאַרמאָגט וווּנדערלעכע מעלות, כאָטש רייזעלע איז געווען קילער, איינגעהאַלטענער... איז עס דען געווען אַ סימן פון ווייניקער ליבע? איז דען אין איר ליבשאַפט געווען ווייניק מסירת־נפש? איי דאָס, וואָס האָט געטראָפן? איז עס דאָך געשען קעגן איר ווילן. אָן אומגליק אין איר לעבן. יאָ, יאָ, אָן אומגליק, וועט זי האָבן אויסדויער נאָכן ערשטן

בסיון? וועט זי קאָנען אויסהאַלטן נאָך זיבן יאָר? אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, רייזעלע איז מיילנווייט פון אים און אַטיע, אַסיע! וואָס פאַר אַ נישט־גוטער אָדער מלאך האָט זי אָנגערעדט זיך אַריינצוּוואַרפן אין זיינע אָרעמס? ס'איז דאָך אַזוי ווי אַריינוואַרפן זיך אין אַ ווילדן שטראָם. וואָס מען ווייסט נישט, וווּהין ער וועט דיך אַרויסטראָגן. פאַרבונדן איר גורל מיט אַ מענטשן, וואָס דאַרף נאָך אָפּקומען אַזוי פיל יאָר. זיבן? אַכט? צען? ביז אַ באַזונדערן, ספּעציעלן באַפעל? איז אין אָט דעם בונד מיט אים אין אָט דעם פּלאַץ, אַ פולן מיט סכנות פאַר איר, דען ווייניקער מסירת־נפש?

רייזעלע און אַסיע. איינע קומט פאַר די אויגן פון זיין דמיון — אַ געווּנטשענע, געגאַרטע — אַ רוחניות. די צווייטע — אַ וואָרע, אַ נאָענטע, מיט איר ברענענדיקן לייב און לעבן. זי האָט אים אײַנגעקערט זיין ווילן און געשמאַק צום לעבן, און אַפילו דעם חלום פון זיין פּראָפעסיע, וואָס איז געוואָרן אַ טייל פון זיין לעבן.

וועלכע אויספירן מאַכן? וואָס באַשליסן? פאַרויס זענען נאָך אַזוי פיל יאָרן. צו וואָס זשע טראַכטן, חקרענען זיך? דעם ענטפער וועט אונטערזאָגן דאָס לעבן אַליין. דער עיקר — לעב! לעב! לעב!

דער איבערשטער האָט אײַזיקס תּפילה נישט פאַרנומען. ווי יעדע צרה וואָס קומט פון העלער הויט, אומגעריכט, מאַכט צו נישט מענטשלעכע פּלענער, לעשט אויס חלומות, האָפענונגען, שלאָגט אַראָפּ פון נאָרמאַלן דרך. אַזוי איז אויך געווען דאָס קומען פון נייעם נאַטשאַלניק.

לויטן ראַנג — אַ קאַפּיטאַן, לויט זיין בילדונג — אַפילו נישט פאַרענדיקט מיטלשול אין קאַלכאַ, פון וואַנען ער שטאַמט. דער מאַנגל אין אָפיציִרישע קאַדרן וואָס זענען אָפּגערייניקט געוואָרן דורך סטאַלינען קורץ פאַר דער מלחמה, און די אָנגעהעריקייט צום קאָמסאָמאָל, האָט אים אַרויפגעשטופּט צום דאָזיקן ראַנג. אָבער זיין אומפעאיקייט אויפן פראָנט (נישט קענענדיק אַפילו לייענען אַ מאַפּע) און אויך זיין שוואַכקייט צום ביטערן טראָפּן, האָבן געצוווּנגען זיינע קאָמענדאַנטן אים אַראָפּצונעמען פון פראָנט און אים איבערפירן אויפן פּאָסטן, אויף וועלכן מען דאַרף נישט קיין פעאיקייטן, ווו מע קאָן זיך באַגיין אָן בילדונג. וואָס הייניקער מענטשלעכע מידות, אַלץ מער שאַנסן, נישט נאָר זיך אויפצוהאַלטן אויף אַזאַ פּאָסטן ביז דער פּענסיע, נאָר אַפילו זיך העכער אַרויפדראַפּען אויפן דינסט־לייטער.

נאָר אָנגעקומען, האָט ער געוואָלט באַווייזן, אַז צו עפּעס טויג ער יאָ. אויף אייגענער אחריות האָט ער גענומען דורכפירן פאַרשיידענע ענדערונגען, וואָס האָבן נישט פאַרבעסערט די אַרבעטס־באַדינגונגען, נישט אַ שטויס געטאָן העכער די פּראָדוקטיוויטעט, נאָר פאַרקערט, דערפירט צו

אַ ירידה ווירטשאַפֿטלעך, און צו אַ פֿאַרביטערונג פֿון די אסירים. סטראַ־שענקאָ האָט ער געהייסן, און ווי זיין נאָמען, אַזוי אויך זיין כאַראַקטער. ער האָט אָנגעוואָרפֿן אויף אַלעמען אַן אימה.

וואָס מאירן האָט געחידושט, איז דער מקור פֿון זיין יידן־שינאה. געבאָרן נאָך דער רעוואָלוציע אין אַ קאָלכאָז און אין אַ געגנט וווּ עס זענען קיין יידן נישט געווען, און ביז ער איז אַרויס פֿונעם קאָלכאָז, קיין אָנונג וועגן יידן נישט געהאַט, פֿון וואַנען זשע האָט זיך צו אים גענומען אָט דאָס געפֿיל? אפֿשר האָט ער אין דער אַרמיי, צונויפֿטרעפֿנדיק זיך מיט פֿאַרשטייערס פֿון דעם שבט, זיך דערזען אין פֿאַרגלייך מיט זיי נידעריקער, אומוויסנדיקער, גייסטיק און אינטעלעקטועל הינטערשטעליקער, האָט דאָס געבוירן קינאה, און פֿון קינאה צו שנאה איז שוין דער שפּאַן אַ קליינער.

ווי ס׳זאָל נישט זיין, מאיר האָט קיין סך נישט געדאַרפֿט, ער זאָל דער־קענען אַלע שוואַכקייטן פֿון „גאַמשאַלניק" און די באַוועגונגען פֿון זיין פּסיכיק. סטראַשענקאָ האָט זיך אָנגעעצט אויף מאירן. ער האָט זיך געטשעפּעט צו יעדער קלייניקייט. מ׳האָט געזען באַשיימפּערלעך, אַז ער וויל מאַכן יידן־ריין די סאַניטאַרע אָפּטיילונג, וואָס סיי אין שפּיטאָל, סיי אין דער צענט־ראַלער פֿאַרוואַלטונג האָט מען געהאַלטן זי פֿאַר איינער פֿון די בעסטע אויף דער טראַסע.

סוף־כּל־סוף האָט סטראַשענקאָ זיך דערשלאָגן. מ׳האָט צוגעשיקט אַן אַנדער „לעקפּאָם", און מאירן האָט מען איבערגעפֿירט אין אַ בריגאַדע. פּונקט אַזוי האָט ער דעם „באַריאַדטשיק" פֿאַרביטן אויף צוויי פֿאַרשוינען — „געמער" פֿון דער אונטערוועלט. ער האָט זיי געגעבן פֿרייע הענט צו קירצן דאָס לעבן פֿון די „צעפּוילטע אינטעליגענטן", די קאָנטריקעס.

איינער פֿון די צוויי האָט געהאַט אַ האָזנליפּ, אַ צעשפּאָלטענע, מיט צוויי אַרויסשפּאַרנדיקע, אייזערנע ציין. דאָס איז געווען אַ געבוירן־דעפֿעקט, כאָטש דאַכטן האָט זיך געקאָנט, אַז דאָס האָט עמעצער פֿון זיינע גוטע ברידער זיך צעשריבן אַזוי אויף זיין פּרצוף.

דער צווייטער — אַ דאַריגקער, אַ קלייניגקער מיט קליינע אַרומלויפֿנ־דיקע אייגעלעך, ווי זיי וואָלטן נאָר געווישטערט, ווען מען קאָן פֿאַר־טשעפּען און עפּעס אָפּציפּן אָן סכּנה פֿאַר זיך.

מיט זייערע נייע פֿאַרוואַלטונגס־מעטאָדן האָבן זיי גענומען באַקענען דעם לאַגער באַלד נאָך זייער קרוינונג.

פֿאַר טאָג, ווי נאָר דער גאָנג האָט צעקייקלט זיינע פֿריקרע קלאַנגען איבערן לאַגער, זענען זיי אַריין מיט שטעקנס אין די באַראַקן און מיט אַ ווילדן געשריי געשלעפּט די „זעקן" פֿון די נאַרעס ביי די פֿיס און אַנדערע אויך מכבּד געווען מיטן שטעקן.

ברוך האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דער נאַרע צו דער געשפּאָלטענער ליפּ און אים צוגעדריקט צום אויוון.

— באַלד שפּאַלט איך דיר די צווייטע ליפּ, הינטישע מאָרדע און משרת ביי כלבים. אויב דו ווילסט, אַז דיין קאָפּ זאָל שטעקן אויפן שפּיץ פונעם פּלויט ווי אַ לאָדיש, אָרודעווע ווייטער מיטן שטעקן!

וויקטאָר איז צוגעלאָפן און זיך געשטעלט צווישןביידע:

— לאָז אים אָפּ. ער איז דאָך נישט קיין טיפּש און האָט דיך גוט פאַרשטאַנען. זעסט דען נישט, עס שטראַלט פון זיין פּנים מיט אינטעליגענץ...

דער מצב אין לאַגער און דער רעזשים האָבן אין די מלחמה־יאָרן זיך געענדערט, אָפּהענגיק פונעם מצב אויף די פראָנטן. האָט די סאָוועטישע אַרמיי געכאַפּט קלעפּ און אָפּגעטראָטן אין בהלה, איז דער רעזשים געוואָרן לויזער, ווייכער, און נאָכגעלאָזט אַלע שרויפן. טאָמער האָט זיך איבערגע־דרייט דאָס מזל און די איניציאַטיוו איז אַריבער אין די אייגענע הענט, האָט מען באַלד ווידער פאַרצויגן די שרויפן און אַריינגענומען דעם עולם אין אייזערנע קעלשטשעס.

מיט סטראַשענקאָס קומען איז דער רעזשים געוואָרן אַ האַרבער ביז גאָר. די „זעקן" האָבן געקרעכצט, געשאָלטן מיט טויטע קללות דעם נייעם מושל, כאָטש נישט אין אַלע האַרבע רעזשים־מיטלען איז ער געווען שולדיק. פאַר דעם האָט מען דאָך געזאָרגט אויך אויבן. און איינע פון די נייסטע פאַראָרדנונגען איז געווען: אין משך פון צוויי טעג זאָלן אַלע „זעקן" זיין אויסגעפּוצט מיט לאַטעס־נומערן אויף דער פּלייצע, אויף דער ברוסט און אויף די קני. דעם לאַגער־מאָלער האָט מען אַרויסגעגעבן שטיקלעך ווייסע לייוונט מיט די פּערסאָנאַלע נומערן פון אַלע אסירים, און אויס נעמען. נומערן! נאָכן אָוונטברויט האָט קיין נפש זיך נישט געטאָרט באַווייזן אין זאָנע. ווער ס'האָט זיך אַ ביסל פאַרשפּעטיקט, האָט זיך באַקענט מיטן שטעקן פון די אויפזעערס און מיטן קאַרצער.

זעליק, וועמעס ביאָגראַפיע קיינער האָט נישט געוווּסט אַחוץ דער איינציקער זאַך, אַז ער איז געווען אַ גוטער מעכאַניקער, ער האָט גענומען מאירן צו זיך אין בריגאַדע. סיי ווי האָט מען די בריגאַדע גערופן די „זשידאָווסקע", כאָטש די מערהייט זענען געווען נישט־יידן. פאַר אַרבעט האָט מאיר זיך נישט געשראָקן. די חברים אין דער בריגאַדע האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט רעספּעקט. אַלע האָבן זיך באַמיט אים צו שאַנעווען און דערוויטערן אים פון די שווערע אַרבעטן. מאיר האָט אָבער נישט געוואָלט זיין קיין מפונקל, ער האָט נישט געקאָנט דערלאָזן, אַז מענטשן,

עלטערע און שוואַכערע אפשר, זאָלן טאָן פּאַר אים שווערע אַרבעטן. דאָס האָט נאָך מער פאַרטיפט צו אים זייער אַכטונג.

די יונגע סאָלדאַטלעך וואָס האָבן באַגלייט די בריגאַדעס צו דער אַר־בעט זענען די לעצטע צייט אויך געוואָרן אַנדערע. זיי האָבן זיך געפירט שטרענגער, געשריִען, געזידלט, כדי אָנצוּוואַרפן אַ פּחד אויף די מאַרשירנ־דיקע מחנות. זיי פלעגן אַפילו שיסן אין דער לופט.

— נישט אַרויסגיין פון דער ריי!

— האָסט מזל! — האָבן זיי געוואָרנט איינעם, וואָס די קויל איז אים פאַרבייגעפלויגן.

— שטייפער זיך האַלטן ביים עלנבויגן פון חבר, אין דער מאַמען אַריין!

די ענדערונג אין רעזשים איז געווען אַ בולטער באַווייז, אַז די מערכה אויף די פראָנטן האָט זיך פאַרבעסערט.

האַלטנדיק זיך ביי דער זייט פון מאירן האָט וויקטאָר געשעפּטשעט:

— ווי מיר גלוסט זיך אַרויסצוכאַפּן אַ מאָל דאָס אויטאָמאַטל ביי איינעם פון זיי און דורכשטעפּן די אַלע היצעלס אין איינעם מיט זיך...

— וועט דאָס זיין קלוג פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט געלערנט די תורה פון רעכט? אינפאַנטילע מחשבות. ווייל אויב גוט אָפּוועגן, און ווי אַ יוריסט ביסטו מחויב אָפּצוּוועגן לאָגיש דעם עניין, וואָס זענען שולדיק די ייִנגלעך? צי איז שולדיק דאָס פאָלק אין דער רישעות? די סיסטעם, מיין ליבער, די סיסטעם! זי איז שולדיק!

פון גרויסע אַמעריקאַנער פּלאַטפאָרמעס האָט מען אויסגעלאָדן שטיינ־דלעך פאַרן אָנשיט פאַזע דעם באַנוועג. ווען נישט דער ברענענדיקער ווינט, וואָלט דער פראָסט געווען צון דערליידן. מאיר האָט געהאַקט מיט דער קירקע די שטיינדלעך. וויקטאָר און ברוך האָבן די שטיינדלעך אַראָפּגע־שאַרט איןביידע זייטן פון דעם פּלאַטפאָרם. זיי האָבן געאַרבעט שנעל און פלייסיק, נישט אַזוי צוליב דער נאַרמע ווי כדי זיך צו דערוואַרעמען. נישט די בריגאַדירן, נאָר דער ווינט האָט זיי אונטערגעטריבן.

— אַרבעט מען נאָך ערגעץ אין דער וועלט מיט אַזעלכע פרימיטיווע מיטלען ווי דאָ ביי אונדז, אין דער ערשטער מדינה פון סאָציאַליזם? אין אַפריקע אפשר, כאָטש אַפריקע איז שוין אויך נישט די פרעהיסטאָריש־אָפּגעשטאַנענע, וואָס געווען. אין דער מערב־וועלט, די וועלט פון עקספּלו־אַטאַציע זענען שוין אַלע שווערע אַרבעטן פון לאַנג מעכאַניזירט.

— צו וואָס מעכאַניזאַציע? זי קאָסט געלט. אַ סך כדאַיער איז דער מענטשן־כוח, — האָט געזאָגט מאיר.

— דער כוח פון קנעכט?

— יאָ, דער כוח פון קנעכט.

אַסיע איז געווען פאַרצווייפלט. זי האָט געוווּסט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין באַשטענדיקייט אין דעם לאַגער־רעזשים, און אַז די ענדערונג איז אָפּהענגיק נישט נאָר פון אַ קאַפּריז, פון אַ שטימונג פון די אדונים אין קרעמל, נאָר אויך פון אַנדערע פאַקטאָרן. די מלחמה האָט באַשטימט, ווען צו ווייזן די אסירים אַ שמייכלענדיק פּנים און ווען אויסדרייען צו זיי די צווייטע זייט — די מאָנסטרועזע.

אַסיע האָט געוווּסט, אַז צו מאירס וואַרעמען ווינקל אין דעם מעדי־צינישן פּונקט קאָן קומען אַ סוף. אינעווייניק אין האַרץ האָט זי זיך און מאירן געגרייט צו אַזאַ מעגלעכקייט. אָבער אַצינד, ווען דאָס האָט טאַקע געטראָפן און מ׳האָט מאירן באַזייטיקט אָן אַ באַרעכטיקונג, טאַקע צום שאָדן פון לאַגער, און אים איבערגעפירט אין אַ שווער אַרבעטנדיקער בריגאַדע, איז זי געווען פאַרצווייפלט. און נישט נאָר ווייל ס׳איז אָפּגע־נומען געוואָרן ביי איר די פרייד פון די באַגעגענישן מיט אים, נאָר אויך דערפאַר ווייל זי האָט מורא געהאַט, אַז נישט געקוקט אויף זיין גוטן פיזישן צושטאַנד וועט די שווערע אַרבעט אים פּונקט ווי די אַנדערע, איינברעכן. זי איז געווען פאַרצווייפלט אויך דערפאַר, ווייל פון איר זיכער־קייט, אַז זי וועט אים קאָנען העלפן, זיין אין אַנלען, פאַרלייכטערן דעם גורל אין די געבליבענע אָפּקום־יאָרן, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך.

פריִער פלעגט זי זיך קוים דערוואַרטן אויפן אָוונט, ווען מאיר פלעגט אַריינברענגען זיין ראַפּאָרט. אַצינד איז אויך דאָס אויסגעשלאָסן. זי האָט געטראַכט, געזוכט פאַרשיידענע וועגן ווי אַזוי אים צו העלפן. סטראַשענקאָ, דעם נייעם נאַטשאַלניק, האָט זי פיינט געהאַט נישט ווייניקער ווי ס׳האָבן אים פיינט געהאַט די אסירים. זי האָט מיט אים קיין צוזאַמענשטויסן נישט געהאַט און גערעדט מיט אים האָט זי נאָר וועגן ענינים פון דער בוכהאַל־טעריע. ער האָט געפילט אַז זי איז אַרומגערינגלט מיט אַכטונג סיי ביי די „פרייע", וואָס האָבן געאַרבעט אויף דעם פּונקט, סיי ביי די אסירים. איר אויסזען און איר סלאַווישער נאָמען האָבן נישט דערוועקט אין אים קיין חשד, אַז זי געהערט צו דעם שטאַם צו וועלכן ער איז געווען, גאָט ווייסט פאַר וואָס, דורכגעדרונגען מיט שינאה. און ווייל ער האָט איין מאָל אין בייזיין פון אירע בוכהאַלטערס, די זע־קאַס, אַ שיפּע געטאָן גיפטיק אויפן חשבון פון די יידן, איבערחזרנדיק דעם אידיאָטישן פיזמון וועגן „די פּחדנים, וואָס קעמפן אויפן טאַשקענטער פראָנט", בעת רוסישע יונגלעך שלאָגן זיך פאַר זיי קעגן היטלערן — האָט אַסיע נישט אויסגעהאַלטן און אַ זאָג געטאָן מיט אַ מילדקייט, וואָס האָט קוים באַהאַלטן איר אויפרעגונג.

— איך ווייס נישט, קאַפּיטאַן, פון וואַנען עס נעמען זיך צו אייך אַזעלכע פאַלשע מיינונגען וועגן דעם דאָזיקן שטאַם, מיינונגען וואָס האָבן

אַ ראַסיסטישן בייטעם, וואָס די שונאים פון סאָציאַליזם טריפן אַריין אין אונדזערע מענטשן. אַ סאָוועטישער אָפיציר, אַ פּאַרטיימאַן דערצו, דאַרף זיין אימון אַנטקעגן זיי. אָט זיצט פאַר אייך אַ פרוי, וועמענס מאַן איז געווען אַ ייִד, און איז אומגעקומען אויפן לעגינגראַדער פראָנט מיט אַ העלדן־טויט און נישט ווי אַ פּחדן, בשעת אַנדערע, נישט יידן דווקא...

— אַסיאַ, אַסיאַ מאַרקאָוונאַ, טייערע, זייט מוחל. איך האָב נישט געוווסט, אַז איר זענט אַ קריגס־אַלמנה...

— און אויך אַן אַנגעהעריקע, קאַפּיטאַן, צו יענע וואָס קעמפן אויפן טאַשקענטער פראָנט". נעמט דאָס צו קענטעניש...

— איך וואָלט דאָס קיין מאָל נישט געטראַכט, אַסיאַ מאַרקאָוונאַ. איך בעט אייך למען־השם, מיך נישט חושד זיין אַז איך בין...

— וואָס איר זענט דאַרפט איר שוין נישט זאָגן, חבר קאַפּיטאַן... איר האָט שוין געזאָגט, קלאָר ווי קלאָרער קאָן מען שוין נישט זאָגן. און וועגן דעם מענטשנס טראַכטענישן מישפטן מיר לויט זיינע מעשים.

נאָך דעם געשפּרעך האָט אויך סטראַשענקאָ זיך דורכגעדרונגען מיט אַ טאָפּעלן געפיל צו דער פרוי פון דרך־ארץ אָבער אויך פון פאַרדראָס. פאַרדראָס דערפאַר, וואָס ער האָט אויסגעזען אַזוי נעבעכדיק אַקעגן איר. ער האָט אויך געפילט זיין אינטעלעקטועלע נישטיקייט אַנטקעגן אירע, מיט אַזוי פיל שאַרפקייט און אין אַזאַ שיינעם רוסיש, אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען.

כדי צו פאַרגלעטן זיין עוולה, האָט סטראַשענקאָ אָנגעהויבן אַרויסווייזן איר מער אויפמערקזאַמקייט און וואַרעמקייט, כאָטש אַסיעס געהילפן האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס איז אַ כיטרע שפּיצל פון אַ כאַמעלעאָן, און ער וועט נישט פאַרטראָגן, אַז איר עצם זיין דאָ זאָל אים דערמאָנען אין זיין מינדערווערטיקייט. ער פלעגט זיך אַריינכאַפּן אין בוכהאַלטעריע אויך אין די שפּעטע אָוונט־שעהען, ווען זי מיט אירע געהילפן האָבן נאָך נישט פאַרענדיקט די אַרבעט.

— אַזוי שפּעט און איר אַרבעט נאָך? — האָט ער זיך געוווּנדערט.

— וואָס זאָלן מיר טאָן, קאַפּיטאַן? פאַראַן אַ סך אַרבעט.

— נעמט מען נאָך אַ בוכהאַלטער... צי קען מען אין גאַנצן לאַגער קיין בוכהאַלטער נישט געפינען?

— מען קאָן אַוודאי. באַפעלט דעם גאַריאַדטשיק...

— מע קאָן נעמען אַ מענטשן אין די אָוונט־שעהען, אויף נאָך דער אַרבעט.

— וואָס פאַר אַ משוגענער וועט מסכים זיין נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג, אַרויסצונעמען זיך די אויגן ביי די דאָזיקע ציפערלעך?

— איר האָט עמעצן אין אויג?..

— יאָ, דער געוועזענער לעקפּאָם.

דער קאַפּיטאַן האָט באַלד געשיקט דעם אויפּראַמער נאָך מאירן.

אַריינקומענדיק אין דער ליכטיקער און וואַרעמער בוכהאַלטעריע און דערזעענדיק אַסיען, איז מאירן ליכטיקער געוואָרן אויף דער נשמה.

— ווי הייסט איר? — האָט געפרעגט דער קאַפּיטאַן.

— שליאַכאָוואַי, מאיר שליאַכאָוואַי.

— איז, אָט וואָס. די בוכהאַלטעריע נייטיקט זיך אין הילף. לויט אַסיאַ מאַרקאָוונאַ זענט איר אַ געניטער בוכהאַלטער, וואָלט איר נישט געקענט אין די אָוונטן אַ פּאָר שעה אַרויסהעלפן זיי אַ ביסל?

— ניין, קאַפּיטאַן!

אַסיאַ האָט האַלב פאַרמאַכט די אויגן.

— פאַר וואָס?

— איך אַרבעט שווער אַ גאַנצן טאָג, זענען די אָוונט־שעהען פאַר אָפּרו.

— וועלן מיר געפינען אַן עצה, קאַפּיטאַן, — האָט זיך אַריינגעמישט אַסיע. — באַפרייט אים נאָך האַלבן טאָג פון דער בריגאַדע, און דעם צווייטן האַלבן טאָג — דאָ! ווי מיינט איר?

— און דו וואָס זאָגסט, שליאַכאָוואַי? — האָט געפרעגט דער נאַטשאַלניק.

— אַזוי קאָן מען יאָ מסכים זיין.

אַסיעס אויגן האָבן אויפגעלויכטן, און זיינע — אויך. דער קאַפּיטאַן האָט זיך אויפגעהויבן און געזאָגט מיט זיין האַרטן קול:

— פון מאָרגן שטעלט איר זיך צו דער אַרבעט. איר וועט אים געבן אַ קוויטל צום סקלאַד־פאַרוואַלטער, מען זאָל אים אַרויסגעבן אַ נייע פופייקע. אין דער פאַשמאַלצענער קאָן מען דאָ נישט זיצן.

— אוף, — האָט אַסיע אָפּגעזיפצט, ווען סטראַשענקאָ איז אַוועק, — כ׳האָב זיך גאָרנישט געריכט, אַז דאָס וועט דערליידיקט ווערן אַזוי שנעל. נו, — האָט זי זיך געווענדעט צו די צוויי אַרויסהעלפערס, — גייט שאַצט אָפּ די נשמה פון אַן ענקאַוועדיסט...

די בריגאַדע האָט געעפנט מויל און אויערן, דערזעענדיק מאירן אַן אויסגעסטראָצלטן פון קאָפּ ביז די פיס אין נייע בגדי־מלכות.

— מזל־טוב, מאיר! מ׳האָט דיר אומגעקערט די קרוין פון לעקפּאָם?

— פרייט זיך נאָך נישט. דערווייל נאָר — אַ קליינע מעטאַמאָרפאָזע. כ׳האָב געביטן די פּראָפעסיע. פון אַ מעדיצינישן אַרבעטער — אַ בוכהאַלטער.

אַסיע האָט נישט ליגן געזאָגט, ווען זי האָט מאירן פאָרגעשטעלט ווי אַ בוכהאַלטער. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די דאָזיקע תורה איז אים נישט

אין גאַנצן אומבאַקאַנט. די צוויי אַלטע אַרויסהעלפּערס זענען געווען צופרידן פון זיין אַרבעט. אַסיע — נאָך מער. סיי ער, סיי אַסיע האָבן זיך געפירט זייער איינגעהאַלטן, אָפּיציעל, אָפּהיטנדיק אַ שטח צווישן זיך, נישט וועקנדיק קיין חשד וועגן זייער קרובהשאַפט, אַפילו נישט ביי די שטענדיקע מיטאַרבעטערס און נישט קוקנדיק דערויף, וואָס אין די אָוונטן פלעגט ער זיך פאַרהאַלטן לענגער נאָך זייער אַוועקגיין.

אַזוי איז אַוועק דער ווינטער. אין אָנהייב פון אַ קילן מיי־טאָג האָט אַסיע אים איינגערוימט אין אויער, אַז זי איז שוואַנגער. מאיר איז פון דער בשורה בלייך געוואָרן.

— האָסט זיך דערשראָקן, מיין ליבער?

— פאַר דיר, פאַר דיר, מיין טייערע. ביי די שווערקייטן פון דער צייט, ווען איך געפון מיך אין דער שטייג. וואָס וועט זיין מיט דיר?..

— וואָס וועט זיין? — האָט אַסיע געענטפערט אין אַ גוטער שטימונג.

— איך וועל מירצעשעם אויסטראָגן.

— יאָ, יאָ, איך האָף אַז דאָס וועט אַדורך בשלום. אָבער מענטשן וועלן דאָך וועלן וויסן, ווער ס'איז דער פאָטער.

— דאָס איז אונדזער ביידנס סוד. קיינעם גייט עס נישט אָן.

— האָסט נישט געטראַכט, אַז ס'קאָן זיין אַן אויסוועג?

— קיין שום אויסוועג, מיין ליבער. איך וויל האָבן פון דיר אַ קינד און איך האָף, אַז דאָס וועט זיין אַ גערעטנס.

— דאָס וועט נישט באַדראָען דיין אַרבעט און דיין גוטן נאָמען?

— איך מיין, אַז נישט. אגב, ווען גייט עס אָן? דאָס איז דאָך מיין פּערזענלעכער ענין.

— טאָמער דערוויסט מען זיך, ווער ס'איז דער טאַטע, קאָנען מיר דאָך צעשיידט ווערן. און אויך אָן דעם קאָנען זיי מיך אַרויסטרייבן אין עטאַפּ, ווי מ'האָט אַזוי פיל מאָל שוין געטריבן.

— וועל איך פאָרן נאָך דיר. דיך פלאָגט מסתמא עפּעס אַנדערש... זאָג דעם אמת, איאָ? דיך פּלאָגט דאָס, וואָס דו האָסט ערגעץ אַ פרוי מיט קינדער. האָבן מיר דאָך ביים סאַמע אָנהייב אָפּגערעדט: נישט טראַכטן וואָס ס'וועט זיין צו דער צייט פון דיין באַפרייונג. כ'האָב דיר נישט געשטעלט קיין שום תנאים. די צייט איז דער בעסטער בורר.

דערווייַלע האָבן ביידע מסכים געווען, אַז פאַר זיי ביידע איז בעסער, אַז מאיר זאָל אַ געוויסע צייט אויפהערן אַרבעטן אין דער בוכהאַלטעריע.

ווען ס'איז געוואָרן קענטלעך, און איר פעסטע און שלאַנקע פיגור האָט

זיך גענעמען אויסקיילעכיקן, האָט מען פאַרשטייט זיך, אָנגעהויבן שושקען זיך, חידושן זיך, פרעגן:

— ווער איז דער בר־מזל, וואָס האָט זוכה געווען אי״ר חסד?

— זי איז דאָך אַ צדקת, די צניעות אַליין, אַ פעסטונג וואָס לאָזט זיך נישט איינגעמען.

— איז עס מסתמא פון הייליקן גייסט.

מ׳האָט גערעדט וועגן אַ מאַן, מיט וועלכן זי האָט זיך רעגיסטרירט שטילערהייט. מ׳האָט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, אַז דאָס קאָן זיין אַ „זעק”. מאיר וואָס האָט זיך צוגעהערט צו אַלע קלאַנגען און בוידן־סברות, איז דאַנקבאַר געווען וויקטאָרן, ווייל ער פלעגט מיט קלוגשאַפט איבעררהאַקן די דאָזיקע שמועסן.

מאיר איז אַלע טאָג געגאַנגען צו דער אַרבעט און קיינער האָט אים נישט געדאַרפט אונטעריאָגן. אין דרויסן איז געווען וואַרעם. אָנקלאַפּן די שטיינדלעך אונטער די שפּאַלעס איז געווען נישט שווער, האָט ער געקאָנט טראַכטן, איבערטראַכטן, אָפּוועגן אַלץ, וואָס איז געקראָכן אין קאָפּ. זיין האַרץ איז געווען צעשפּאָלטן אין צווייען, צווישן רייזעלען, מיט וועלכער מען ווייסט נישט צי ער וועט זיך נאָך וועט עס אי״ז זען, און אַסיען, וואָס איז אַזוי נאָענט און טראָגט אונטער אי״ר האַרץ די פרוכט פון זיין ליבע און ליידנשאַפט. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון אַז רייזל זיצט פעסט אין זיין ברוסט — נישט אַרויסצורייסן, און די צוגעבונדנקייט צו אי״ר איז נאָך גרעסער אַ דאַנק די קינדער, זיינע קינדער, וועלכע ער האָט ליב געהאַט. ער האָט נישט געקאָנט קלאָר מאַכן זיך, צי לעבט דאָס געפיל אַזוי שטאַרק פאַר זיך אַליין, אָדער עס וואָרצלט אין מאָראַלישע התחייבותן, אָן וועלכע עס וואָלט פאַרטונקלט געוואָרן אין דער שיין פון אַסיען.

און רייזל האָט געשריבן אַ בריוו נאָך אַ בריוו. און יעדער בריוו האָט זיך אָנגעהויבן מיט די זעלבע ווערטער: „מיין אייגציקער”. און אין יעדן בריוו האָט זי געשריבן וועגן די קינדער, ווי זי וואָלט געוווסט, אַז אַ דאַנק די קינדער וועט ער נישט פאַרלאָרן גיין פאַר דער משפּחה די קינדער, ווייסן אַז ער איז אַ שלאַכטמאַן, אַז ער געפינט זיך אויפן פראָנט, ווייט, ווייט, ווו ער שלאָגט אַ געפערלעכן שונא...

און דער רעזשים ווערט האַרבער, שטרענגער. אַלע מאָל נייע פאַר־אָרדענונגען, גזירות. אַלע מאָל ווערן נייע שריפטן פאַרדרייט ביז דערשטי־קעניש. מ׳האָט שוין נישט קיין רעכט דורכשפּאַצירן זיך אין דער זאָנע און כאַפּן אַ ביסל לופט. ס׳איז פאַרוועהרט אַריינצוגיין אין אַ צווייטן באַראַק זיך זען מיט אַ פריינד. אַפילו אין אַפּטרעט דאַרף מען גיין מיט דער ברי־גאַדע. דער קאָנטראָל, די ציילונג פון די אַסירים קומט פאַר עטלעכע מאָל

אין טאָג. „שמאָנען”, אונטערזוכונגען — אָן אַ סוף. דער קאַרצער איז פול מיט בעל־עבירהניקעס. סטראַשענקאָן האָט מען ערגעץ איבערגעפירט און ס׳איז געקומען אַ נייער באַלעבאָס מיט פונקט אַזאַ סימבאַלישער פאַמיליע ווי דער ערשטער: זווערייעוו. כשמו כן הוא — האָבן די אַסירים געזאָגט, און זיך געוווּנדערט ווי צוגעפּאַסט עס ווערט דער נאָמען צום כאַראַקטער פון די מענטשן. ביי דעם נייעם, פונקט ווי ביים פריערדיקן באַלעבאָס שלאָגט מען זיך אַרויס פון די כוחות, כדי צו באַקומען די אַלץ מער און מער אַרומגעשניטענע „פּייקע”, און וואָס מער מען באַשניידט זי, אַלץ קלענער ווערן אויך די אויסגעפּילטע נאָרמעס. די אַרעסטאַנטן האָבן געצערט. פאַר וואָס? האָבן זיי זיך געחידושט. די מלחמה גייט שוין צום סוף. אַמעריקע האָט פאַרוואָרפן דאָס לאַנד מיט פאַרשיידענע פרישע און קאָנסערווירטע פּראָדוקטן, פאַר וואָס זשע פאַרגרעסערט זיך גראָד איצט דער הונגער? ס׳האָבן זיך שוין געפונען אַזעלכע, וואָס פלעגן אַרויסרייסן די „פּייקע” ברויט פון די הענט פון אַ צווייטן אומגליקלעכן אַרעסטאַנט.

אין גיכן האָט מען אָנגעהויבן שיקן סקעלעטן אין די שפּיטעלער. אין זיי איז געוואָרן ענג פון די דיסטראָפיקער. מ׳האָט זיי אויסגעלייגט צו צוויי אין אַ בעט אָדער אויפן שמוציקן דיל. די שטערבלעכקייט איז האַסטיק געשטיגן. די סאַניטאַרן האָבן זיך נישט געקאָנט ספּראַווען מיט אַזוי פיל מתים.

— זווערייעוו! — האָבן מענטשן געקרעכצט.

— און ווען ער הייסט דאָבראָליובאָוו, וואָלט ער דען געווען אַנדערש? דער הונגער שפּרייזט מיט אומגעהייערע שפּאַן איבערן גאַנצן לאַנד פון דער וואָלגע ביז קאָלימאַ...

עמעצער האָט אַ פּנים זיך באַמיט, אַז אין דער צענטראַלער פאַר־וואַלטונג זאָל מען געוואָר ווערן וועגן דער קאַטאַסטראָפאַלער לאַגע. יידן האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אַסיעס אַרבעט. אין אַ שיינעם טאָג איז אַראָפּ־געקומען אַ קאָמיסיע פון הויכע אָפיצירן, צווישן זיי דאָקטוירים און אויך אַ פּראָקוראָר.

אַ פּראָקוראָר, צוליב וואָס? כדי צו באַשולדיקן די סאָוועטישע מאַכט? צי גאָר כדי צו געפינען אַ שעיר־לעזאזל?

מ׳האָט דעם גאַנצן לאַגער אַרויסגערופן אויף דער „ליניייקע”. די קאָמיסיע האָט געקוקט אויף די מענטשן־חורבות, וועלכע האָבן זיך געשלעפּט ווער מיט שטעקעלעך, ווער אונטערגעהאַלפן פון חברים צו דער דאָזיקער אומגעווייגלעכער טרעפונג, נייגעריקע צו הערן וואָס די אַדונים וועלן זאָגן.

— מיר זענען געקומען אַלאַרמירטע וועגן צושטאַנד אין אייער פּונקט, מיט די אייגענע אויגן צו זען, וואָס איז אמת אין דעם אַלאַרם־סיגנאַל, וואָס

מיר האָבן באַקומען. מיר ווילן וויסן, ווי אַזוי לעבט זיך אייך, וואָס פעלט אייך און פאַר וואָס ווערן אין אייער פונקט נישט אויסגעפילט די פּלענער, אין וועלכע עס נייטיקט זיך אונדזער מדינה צום סוף פון אַ שווערער מלחמה. אַט דו, — האָט דער פּאַלקאָווניק אָנגעוויזן אויף איינעם מיט אַריינגעפאַלענע אויגן אין די לעכער און מיט אַן אָפּגעצויגן פּנים, אויף וועלכן ס'האָט געהאָנגען אַ טרוקענע בלאָ־געלע הויט, — גיי אַרויס צוויי שפּאַן נעענטער צו אונדז!

— איר ווילט וויסן ווי אַזוי מיר לעבן? וועל איך אייך זאָגן, ווייל איך האָב שוין נישט וואָס אָנצוווערן... איר האָט געדאַרפט, גראַזשדאַנין פּאַלקאָווניק פרעגן נישט ווי אַזוי מיר לעבן, נאָר ווי אַזוי לעבן מיר נאָך... אַזוי זאָל לעבן ער, — האָט דער אַלטער אַ טייטל געטאָן מיטן שטעקעלע אויף זווערעוון.

— דערלויבט מיר, — איז מאיר אַרויסגעטראָטן, — פון אַט דעם עולם, וואָס איז אין העכסטן גראַד פון אויסשעפּונג, וועט איר הערן אַ סך אומאָנגענעמע זאַכן, אין וועלכע זיי זענען די שולדיקע נישט נאָר זווערעוון נאָר אייך אַלע. כדי אַט די באַגעגעניש זאָל נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ דעמאָנסטראַציע, לייג איך פאָר, איר זאָלט דעם עולם פונאַנדערלאָזן און איך בין גרייט אויף אייער באַפעל און אפשר נאָך אַ פּאָר מענטשן מיט מיר, אין קאַבינעט פונעם נאַטשאַלניק, אייך צו געבן אַ פולן באַריכט.

די אָפיצירן האָבן זיך אָנגעקוקט, זיך באַראָטן מער מיט די בליקן, און דער פּאַלקאָווניק האָט געזאָגט:

— גוט, מיר וועלן באַלד שיקן נאָך אייך.

ווען זווערעוס שמש איז געקומען נאָך מאירן, האָט דער באַראַק אים באַגלייט מיט ברכות:

— דערלאַנג זיי, שליאַכאָוואַי, אַן רחמנות!

— שעם זיך נישט, זאָג זיי אַלץ וואָס מיר טראַכטן!

אין קאַבינעט איז ווער געזעסן, ווער געשטאַנען, אָנגעלענט אין די געזימסן פון די פענצטער. זווערעוו איז געווען בלייך און מ'האָט געזען, אַז ער איז צעטומלט.

— ווי הייסט איר? — האָט געפרעגט דער פּראָקוראָר.

— שליאַכאָוואַי איז מיין נאָמען. אַרטיקל און סיבה פון אַרעסט, אַלץ געפינט זיך אין מיין „דיעלאָ". ביזן אַרעסט — אַ שרייבער. אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער דערציילונגען, ראָמאַנען, און אויך אַ באַנד פּאָעזיע. אָבער דאָס האָט איצט נישט קיין באַטייט. איצטער בין איך אַ זע־קאַ וואָס שטרעבט אַזוי ווי טויזנטער אַנדערע ווי איך — צו בלייבן לעבן. מיר האָבן באַקומען שטראָפן, ווער לענגערע ווער קירצערע, לויטן סאָוועטישן קאָדעקס. און די

באַדינגונגען וואָס זענען געשאַפֿן דאָ, זענען פֿון טויט־שטראָף. צווישן אונדז זענען פֿאַראַן אַ סך אומשולדיקע מענטשן, קרבנות פֿון בלבולים. אַ סך וועלן מיט דער צייט זיך אומקערן אויף דער פֿריי און זיין געטרייע בירגער, ווי געווען, און דינען דעם פֿאָלק און דער מדינה... מיט וואָס פֿאַר אַ שטימונג וועלן זיי זיך אומקערן, האָבנדיק הינטער זיך דעם אוניווערסיטעט פֿון אַכזריות?

— מיר זענען נישט געקומען הערן אַגיטאַציע־רעדעס! — האָט אים איבערגעשלאָגן איינער פֿון דער קאָמיסיע.

— לאָזט אים ריידן, — האָט געזאָגט דער פּראָקוראָר.

— אַדרבא, — האָט מאיר געזאָגט, — שטעלט מיר פֿראַגעס און איך וועל אייך ענטפֿערן קורץ און שאַרף.

— רעדט, רעדט...

— איך האָב געזאָגט: „אַכזריות". דאָס וואָרט וואָס האָט פֿאַרדראָסן דעם בירגער פֿון דער קאָמיסיע. חזר איך איבער: אַכזריות! איז דאָך די לאַגע פֿריִער נישט תמיד געווען אַזאַ אומגליקלעך־טראַגישע, ביי די אַנדערע נאַטשאַלניקעס. די זע־קאָס זענען נאָך געווען מענטשן און נישט קיין שאַטנס, ווי איר האָט זיי געזען. כאָטש די ברויטנאָרמע און די באַלאַנדע איז אויך נישט געווען קיין גענוגנדיקע, האָט מען גוט געאַרבעט, אַפֿילו איבערגעפֿילט נאָרמעס. דער פּלאַן איז געווען אַ פּלאַן. מ'איז געווען שטרענג, אָבער אין מאָס. קיינער איז נישט אַרומגעגאַנגען מיט אַ שטעקן און נישט געהאַקט איבער די פּלייצעס מיט פֿאַרגעניגן, וואָס גיט אַרויס סאַדיסטישע נאַטורן. ער פֿירט זיך ווי אַ באַלעבאָס פֿון קנעכט אין אַפֿריקע. איך בין פֿאַר אַ יאָרן געווען „לעקפּאָם" אין לאַגער. דער מצב איז געווען שלעכט. היינט, צום סוף פֿון דער מלחמה, איז ער אומפֿאַרגלייכלעך ערגער. די שטערבלעכקייט — אין לשער. און דערפֿירט צו דעם מצב האָט ער — אַחוץ אַלע אַנדערע אָביעקטיווע סיבות.

נאָך דער טיראַדע וואָס ער האָט אַרויסגעשאָסן אין איין אָטעם, האָט מאיר געמאַכט אַ פּויזע און געזאָגט:

— איך וויל נאָך צוגעבן, אַז דער נאַטשאַלניק דאַרף דאַנקען גאָט, וואָס ער איז נאָך מיטן קאָפּ אויף די פּלייצעס. אין לאַגער זענען פֿאַראַן זייער גוטע מענטשן, וועמען ער האָט דערפֿירט צו אַזאַ גראַד פֿון פֿאַר־צווייפֿלונג, אַז דאָס לעבן איז שוין מיאוס. און אויב זיי האָבן נישט אויס־געפֿירט זייער נקמה, איז נאָר אַ דאַנק די קלוגע און געזעצטע „זעקן". וועלכע האָבן פֿאַרמיטן די רציחה... נעמט עס אין אַכט ביים מאַכן אייערע אויספֿירן. כ'וויל האָפֿן, אַז מיין אינפֿאָרמאַציע וועט מיר נישט אויספֿאַלן באָקעם...

— איר מעגט רויִק זײַן, — האָט באַמערקט דער פּראָקוראָר, און זיך געווענדט צו די איבעריקע אָפּיצירן: — דאַכט זיך, אַז שטעלן פּראָגעס איז איבעריק.

— יאָ, נישט נייטיק.

— אויב אַזוי, קאָנט איר זיך אומקערן צו אייער אַרבעט מיט דער זיכערקייט, אַז שוין פֿון דעם מאָמענט וועלן אָנגענומען ווערן די געהעריקע מיטלען.

בשעת מאיר האָט גערעדט, האָט ער געשטודירט די פּנימער פֿון די חשובע שליחים. לויט די ראַנגען פֿון די אָפּיצירן האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז מען באַציט זיך זייער ערנסט צו דער לאַגע און מ׳האָט דער אויספֿאָרשונג צוגעגעבן אַ גרויסע וויכטיקייט. צי זיי זענען באַאיינדרוקט געווען פֿון דער אינפֿאָרמאַציע, צי האָט עס אָנגערירט אַ מענטשלעך סטרונעלע אין זייערע נשמות, צי האָט זיך גערירט אין צווייפֿל־מחשבהלע אין זייערע מוחות? זיי האָבן דאָס נישט אויסגעגעבן מיט קיין מינדסטן צוק פֿון זייערע פּנימער.

דער רעזולטאַט פֿון וויזיט איז געווען אַ באַלדיקער. זוועריעוו האָט דעם קומענדיקן אין דער פֿרי זיך נישט באַוויזן. ער איז נעלם געוואָרן. עמעצער פֿון די „פֿרייע״ וואָס באַדינען דעם לאַגער, האָט בסודי־סודות געלאָזט דעם קלאַנג, אַז מ׳האָט זוועריעוון איבערגעגעבן דעם געריכט. (זאָלן די „זעקן״ האָבן אַ שטיקל באַפֿרידיקונג און טרייסט). אַנדערע האָבן געמיינט פֿאַרקערט, אַז מ׳האָט אים נאָך געגעבן אַ העכערונג אין דינסט. ווי עס זאָל נישט זײַן, פֿאַר טאָג איז דער פּראָדוקטן־צושטעלער געקומען צו לויפֿן, ווי אַ פֿאַרסמטע מויז. נאָך אים איז אַריינגעפֿאָרן אַ וואָגן מיט שפּייזמיטל. די באַלאַנדע איז צו מיטיק געווען אַ ביסל געדיכטער. אויך די „פּייקע״־ברויט, ווי ס׳האָט זיך געדאַכט, איז געווען גרעסער. דער מעדפּונקט און די בוכהאַלטעריע האָבן געגעבן רשימות פֿון די „דאָכאָדיאַגעס״, ס׳הייסט די וואָס האָבן זיך געניטיקט אין אַ בעסערער נאַרונג. מ׳האָט געשמועסט, אַז אַ פּאָר באַראַקעס וועלן אָפּגעטיילט ווערן פֿאַר זיי, ווי אַ מין אינעוויי־ניקסטער דערהאָלונגס־פּונקט, ווו מען וועט די מענטשן אונטערפּילעווען אַ ביסל, צוריקברענגען צו די כּוחות, כּדי זיי צו קענען ווייטער אויסנוצן ביים בויען די אייזנבאַן, אין וועלכער די מאַכט האָט געזען אַ גרויסן סטראַטעגישן באַטייט.

אין לאַגער האָבן אַלע געוווּסט, אַז מאירס אויג־אויף־אויג מיט דער קאָמיסיע האָט אין אַ גרויסער מאָס בייגעטראָגן צו דער ענדערונג, און אַפֿילו די אויפֿזעער, האָבן צו אים זיך גענומען באַציִען מיט דרך־ארץ.

און אַצינד וואָס?

אַצינד האָבן די אַסירים געוואַרט צו זען, מיט וואָס פאַר אַ נייעם הונט מען וועט זיי באַגליקן.

אַסיע האָט געבאָרן אַ יינגל מיט אַ שוואַרצן געקרייזלטן קאָפּ האָר, מיט אַ נאָרמאַלער וואָג, און די מוטער איז געווען גליקלעך: זי האָט געהאַט אַ פּאָר חדשים אורלויב און די בוכהאַלטעריע איז אַ ביסל פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. האָבן אירע געהילפן, די צוויי אַלטע בוכהאַלטערס געבעטן דעם נייעם נאַטשאַלניק, מען זאָל זיי ווידער געבן צו הילף דעם זע־קאַ, וואָס האָט זיי איין מאָל שוין געהאַט אַרויסגעהאָלפן, לכל הפחות ביז די הויפּט־בוכהאַלטערין וועט זיך אומקערן פון אורלויב.

אַ פּאָר מאָל אין וואָך פלעגט אַסיע זיך אַריינכאַפּן אויף עטלעכע שעה און ברענגען אין אָרדענונג אַ בינטל חשבונות, אונטערשרייבן דאָקומענטן, געבן אָנווייזונגען און בעיקר — זיך אַדורכצורייד֜ן מיט מאירן, וואָס האָט געצאַפּלט צו זען דאָס קינד.

איין מאָל האָט מען אַסיען דרינגענדיק אַרויסגערופן פון דער היים. מ'האָט געגרייט אַ גרויסן עטאַפּ אין אַ ווייטער געגנט און אַרבעט איז געווען אַ באַרג. דורכקוקנדיק די רשימות האָט איר אַ זעץ געטאָן אין האַרץ: אין די רשימות האָט זי געפונען אויך מאירס נאָמען! עפּעס טאָן, כדי אים „אָפּצושרייען", איז געווען צו שפּעט. שוין נישט ריידנדיק וועגן דעם, אַז מיט איר פאַראינטערעסירונג מיט דעם מענטשן האָט זי מורא געהאַט אויסצוגעבן זיין שייכות צו איר קינד.

אַסיע איז געווען פאַרלאָרן. אויסערלעך האָט זי זיך געהאַלטן מוטיק, נישט אַרויסווייזנדיק פאַר מאירן איר שטימונג. אָבער דאָס האַרץ האָט איז איר געוויינט. זי האָט דאָך יאָ געוווּסט, אַז דער עטאַפּ גייט אַוועק אין דער ווייטער אויסרייסעניש. וועט איר דען געראָטן צו דערקלייבן זיך צו אים?

צום אָפּגיין פונעם עטאַפּ איז זי געקומען מיטן קינד אויף די הענט. די פּרוי, וואָס האָט זיך מיט דעם מטפּל געווען, איז כלומרשט קראַנק געוואָרן, איז זי, אַסיע, געווען געצווונגען צו ברענגען דאָס קינד מיט זיך. מאיר איז אַריינגעלאָפן אין בוכהאַלטעריע זיך געזעגענען און אַ קוק טאָן אויף אַסיען מיטן קינד.

— איר געטרויט מיר דאָס קינד? — האָט מאיר געפרעגט. — איך האָב ליב קינדער. קינדער מאַכן גלויבן, אַז דאָס לעבן שטעלט זיך נישט אָפּ. טראַכטנדיק וועגן קינדער פיל איך אַ צופלוס פון כוחות איבערצוטראָגן אַלע צרות.

ער האָט אַ שמאַטשקע געטאָן צום קינד וואָס האָט גענומען שמייכלען,

און אַסיע האָט אויך געשמייכלט זעענדיק, ווי מאיר דריקט עס צו צו זיין ברוסט און ניורעט איין זיין קאָפּ אין דעם וואַרעמען הויפּנדל.

מאיר האָט זיך געזעגנט מיט די צוויי אַלטע בוכהאַלטערס און געלאָזן אַסיען צום סוף.

— איר וועט נישט דערווידערן, אַסיענקאַ, אויב איך וועל אייך אויך אַרומנעמען? איך האָב דאָך אייך ליב... איר האָט עס קיין מאָל נישט חושד געווען? באמת ליב, אַפילו מער ווי אַלע אַנדערע.

— אַדרבא, שליאַכאָוואַי... און איצט... ווייסט איר כאָטש ווהין איר פאָרט? דאָרט איז אַ גאָלדן אָרט. איך מיין אַן אָרט פון גאָלדגרובנס. גאָלד איז אָפט אַ גיהנום פאַר די מענטשן. היט זיך! איר זענט אַ פעיִקער, איידעלער און ערלעכער מענטש. איר וועט נאָך בוצלעך זיין דער געזעלשאַפט. היט אייך אָפּ פאַר דער געזעלשאַפט, און פאַר די וואָס האָבן אייך ליב און וואַרטן אויף אייך...

די אַנוועזנדיקע האָבן נישט געקאָנט אויסטייטשן, אַז דאָס איז זי אויסן טאַקע זיך אַליין און אַז מיט די ווערטער מיינט זי זיין משפחה, וועמען די מלחמה האָט פאַרוואָרפן ערגעץ ווייט פון דער היים.

— איך וועל אייך שרייבן, — האָט ער געזאָגט, — און אויב איך וועל מיך איינאָרדענען און כ׳וועל מיר אויפבויען אַ גאָלדענעם פּאַלאַץ אין יענעם גאָלדענעם לאַנד, וועל איך אייך אַלעמען איינלאַדן צו גאַסט. אָפּגערעדט?

— אָפּגערעדט! — האָבן אַלע דריי געענטפערט, און ער איז גיך אַרויס־געלאָפן צו זיינע עטאַפּ־חברים, וואָס זענען שוין געווען אויסגעשטעלט אין רייען, כדי צו פאַרלאָזן די זאָנע.

אין וולאַדיוואָסטאָק האָט מען זיי אויפגעלאָדן אויף צוויי אַלטע, פאַר־צייטיקע שיפן. די שיפן האָבן געקרעכצט און געטרעשטשעט ראַנגלענדיק זיך מיט די כוואַליעס, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אויף זיי ווי הונגעריקע וואָלפיש. אין די טריומען איז געווען קאַלט כאָטש זיי זענען געווען פול מענטשן און די ענגשאַפט אַזאַ גרויסע, אַז מ׳האָט נישט געקאָנט אויסשטרעקן אַ פוס. וויפל די נסיעה וועט געדויערן האָט קיינער נישט געוווּסט. לויט די לאַבנס ברויט פון פינף קילאָ און די גרויסע שטיקער גאָרבושע (רויטע, געזאַלצענע פיש) האָט מען געדאַרפט פאַרשטיין, אַז מען וועט לאַנג זיך הוידען אויף די דאָזיקע צעבושעוועטע כוואַליעס. אייניקע האָבן זיך נישט באַהערשט און ליקווידירט זייער פּראָוויאַנט אין אַ פּאָר טעג. פון די גע־זאַלצענע פיש האָט זיך געוואָלט טרינקען, אָבער וואַסער האָט מען יעדן אויפדערנאַכט אַרויסגעגעבן צו ביסלעך. מענטשן האָבן געחלשט אין דער

ענגשאַפּט. צי דען ווייל מען זיי אומברענגען מיט דאָרשט? זיי האָבן געוויינט, געשריִען, געקלאָגט, אַז זיי גייען אויס, זיי שטאַרבן.

זעקס הונדערט מענטשן, זעקס הונדערט קולות אויף אַ שיף אין מיטן ים.

די קאָנוואָיִרער האָבן זיך דערשראָקן פאַר דעם צאָרן פון די מענטשן, פאַרשטאַנען, אַז מע טאָר נישט איבערציִען דאָס שטריקל און אַראָפּגעלאָזט אין די טריומען אַן עמער וואַסער, נאָך אַן עמער. אין די טריומען איז געוואָרן אַ שטופּעניש, אַ געדראַנג, אַ געשלעג. די שטאַרקע האָבן זיך אָנגעטרונקען צו ערשט. פאַר די שוואַכערע האָט נישט געקלעקט.

אויפן צוועלפטן טאָג איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכער שטורעם. דער אויפגעקאָכטער ים האָט אָנגעגריפן די שיפן פון אַלע זייטן, געשליידערט זיי ווי שפּענדלעך. די כוואַליעס, עטלעכע מעטער די הייך, האָבן אַרויפגעשפּרונגען אויף די דעקן מיט אַ ווילד רעווען, אַז די מענטשן אינעווייניק פאַרקלאַפּטע, ווי אין אַן אומגעהייערן אָרון, האָבן זיך איינגעשרומפּן פון שרעק. ווען ס'האָט זיך פאַרדרייט דער קאָפּ, ווען ס'האָט געאיבלט און ער האָט געבראָכן אונטער זיך. איינער האָט באַקומען אַ בלוטשטורץ אין מוח און איז פּאַראַליזירט געוואָרן. מ'האָט אים אַרויפגעטראָגן אויפן דעק. דער דאָקטער וואָס האָט באַגלייט די אַרעסטאַנטן, האָט אים העלפן שוין נישט געקענט. אין עטלעכע שעה אַרום איז ער אויסגעלייזט געוואָרן פון זיינע יסורים.

אויפן זעכצנטן טאָג איז די שיף אַריינגעשווומען אין דער בוכטע פון אַ פעלדזיקן פוסטן אינדזל. די אַרעסטאַנטן זענען פּאַמעלעך אויסגעשטיגן. זייערע גלידער זענען געווען פאַרהעלצערט. זיי האָבן זיך שווער באַוועגט. זיי זענען געווען ברודיק, לייזיק, אויסגעמאַטערט פון דער לאַנגער נסיעה אַן לופט, אַן שפּייז, נאָר גליקלעכע צו דערפילן האַרטע יבשה אונטער די פיס.

דער נאַטשאַלניק פון די גאָלדגרובנס איז געקומען מקבל פנים זיין די „געסט", באַטראַכטן די ניי־געקומענע, אָפּשאַצן מיט זיין שוין אויסגעפּרוווט אויג די צו עבודת־פּרך פּאַרמישפּטע קאַנדידאַטן אויף... יענער וועלט. אין אַ גוטן, ווייסבלענדיקן פוטער און אַ פוטערן היטל מיט לעפּלעך, האָט ער זיך אַרומגעדרייט צווישן די מענטשן, וואָס זענען געזעסן אויף זייערע בידנע קלומיקעס, זיך איינגעקוקט אין זייערע פּנימער און פּלוצעם איז ער געבליבן שטיין אַ דערשיטערטער. ער האָט זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות נישט אויסצושרייען: „מאיר!"

— יאָ, מאיר! איך בין נאָך הייסט עס, צום דערקענען.

— ווי אַזוי קומסטו אַהער?

— אַזוי ווי אַלע, מיט דער שיף, ראובעלע, מיט דער שיף. ס'איז דען פאַראַן אַן אַנדער וועג?

— נישט זאָגן קיינעם, אַז דו קענסט מיך. כ'וועל זיך אַרויסרופן און מיר וועלן עפּעס צוטראַכטן, כדי צו פאַרלייכטערן דיין אויסקומעניש.

לפנים האָט דער נאַטשאַלניק זיך אָפּגעשטעלט אויך מיט אַנדערע. אויסגעפרעגט וועגן „אַרטיקל", געזונטצושטאַנד און שטאַמאַרט אַזוי האָט ער באַמערקט אויך ברוכן. ער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם ווערגעלעך און שטיל געפרעגט:

— יהודי?

— טאַק טאַטשנאָ! — האָט ברוך געענטפערט.

—פון וואַנען?

— פון אָדעס...

— אָדעסאָ... אָדעס און קעשענעוו, זאָגט מען, איז ווי אַ שטוב מיט אַן אַלקער. זי שטייט אויף אַן אָרט, די קראַסאַוויצע?

— זי — יאָ. אומדערשיטערט. אָבער די איינוווינער — זיי נישט, האָט ברוך געזאָגט פילדייטיק, — זיי בייטן, ווי איר זעט, די ערטער, כאָטש ס'איז נישט אַזוי ווי די חכמים האָבן געזאָגט, אַז משנה מקום משנה מזל...

— האַלט אייך! — האָט אים אַ וווּנק געטאָן דער נאַטשאַלניק — דאָס לעבן איז דאָ אַ ביסל שווערער ווי אין אָדעס.

דער נאַטשאַלניק, ראובן אייזנשטאַט, איז געווען מאיורס אַ בן־עיר. ביז מאיר האָט מיט אַ גרופּע יונגוואַרג אַריבערגעפּראַוועט איבערן דניעסטער קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין וועלכן זיי האָבן געזען דעם פאַר־ווירקלעכטן אידעאַל פון יושר און ברודערשאַפט, האָבן זיי אין קעשענעוו געוווינט בשכנות, אַפילו געלערנט אין איין שול — ראובן מיט אַ פּאָר קלאַסן נידעריקער.

ראובן איז געווען דער יינגסטער פון פיר ברידער, אַלע בעל־מלאכות. זיי האָבן געוואָלט, אַז דער מיזיניק זאָל לערנען, דערוועקבן אַן אינטעליגענטע פּראָפעסיע, דאָס לעבן זאָל אים אָנקומען גרינגער ווי זיי, און זיי זאָלן זיך קאָנען ייחוסן מיטן געלערנטן ברודער. האָבן אים אַלע געהאָלפן אין דעם.

מאיר פלעגט אָפט אַריינקומען צו ראובנען אין שטוב זייענדיק אי אַ שכן, אי אַ געשוואָרענער חבר פון זיין ברודער גדליה. זיי פלעגן אין איינעם שפּאַצירן אין שטאָטישן גאָרטן, זיך פאַרקוקן אויפן מירמל־ביוסט פונעם רוסישן זשעני, וועלכער איז געווען אַ מאָל אַ פאַרשיקטער אין זייער שטאָט, און איצטער קוקט ער אַראָפּ פונעם פּאָסטאַמענט אויף דעם לעצטן דור,

צווי ייִדישע ייִנגלעך, וואָס פאַרוועטן זיך צווישן זיך, ווער עס געדענקט מער פון זייערע קלוגע און לעבנסמוטערע סטראָפעס.

גדליה האָט אויך געפּרוּווט, אַזוי ווי מאיר, געפינען אַ שפּרונג צו דעם טירעלע, וואָס פירט אַריין אין כישוף־וואַלד פון ווערטער. און ווער ווייסט, צי ס׳וואָלט זיך אויך פון אים נישט אויסגעפּיקט אַ שרייבער, ווען ער וואָלט נישט אומגעקומען אין אַן אַרבעט־אַוואַריע. ראובן האָט ליב געהאַט דעם באַלעזונגעם, אינטעליגענטן ברודער און ער פלעגט זיך תמיד נאָכ־שלעפּן נאָך די צוויי עלטערע חברים און אויסהערן זייערע געלערנטע שמועסן. פאַר מאירן האָט ער געהאַט דרך־ארץ וויסנדיק, אַז ער איז שוין זייענדיק אַ גימנאַזיסט געווען אַ שם־דבר, אַ דאַנק די שירים, וואָס ער האָט פּובליקירט אין פּעריאָדישע אויסגאַבעס.

ווען באַסאַראַביע איז צוריק צוגעהאַפּט געוואָרן צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז מאיר עטלעכע יאָר שוין געווען אין רוסלאַנד און באַקאַנט ווי אַ שרייבער. אין איינעם פון זיינע פּראָזע־ביכער האָט ראובן אַפילו דערקענט זייער בעל־מלאָכיש געסל, דערפילט דעם ריח, די אַטמאָספער, דעם שטייגער, וועלכן ער האָט אָפּגעשפּיגלט מיט אַ סך בענקשאַפט. ער האָט דערקענט מאירס טאַטן, זייער באַנדערישע שטוב און דער עיקר — גדליה, זיין געליבטער ברודער איז אַרומגעגאַנגען איבער אַלע זייטלעך פון דער דערציילונג אַ לעבעדיקער, און ער האָט דערקענט מאירס געטריישאַפט צום אָנדענק פון זיין ברודער, מיט וועמען ס׳האָט אים פאַרבונדן אַ טיפע פריינדשאַפט פון זייער ראָמאַנטישן עלטער.

ראובן האָט באַלד אָנגעשריבן מאירן אַ בריוו מיט אַ דאַנק פאַר זיין דערמאָנען די אַלטע היים, זייערע משפחות, גדליהן, אָבער קיין ענטפער האָט ער נישט באַקומען, ווייל ער האָט אים קיין צוריק אַדרעס נישט אָנגעוויזן. ער האָט אַזאַ אַדרעס נאָך נישט געהאַט, ווייל ער איז שוין געווען אויפן וועג אין איינעם פון די ווייטע צפונדיקע ראַיאָנען פון רוסלאַנד, וווהין ער האָט ווי אַ יונגער אינזשעניער זיך ווערבירט, ווי נאָר זיין היים איז געוואָרן סאָוועטיש. פאַר וואָס האָט ער דאָס געטאָן? ערשטנס, האָט ער געוואָלט פּרוּוון זיין מזל אין די אַנטוויקלונג־געגנטן, צוליב דער מעגלעכקייט צו הייבן דאָרט זיין פּראָפעסיאָנעלע קוואַליפיקאַציע. צווייטנס, צוליב דעם וואָס אַרבעט, אין זיין פּראָפיל איז אין זיין היים נישט געווען בנימצא.

און אָט האָבן זיי זיך געטראָפן אין עק וועלט. ער, ראובן, אַ נאַטשאַלניק פון גאָלדגרובנס, מאיר — אַן אַרעסטאַנט.

באַלד נאָך דעם ווי מ׳האָט די ניי־געקומענע איינגעאָרדנט אין באַראַק, איז מען אים געקומען רופן צום נאַטשאַלניק.

ערשט דאָ אין קאַבינעט, זייענדיק אַליין, האָבן זיי זיך אַרומגענומען און אויסגעדערציילט איינער דעם אַנדערן אַלצדינג, וואָס איז זיך פאַרלאָפן פאַר אַלע יאָרן ביז באַסאַראַביע איז געוואָרן סאָוועטיש, און וואָס ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט אין זייער קאַנט אין דעם קנאַפּן יאָר ביזן אויסבראָך פון דער מלחמה.

די עלטערן, ווו זיי זענען? — עוואַקויִרט אין מיטל־אַזיע אין אַ שטעטל ערגעץ אַרום סאַמאַרקאַנד. די ברידער — אין אַן אַרבעט־קאָלאָנע ערגעץ אַרום גאָרקי, בויען אַ נייע באַן־ליניע קיין סטאַלינגראַד, און ער, ראובן, איז דאָ פון זינט ער האָט זיך וועררבירט.

נישט תיכף איז ראובן געוואָרן אַ נאַטשאַלניק. כדי צו קאָמאַנדעווען מיט אַזאַ אונטערנעמונג דאַרף מען נישט זיין קיין ספּעציאַליסט, קיין אויסטויגער — מען דאַרף זיין אַ פּאַרטייער. נו, האָט מען איינס צוויי אים באַקערט צום קאָמוניזם. די איינציקע אַרבעט דאָ איז — גאָלדגרובנס, אַ שווערע אַרבעט און פאַרן געזונט — אַ געפערלעכע. די דאָזיקע אַרבעט ווערט אָפּגעטאָן דורך קאַטאָרזשאַנעס. זייענדיק דער נאַטשאַלניק איבער די גרובנס, איז ער בעל־הבית אויך איבער די מענטשן. דער גאַרניזאָן איז אים אונטערגעוואָרפן. וואָלט נישט געווען די מלחמה, וואָלט ער פון לאַנג עוקר געווען פון דאַנען, כדי נישט צוצוזען ווי מענטשן מאַטערן זיך. וואָס פאַר אַ מענטשן האָט ער דאָ שוין נישט געזען! דער שטאָלץ און דאָס שיינדל פון פאָלק! אין גרעסטן טייל אָן אַ שולד שולדיקע...

— ווי דו, אַוודאי, — האָט ער געזאָגט, — כאָטש דורכקוקנדיק דיין פאָרמולאַר בין איך איבערראַשט געוואָרן פון דעם בוקעט אַרטיקלען, וואָס דו ביסט ראוי געווען. און אַז אַחוץ פּאָליטישע פאַרברעכנס האָסטו אויף דיין חשבון שיִער נישט אויך אַ מאָרד.

— שיִער... אָן דער כוונה צו מאָרדן. כאָטש דער הונט האָט פאַרדינט דעם טויט. און ווייל נישט במזיד, האָט מען מיר פאַרביטן די „העכסטע שטראָף" אויף פופצן יאָר.

— דאָ וועסטו ניט זיין קיין יחיד מיט אַזאַ אַרטיקל. פאַראַן, ברוך־השם, אַ סך אמתע מערדער. הלוואַי וואָלסטו געהאַט נאָר דאָס אַרטיקל אָן די אַנדערע נאָכשלעפעניש, וואָלט דיר געווען אַ סך בעסער, ווייל מערדער האָבן נאָך שאַנסן באַפרייט צו ווערן, אָבער שונאים פון פאָלק... הכלל, מען דאַרף עפּעס צוטראַכטן פאַר דיינעט וועגן. די אַרבעט אין די גרובנס איז אַ מסוכנע. איך דערמאָן מיך, ווי דו פלעגסט מיט גדליהן קנאַקן אַמאָל פושקינס „ווו גלובינע סיבירסקיך רוד"... דאָס איז געווען בימי הצאַריזם... אין אונדזער צייט איז דאָס אַ סך, אַ סך ערגער. דאָ לויערט שווינדזוכט אויף יעדערן, נישט ריידנדיק וועגן אַלע אַנדערע ספּעציפישע שלאַפקייטן.

אַלע מאָל קומען נייע פּאַרטיעס. געזונטע מענטשן צו פֿאַרפֿולן די לײדיק געוואָרענע ערטער...

— און די אַרבעט ווי געוויינלעך אַן אומזיסטע.

— און אַז מען צאָלט, איז וואָס? דאַרף מען איינשטעלן דאָס לעבן? מען צאָלט און אַפֿילו נישט שלעכט, פֿאַרהעלטנישמעסיק. ווער ס׳האָט משפּחה, שיקט אָפּ די פֿאַרדינסטן אַהיים.

— איך האָב אַ משפּחה, ראובן. דריי קינדער. כ׳מוז זיי העלפֿן און האָב נישט קיין אַנדער ברירה...

— איך וועל עפּעס געפֿינען. ווייניקער פֿאַרדינסט, אָבער פֿאַרהיטן דאָס געזונט.

— איך מוז, מיין טייערער, איך מוז. כל־זמן איך בין נאָך בכח.

— כ׳וועל דיך נישט לאָזן אַראָפּגיין אונטן... כ׳דאַרף דיך אָפּהיטן נישט נאָר פֿאַר דער משפּחה... אויך דיין טאַלאַנט. דאָס איז מיין חוב.

— טאַלאַנט... ווער דאַרף אים? וואָלט איך אים נישט געהאַט, וואָלט איך אפשר דאָ נישט געווען. מער אַנגעזעענע פֿון מיר קומען אום אין אַזעלכע איבערדערציִונגס־לאַגערן טאָקע צוליב זייערע טאַלאַנטן. פּילניאַק, באַבעל, יאַסענסקי און נאָך און נאָך, אַ סך שרייבערס, יידישע און ניט־יידישע, וועגן וועלכע מיר וועלן געוואָר ווערן שפּעטער.

ראובן האָט אַריינגענומען דעם קאָפּ אין בײדע הענט, ווי אים וואָלט געפֿייניקט אַ ביטערע דערמאָנונג. פּלוצעם האָט ער געזאָגט:

— גוט, איך לאָז דיך גיין אין די גרובנס, מיט אַ תּנאַי: ווי נאָר דו וועסט באַנעמען אַז דו האָסט געמאַכט אַ פֿעלער, קום אַריין אַן קווענקלעניש און זאָג, אַז גענוג, כ׳זאָל דיך צונעמען פֿון דאָרט.

מ׳האָט זיי אַרויסגעגעבן ברעזענט־קליידער, היטלען, גומי־שטיוול, שטערן־לעמפּלעך אויף באַטאַרייעס און אויסגעפּוצט אין דעם אַלעם, געבראַכט צום טויער פֿונעם גרובן. די ערשטע איבערראַשונג מאירס איז געווען, ווען ער האָט דערזען די ווינדע — אַ קאַסטן אויף אייזערנע קייטן וואָס איז פֿאַמעלעך געקראָכן אַראָפּ, אַראָפּ אין שאול־תחתיה אַריין, אָנגעפּאַקט מיט מענטשן. דערנאָך האָט ער זיך פֿאַרוווּנדערט ווען ער האָט דערזען אינעווייניק די טונעלן און דעם כלומרשטן זיכערהייט־סיסטעם, די גאַנצע פּרימיטיווע טעכניק וואָס שטאַמט, ווייזט אויס, נאָך פֿון דער צייט פֿון די דעקאַבריסטן, און אפשר נאָך פֿריִער...

— יאָ, — האָט אים געזאָגט אַ יונגערמאַן מיט אַ טרוקענעם, וואַקס־געלן פּנים, — פֿון דער צייט פֿון די דעקאַבריסטן. און אין אָט די סאָציאַליסטישע באַדינגונגען, זיי אַזוי גוט און בייג דעם קריזש, האָרעווע,

ברענג אַרויף גאָלד, וואָס מער גאָלד, אין וואָס עס נייטיקט זיך די סאָציאַליסטישע מדינה. עס גייט אַ מלחמה, אַ שרעקלעכע מלחמה מיט אַ שרעקלעכן שונא. און דאָס לאַנד דאַרף גאָלד, גאָלד, גאָלד! דאָס הימלאַנד זאָל קאָנען קריגן אַלץ, וואָס ס'איז נייטיק כדי צו קענען בייקומען דעם שונא. איז אויך דאָ אַ פּראַנט. און מענטשן פאַלן, פאַלן דאָ נישט ווייניקער ווי דאָרטן אויפן פראַנט. נישטאָ קיין טאָג אָן מתים.

— איר רעדט אַ שיינעם יידיש, יונגערמאַן!

— יאָ? געלערנט אין אַ יידישער שול און שפּעטער אַליין געווען אַ לערער, גורעוויטש הייס איך, און איר?

— איך? רופט מיך שליאַכאָוואָי.

— מיט אַזאַ נאָמען קאָן איך אַ יידישן שרייבער.

— שטייט ער פאַר איך...

— אַזוי? און ווי קומט איר אַהער? איר זענט דאָך געווען אַ...

— איר פרעגט אויך? איר גופא האָט זיך שטאַרק פאַרשולדיקט קעגן זיי?

— איך? יאָ, כ'האָב זיך פאַרשולדיקט. כ'האָב דערווידערט קעגן דער גזירה צו ליקווידירן יידישע שולן, געטענהט, אַז אַפילו אין די שוואַרצסטע צייטן פונעם צאַריזם האָט מען אַזוי נישט געהאַנדלט. דאָס איז אַנטי־לעניניש, דיסקרימינאַציע.

— אָ, פאַר אַזאַ מין זאַג קומען טאַקע אַלע מיתות. וויפל האָט מען איך צוגעפּסקנט?

— איין צענדליק.

— נו, זאָגט אַליין, איז דאָס נישט דער העכסטער אויסדרוק פון סאָציאַליסטישן הומאַניזם?

— אַלע מיתות. טאַקע דאָס איז כולל אין זיך דער לאַגער. איר האָט נישט געזען, גייענדיק אַהער ביי דער לינקער זייט פונעם באַרג, דעם בית־עולם? אַהין פירט דער וועג פון אונדז אַלעמען. דאָס איז דער וועג פון באַפרייונג. אַ זעכצנטע רעפּובליק וואָלט מען געקאָנט אויפשטעלן.

— אַ זעכצנטע רעפּובליק?

— אַ בית־עולם צו וועלכן מען זעט נישט קיין סוף. ווערסט דאָ קאָנען מאַכן די אמתע אויספירן וועגן דעם הומאַנעם יסוד פון אונדזער סיסטעם.

אין עטלעכע טעג אַרום, אַריינכאַפּנדיק זיך אויף אַ רגע צום נאַטשאַלניק, האָט מאיר אים געפרעגט מיט נאַיווער פאַרוואונדערונג:

— ווי אַזוי, ראובהלע, קאָנסטו דאָס איבערטראָגן? ביסט דאָך אויך אַ דירעקט באַטייליקטער אין דעם...

מאיר האָט נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ, אָבער ראובן האָט פאַרשטאַנען דאָס נישט אַרויסגעזאָגטע וואָרט.

— איך, מאיר, בין אַ שרייפעלע, אַ קליין שרייפעלע, ווי יעדערער פון די צוויי הונדערט מיליאָן בירגער. דו ביסט דען נישט קיין דירעקט באַטייליקטער? ווען מען וואָלט דיך נישט אַ נעם געטאָן ביים האַלדז־און־נאַקן, וואָלסטו דען אין דיינע שריפטן נישט געווען הללויהט ווייטער דעם סיסטעם, ווי עס טוען דאָס אַלע? דו ווילסט אפשר באַרויקן דיין געוויסן, אַז האָסט נישט געוווסט פון אָט דער מיסטעריעזער הערמעטיש פאַרשלאָסענער וועלט פון וואַנען עס טריפט נישט אַרויס קיין פיפס? איז דאָס, זיי מיר מוחל, נישט אמת? אַלע ווייסן, נאָר מאַכן זיך נישט וויסנדיק צוליב דער אייגענער באַקוועמלעכקייט. יעדערער אויף זיין אופן איז מיט עפעס באַטייליקט אין דעם קאַראַהאָד פון דער רישעות. דערצו בין איך אַ פאַרטייער. און אַ פאַרטייער איז געבונדן פון אַ דיסציפלין.

— איך האָב אַנומלט געלייענט אַ צענטראַלע ציטונג וועגן די שרעקלעכע מעשים פון די דייטשן אין די געטאָס און אויף די פאַרכאַפטע טעריטאָריעס. זיי זענען אויך פאַרטייער. בלינדע אויספירער פון מעפיסטאָפעלישע באַפעלן. פאַרטיי־דיסציפלין...

— אַ ביסל ביסטו מגזם מיט דיין פאַרגלייך. נאָר באַרעכטיקן קאָן מען נישט אַוודאי.

— איך וואָלט מיך אָפגעזאָגט פון אַזאַ בכבודיקן אַמט.

— וועל איך אויף מאָרגן נאָכן אָפזאָג אָדער צעשאָסן ווערן, אָדער... אין בעסטן פאַל... מוזן אַראָפגיין מיט דיר אין גרובן. דאָ אויבן, אַז איך זיץ, קאָן איך פאָרט מיט עפעס פאַרלייכטערן דעם גורל פון די אַרעסטאַנטן.

— מיט וואָס?

— מיט בעסערער באַשפייזונג, למשל, וואָס נישט אומעטום קריגט מען דאָס. איך דאַרף מיך שלאָגן פאַר פראָדוקטן, יאָ, זיך שלאָגן. בקיצור, זיי אַ רעאַליסט, מאיר. איך וויל דיר העלפן. ראַטעווע זיך!

ראובן איז נישט ברוגז געווען אויף מאירן פאַר דעם דאָזיקן האַרבן געשפרעך. ער איז געווען גענוג קלוג צו פאַרשטיין די טראַכטענישן און שטימונגען פון אַ נישט אויסגעהיילטן אידעאַליסט און יושר־זוכער. ער האָט געוואָרט, אַז מאיר זאָל ווידער אַריינקומען, אָבער מאיר האָט אויסגעמיטן אַ באַגעגעניש וואָס וועט, ווילנדיק נישט ווילנדיק, ווידער ברענגען צו אַ האַרבן מיינונגס־אויסטויש.

מאיר האָט געאַרבעט אויף דער פאַר מיט ברוכן און ביידע האָבן זייערע פאַרדינסטן אָפגעשיקט אַהיים. ביידע זענען פיזיש געווען שטאַרק און איינער האָט זיך נישט פאַרלאָזט, אַז דער צווייטער זאָל אָפטאָן די

שווערע אַרבעט. זיי האָבן אויסגעהאַקט לעכער, אויפגעריסן פּלאַסטן, געגעבן הויכע נאָרמעס. פאַר די שווינדזיכטיקע וואָס זענען נאָך געקראָכן אין גרוב אַריין כל־זמן די פיס האָבן נאָך געטראָגן, האָבן זיי זיך געהיט אויס מורא זיך אָנצושטעקן. מאיר האָט זיך צוגעקוקט צו זיי פון דער ווייטנס — קוים באַוועגלעכע סקעלעטן מיט וואַקסענע פּנימער. וואָס קריכן זיי נאָך אין די שטרעקעס? די טעג זייערע זענען דאָך געציילטע. צי מיינען זיי, אַז כל־זמן זיי אַרבעטן שטופּן זיי אָפּ פון זיך דעם טויט? צי קומט עס פונעם ווילן ביז דער לעצטער רגע נוצלעך זיין מיט זייערע פאַרדינסטן די פאַריתומטע קינדער אין דער היים און דאָס האַלט זיי נאָך אויף ביים לעבן?

איין מאָל האָט מאיר דערזען, ווי נישט ווייט אין דער שטרעקע איז עמצער אַוועקגעפאַלן. ער מיט ברוכן זענען צוגעלאָפן. דאָס איז געווען גורעוויטש, דער לערער. ער האָט באַקומען אַ בלוטשטורץ. דאָס ברעזענטרעקל איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט. ביידע האָבן אים אויפגעהויבן, אַריינגעטראָגן אין ווינדע־קאַסטן, אַרויפגעבראַכט אויבן און אויף אַ טראָגבעטל אים אָפּגעטראָגן אין שפּיטאָל.

אין אָוונט האָט מען גערופן מאירן צום קראַנקן. ער האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ טאַבורעטקע, ער זאָל זיך אַוועקזעצן לעבן אים, און מיט אַ כריפּעדיק, שוואַכן קול געזאָגט:

— ווי איר זעט, חבר מאיר, בין איך שוין צוגעקומען צום סאַמע ברעג. מאָרגן, ווען די זון וועט פאַרגיין, וועל איך מיך אויסלעשן. ניין, ניין, טרייסט מיך נישט און פּרוווט מיך נישט מוטיקן, איך ווייס בעסער מיין צושטאַנד. טאָ הערט. כ'האָב קיינעם נישט אויף דער דאָזיקער וועלט. מיין גאַנצע משפּחה איז פאַרבליבן אין קיִעוו און וואָס מיט די פאַרבליבענע יידן איז דאָרט געשען, ווייסט איר גוט. אָבער איר האָט אַ ווייב מיט קינדער און צוליב זיי זענט איר אַראָפּ אין גרובן...

ער האָט אָפּגעאָטעמט און פאַרגעזעצט:

— איך האָב אַ קליינע אָפּשפּאָרונג פון צען אלפים. שענק איך עס אייערע קינדער...

ער האָט געבעטן, מען זאָל אַריינרופן דעם דאָקטער פאַר אַן עדות, אַז ער פאַרשרייבט ביים פולן באַוווסטזיין זיין פאַרלאַנג אויף פּאַפּיר, כדי צו פאַרשפּאָרן שפּעטערדיקע צרות. דאָס געלט געפינט זיך אויף זיין חשבון ביי דער פאַרוואַלטונג.

דעם קומענדיקן טאָג ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די שקיעה, איז גורעוויטש אויסגעגאַנגען.

מאיר איז געווען צעבראָכן צוליבן טויט פון דעם איידעלן מענטש, מיט

וועלכן ער האָט אָפּט פאַרבראַכט אין ערנסטע שמועסן. ער האָט געהערט פון אים שיינע געדאַנקען וועגן ליטעראַטור, אָפּשאַצונגען וועגן שרייבער און פּאָעטן, מיט וועמען ער איז געווען באַפריינדעט און געקאָנט צענדליקער לידער אויף אויסנווייניק. ער האָט געהאַט אַן אייגענעם צוגאַנג צו דער־ציִונגס־פּראָבלעמען און גערעדט מיט פאַרדראָס וועגן דעם צביעותדיקן אופן, מיט וועלכן די מאַכט אַנטוואָפנט אונדז שפּראַכלעך, פאַראָרעמט גייסטיק, נעמט אָפּ ביי אונדז דאָס נאַציאָנאַלע פּנים.

יאָ, מאיר איז געווען טיף באַצערט, נישט געקוקט וואָס ער האָט באַקומען אַ „ירושה" און האָט זי וואָס גיכער אָפּגעשיקט צו זיינע קינדער.

ער און ברוך זענען גוט אויסגעקומען מיט זייערע פאַרדינסטן. זיי האָבן זיך גוט דערנערט. צו זייער גרויסער פאַרוווּנדערונג איז קיין מאַנגל אין פּראָדוקטן דאָרט נישט געווען. אמת, אַמעריקע האָט אין דער זאַך זיך באַמיט ווי וויט מעגלעך, אָבער פאַר די אַרעסטאַנטן און אויך די איינ־וווינערס פון יענע ווייטע ראַיאָנען איז נישט וויכטיק געווען פון וואַנען די שפּייזמיטלען קומען. זיי איז אָנגעגאַנגען זיי זאָלן זיין. ליידער, האָט די גוטע דערנערונג ווייניק געהאָלפן די געטראָפענע פון דעם שווינדזוכט־באַציל. מאיר פלעגט אָפּווענדן פון זיי די אויגן, גלייך ער וואָלט אויך געהאַט אַ חלק אין זייער צושטאַנד. ער האָט זיך געפילט אַזוי ווי ער וואָלט שולדיק זיין וואָס ער איז נאָך דערווײַלע פריש און געזונט, און זיי זעען שוין אויס ווי וואַקסענע פאַנאָפּטיק־פיגורן, פון וועלכע ס'שמעלצט זיך אויס ביסלעכווייז דאָס חיות.

און נאָך אַ יאָר איז אַוועק. און נישט קוקנדיק אויף דער שעדלעכקייט פון דער אַרבעט, האָבן מאיר און ברוך זי געטאָן פלייסיק, אַפילו מיט חשק. אָבער ראובן — ער האָט איבערגעלעבט, וואָס מאיר האָרעוועט אַזוי שווער. ער האָט אים נאָכגעקוקט מיט פאַרשעריש אויגן, זוכנדיק אויף זיין פּנים די פּעולה פון דער אַרבעט אין דער טיפעניש, מורא האָבנדיק פאַר זיין געזונט. איין מאָל האָט ער אַריינגערופן מאירן און געזאָגט מיט אַנט־שלאָסנקייט:

— עד כאן, גענוג! סטאָפּ! איך וויל דיך נישט האָבן אויף מיין גע־וויסן. דאַנערשטיק איז אַן עטאַפּ. כ'האָב דיך מיט דיין חבר איינגעשלאָסן אין דער רשימה. ס'איז צוריק אויפן וועג מיט וועלכן דו ביסט געקומען, קיין האַניק לעקט מען דאָרט אויך נישט. דאָרט איז נאַטשאַלניק מיינער אַ חבר. וועל איך געבן אַ בריוועלע צו אים, און ער האָט זיך אויפגעהויבן פונעם טיש.

ס'האָט מאירן נישט געשמעקט, כאָטש ברוך האָט אים געפּרוווט באַ־ווייזן, אַז ראובן איז נישט אומגערעכט. אָבער וואָס מאירן האָט באַאומרויִקט

איז דאָס, וואָס ער וועט ווידער פאַרלירן די פאַרבינדונג מיט זיין משפּחה און מיט אַסיען. איבערפאָרנדיק פון אָרט צו אָרט רייסט זיך איבער דער קאָנטאַקט אויף לאַנג.

איין זאַך האָט אים יאָ אַ ביסל דערמוטיקט. ראובן האָט דאָך מרמז געווען, אַז דאָרט דאַרף ער זיך באַמיִען אַריינצופאַלן אין שפּיטאָל. און פונעם שפּיטאָל — אַנצוקומען קיין קאַמסאַמאָלסק, ווו ער איז שוין געווען, וועט ער ווי אַן „אַלטער לאַגער־וואָלף" זיך דאַרפן אַן עצה געבן...

קאַמסאַמאָלסק? ביי מאירן האָט אַ ציטער געטאָן דאָס האַרץ. אַסיע, דאָס קינד!

אַסיע האָט דאָך איינגעלייגט וועלטן, אַז זי זאָל זיך דערשלאָגן צו אים. ס'האָט זי גאָרנישט אָפּגעשראָקן. נישט די קעלטן אין יענע ווייטע געגענטן, נישט די סביבה אין וועלכער ס'האָבן ערשט געגומען אַריינדרינגען די ערשטע סימנים פון דער ציוויליזאַציע. צו שווערקייטן איז זי געווען געוווינט. זי איז דאָך אויפגעוואַקסן אין דעם לאַנד און זיך נישט געבאָדן אין וווילזיין. אַ באַרוף האָט זי אַ גוטס און אַפילו אַ געזוכטס, און זי האָט געגלייבט צו קאָנען זיך איינאָרדענען אומעטום. זענען דען פאַראַן אַ סך בעלנים, זיך צו לאָזן פאַרלאָקן אין יענע אייביק־געפרארענע געגנטן? אַפילו דאָס צוויפאַכיקע און דרייפאַכיקע גרעסערע פאַרדינסט, ווי אַנדערשוו, האָט קיין צוציִענדיקן כישוף נישט געהאַט.

אָבער מאיר האָט געזאָגט: ניין! ווי שטאַרק ער האָט נישט געוואָלט זי האָבן לעבן זיך, האָט ער דאָך אויפן האַרבסטן אופן איר פאַרווערט צו רירן זיך פונעם אָרט. דאָס וועט זיין נישט נאָר אַ לייכטזיניקער שריט וועלכן עס וועט שווער זיין צו פאַרריכטן. דאָס וועט זיין אַן אַוואַנטורע. ניין, בשום אופן נישט! אויסער די שווערע באַדינגונגען איז ער דאָך תמיד געווען אין סכנה אַריבערגעוואָרפן צו ווערן פון אָרט צו אָרט. ס'זענען נישט געווען קיין אויסזיכטן פון איינצוואָרצלען זיך, אייופונדעווען זיך. אַז ער האָט רעכט געהאַט האָט דערוויזן דער נייער עטאַפּ.

וויקטאָרס אומקער צום אייגענעם שטאַם, צו די וואָרצלען וועגן וועלכע ער האָט ביז זיין באַקאַנטשאַפט מיט פרידען קיין אַנונג נישט געהאַט, האָט אין משך פון די יאָרן געמאַכט אַן ערנסטן פאַרשריט. מאיר האָט זיך געוווּנדערט, מיט וואָס פאַר אַ התמדה ער האָט געלערנט. ער האָט קיין רו נישט געגעבן נישט אים, נישט אַנדערע יידן, ביי וועמען ער האָט געקענט עפּעס שעפּן. ער האָט אויסגעפילט העפטלעך מיט ווערטער, מיט דערקלער־רונגען צו זיי, מיט היסטאָרישע דאַטעס, מיטן באַטייט פון פאַרשיידענע יום־טובים. בעת די אָפּטע „איבערזידלונגען" און די באַזוכענישן פלעגט מען

די העפטלעך צונעמען ביי אים, האט ער באלד פארשאפן זיך נייע און אנגעפילט זיי מיט נייע ווערטער־אוצרות. ער האט אנטדעקט אין זיך א גרויסע פעיקייט צו שפראכן און זיך פארגעשטעלט, ווי פרידע וועט זיך דערפרייען, ווען זי וועט זיך טרעפן מיט אים און ער וועט שוין זיין א גאנצער העברעער. זי וועט זיכער שטאלץ זיין וואס זי'ער גורם דאס אלץ צו דערווערבן, איז געווען זייער גרויסע, אין טראגישע באדינגונגען געבא־רענע ליבשאפט.

אזוי ווי אומעטום האט ער אויך דא, אויפן נייעם ארט זיך צונויפ־געטראפן מיט יידן, און צום אונטערשייד פון מאירן און וויקטארן זענען דאס געווען אזעלכע, וואס האבן יא געוואוסט פאר וואס זיי זיצן. דאס זענען געווען יידן, וואס האבן געהאט א חלום אויף וועלכן זיי האבן נישט געוואלט מוותר זיין. יידן, געטרייע דעם פאלק, זיינע גייסטיקע ווערטן און מסורה, יידן, איבער וועמען ס'האט יארן לאנג געהאנגען די שטראף פון דער סיטרא־אחרא.

דאס זענען געווען ציוניסטן, מערסטנס מיט א לינקן ניואנס. הלמאי דאס איז פארעכנט פאר א פארברעך, פאר וועלכן עס קומט א באזונדערש הארבע שטראף, איז אן אנדער ענין. אין דעם לאנד האט זיי גארנישט געוואונדערט, אפילו נישט דאס וואס נאך דעם ווי זיי זענען שוין אפגעזעסן א צענדליק יאר און בלויז אין איין יאר ארום נאך זייער באפרייונג האט מען זיי ווידער „איינגעקאסירט" אויף א נייעם צענציאריקן קאן. דאס איז געקומען נאך דער פראקלאמירונג פון דער יידישער מדינה אין דער היסטארישער היים פון פאלק. אין די יידישע קרייזן איז געווען ממש אן עקספלאזיע פון פרייד און באגייסטערונג. נאיווע מענטשן האבן שוין געמיינט, אז זיי מעגן אפילו געבן עצות די גאונים פונעם פאליטביורא, וואס איז נייטיק צו טאן כדי צו באשיצן דאס ניי־געבארענע מדינהלע פון די שכנותדיקע פעאדאלע קיניגרייכן, וועלכע זענען עס באפאלן אין דער ערשטער נאכט נאך דער פראקלאמירונג. מ'האט פארגעלייגט צו שאפן א יידישן לעגיאן, ס'האבן זיך געמאלדן א סך פרייוויליקע. עס זענען דאך געווען א סך יידן־אפיצערן און שלאכטלייט מיט א רייכער דערפארונג אין דער לעצטער מלחמה.

וויקטאר און מאיר האבן זיך פארוואונדערט אנגעקוקט הערנדיק פון דעם אלעם. פאר זיי איז עס געווען אן איבעררראשונג, אז אין לאנד געפינען זיך גרופעס מענטשן, וואס האבן דעם מוט צו דענקען אנדערש, דערוועגן זיך צו האבן אנדערע מיינונגען פון די ארויפגעצוואונגענע, און זענען גרייט פאר זיי אויף קידוש־השם.

ס'איז געווען פאר וואס מקנא זיין די דאזיקע יידן. דער שטארקער

גלויבן זייערער איז געווען פֿאַר זיי אַ מאָראַלישער אָנשפּאַר אין די שווערע באַדינגונגען. זיי האָבן געהאַט דעם מיסטישן בטחון, אַז אַזוי וועט נישט זיין אייביק. אין דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, אַזוי ווי אין דער נאַטור, איז דאָ אַ געזעצמעסיקייט. דיאַלעקטיק. ס׳איז אַן אייביקע סאָר־וואַנדלונג און ענדערונג. און אויב אַן ענדערונג, מוז עס זיין צו גוטן, ווייל שלעכט איז שוין געווען גענוג. לויט דער געזעצמעסיקייט וועט געשען די ענדערונג וואָס אויך זיי וועלן זיכער דערלעבן, און דעמאָלט וועלן זיי זיך אַריבערפּעקלען אין אייגענעם לאַנד. נאָך דער שרעקלעכער מלחמה, נאָך דעם קאַטאַקליזם וואָס איז אויסגעפאַלן אויף אונדזער יידישן גורל, צי האָבן יידן גאַרנישט אָפּגעלערנט?

וויקטאָר האָט דערזען די מחנה, צו וועלכער ס׳האָט געהערט אויך פרידע. ער האָט זיך צוגעקלעפּט צו זיי. אין די אָוונטן איז ער, ווען מיט איינעם, ווען מיט אַ צווייטן געזעסן אויף דער פּריזבע הינטערן באַראַק און נישט זאַט געוואָרן פון זייערע דערציילונגען.

פרידע און אַ צווייטע לאַגערניצע, מאַרוסיע, זענען שוין פון לאַנג באַפרייט געוואָרן. צי צוליב די אונטערגעוואַקסענע קינדער, צי צוליב געזונט־טעמים האָט מען זיי באַפרייט, אָבער נישט פולשטענדיק. מ׳האָט זיי אָוועקגעפירט אין אַ פאַרשיקונג־אָרט אין קראַסנאָיאַרסקער קאַנט, וווּ זיי האָבן זיך געפונען אונטער דער השגחה פון דער ענקאַוועדע. פונעם דאָרף ווו מ׳האָט זיי באַשטימט צו לעבן, האָבן זיי זיך נישט געטאָרט רירן אָן אַ דערלויבעניש. דאָס דאָרף געפינט זיך ווייט פון אַ באַן־סטאַנציע און אין אַ געוויסער מאָס איז דאָס דער זעלבער לאַגער, מיטן איינציקן אונטערשיד, וואָס זאָרגן וועגן אַרבעט און אויסקומעניש דאַרפן זיי פאַר זיך אַליין. פרידע האָט געקאַנט אַ ביסל געניי, מאַרוסיע האָט איר אונטער־געהאָלפן. זיי האָבן פאַרדינט זייער ברויט און געהאַט אַפילו אַ מעגלעכקייט פון צייט צו צייט צו שיקן וויקטאָרן און מאירן אַ פּעקל שפּייז.

מאיר האָט אַוודאי זיך געפרייט פאַר זיינע צוויי פריינד און אַליין האָט ער זיך געפילט צעדריקט פון דאַגות. ווייל אויב מיט רייזעלען האָט ער נאָך געהאַט אַ שטיקל פאַרבינדונג, האָט מיט אַסיען זיך אָפּגעריסן דער קאָנטאַקט. חדשים זענען פאַרביי און ער האָט קיין ענטפער נישט געהאַט אויף זיינע בריוו, וואָס אים איז געלונגען איר אַרויסצושיקן.

וואָס איז געשען מיט דער שיינער, קלוגער, ענערגישער אַסיע? וויפל השערות זיין דמיון האָט געבויט זענען אַלע געווען מיט אַ שלעכטן אויס־גאַנג. ווו איז זי אַהינגעקומען? זי האָט אים דאָך אָפט געשריבן קלוגע, דערמוטיקנדיקע בריוו. אין איינעם פון די לעצטע בריוו האָט זי אויך

בייגעלייגט אַ בילד — דעם קינדס אַ פּאָטאָ. זי האָט אים פֿאָטאָגראַפֿירט אין ערשטן לערנטאָג, ווען ער האָט אָנגעהויבן גיין אין שול. אַסיע האָט נישט אָן שטאָלץ געשריבן, אַז ער איז אַ קאָפּיע פֿון טאַטן, אַז לייענען און שרייבן קאָן ער שוין פֿון לאַנג. אַ סימן — ער האָט זיך געחתמעט: שליאַכאָוואָי...

ערגעץ אין געגנט האָט זיך געפֿונען דער „צאַרמס" (צענטראַלער זאַוואָד פֿון אויטאָ־רעמאָנט). פֿון דאָרט מוז זיין אַ קאָצנשפּרונג צו אַסיעס ווינאַרט. מאיר האָט אָנגעהויבן זוכן מיטלען ווי זיך אַרויסצוקלייבן אַהין און זיך געפֿרייט מיט די קלאַנגען, וואָס פֿלעגן בעמען פֿלאָטערן אין דער לופֿט, אַז אָט, אָט... ס'איז אַ סברה, אַז מע גרייט שוין די רשימות.

קלאַנגען, קלאַנגען. און דערווײַלע גייט מען אויף די פּריערדיקע אַר־בעטן, און מען בייגט דעם רוקן פֿאַר דער טרוקענער „פּייקע". און ביי נאַכט — חלומות.

חלומט זיך מאירן, אַז ער שטייט אין מיטן פֿון אַ הייסן מדבר. פֿון וויטנס שימערט אַ פּאַלאַץ מיט גאָלדענע טורעמלעך, וואָס שלאָגן אָפּ פֿון זיך די זונשטראַלן ווי אומגעהייערע שפּיגלען, און דער פּאַלאַץ איז אַרומ־געזוימט מיט הויכע פּאַלמעס. אַ קיל, שטיל וואַסערל מורמלט אַ תפילה צום בורא־עולם. פּלוצעם פֿאַרשווינדט דער פּאַלאַץ, און ער דערזעט צע־כוואַליעטע זאַמדן. זיי הייבן זיך, קוילערן זיך און ער הערט אַ מאָדנע געזאַנג. דאָס מדבר־זאַמד זינגט אַזוי? צי איז דאָס געזאַנג פֿונעם זאַמד אויך אַ מיראַזש, אַזוי ווי דער פּאַלאַץ? נאָר אָט האָט אַריינגעקלונגען אין זיין חלום דאָס געקלאַנג פֿונעם פֿאַרזשאַווערטן רעלס, און מאיר האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿונעם שלאָף.

ער איז אויפֿגעשטאַנען אַ מונטערער און געפּרוּווט צו דערמאָנען זיך דעם חלום און זיין באַטייט. ער איז מיט זיין בריגאַדע אַוועק אין קיך אויסכלעפּטשען אַ פּאָר לעפֿל באַלאַנדע, כאַפּן זיין „פּייקע" ברויט און אַרויס צו דער אַרבעט.

די בריגאַדע איז געגאַנגען געלאַסן, טראָט ביי טראָט. צו וואָס זיך איילן? „די אַרבעט איז נישט קיין וואָלף, אין וואַלד וועט זי נישט אַנטלויפֿן", אַזוי זאָגן די פּאָלקסמענטשן. איז מאיר געגאַנגען געלאַסן און געטראַכט וועגן די זעכצן פֿאַרסמטע מענטשן, וועלכע מ'האָט נעכטן געבראַכט פֿונעם וואַלד אין אָרטיקן מעדפּונקט. אַלע האָבן געבראַכן מיט דער גרינער גאַל, און געליטן פֿון אַ בלוטיקן שילשול, געהאַט הויכע היץ און אַ שטאַרקן קאָפּווייטיק. מ'האָט חושד געווען אַ בויכטיפֿוס־מגיפֿה, און מ'האָט באַלד געשלאָגן טרעוואָגע, איזאָלירנדיק די זעכצן.

אַרויסגעוויזן האָט זיך אַז די הונגעריקע אַרעסטאַנטן וואָס ליידן פֿון

וויטאַמין־מאַנגל, האָבן אין וואַלד זיך אָנגעגעסן מיט גיפטיקע קרייטעכצער. קיין עצה האָט דער „לעקפּאָם" נישט געוווסט. איצט ליגן די אָפּגעסמטע מיט געשוואָלענע בייכער און מען וואַרט אויף אַ יורידישער מעדקאָמיסיע, וואָס זאָל פעסטשטעלן די סיבה פון זייער טויט.

זעכצן מתים!

וואָלט די באַשפּייזונג געווען אַ גענוגיקע, וואָלט דען געקומען צום אומגליק? — האָט מאיר געטראַכט, שלעפנדיק זיך פאַמעלעך אין טראָט פון דער מידער, נאָך פאַרשלאָפענער מענטשן־קאָלאָנע. זעכצן מתים! און ווער איז שולדיק? די טויטע אַליין זענען שולדיק, וואָס זיי זענען הונגעריק געווען, און געוואָלט מיט עפּעס אָנשטאָפּן די מאָגנס. זיי זענען דאָך געוווינט צו אַלערליי גראָזן, קרייטעכצער, קראָפּעווע, און פּלוצעם — גיי ווייס, אַז דאָס איז אַ גיפטיק געוויקס... די זשעדנעקייט זייערע האָט זיי אַריינ־געבראַכט אין קבר... זולל־וסובהניקעס!

— וואָס זאָגסטו, עליאַשעוו...

— אַוודאי זיי. נאַטשאַלסטווע איז חזיר פּיסל כשר... ווי שטענדיק!

צוקוקנדיק זיך צום געוועזענעם לערער, האָט מען געוען אַ קאַנדידאַט אויף אַ „הילצערנעם בושלאַט". אָבער נישט קוקנדיק אויף זיין אויסגע־טריקנטקייט און זיין פּאַכען מיט דער נשמה ביים שנעלערן גיין, איז ער געווען אַ היציק מענטשל, האָט ליב געהאַט צו פּאָלעמיזירן וועגן פּאָליטישע ענינים. ער האָט זיך דערמאָנט אַ נעכטיקן שמועס, וואָס ער האָט אים נישט דערפירט צו אַ סוף:

— וויפל אומדערקלערלעכע דערשיינונגען קומען פאָר אין אונדזער גרויסער עפּאָכע. די קומענדיקע פאָרשערס וועלן זיך נישט קאָנען אָפּזוכן אין דעם פעלשונג־פּלאָנטער וואָס קומט פאָר יעדן טאָג, בדי אַרויסצוויקלען און אָפּטיילן דאָס אמתע פון דעם געפעלשטן.

די אַרבעט איז געגאַנגען שווער. די אייז־פאַרקאָוועטע ערד האָט זיך נישט נאָכגעגעבן. מ׳האָט זי קוים געדליבעט מיט די קירקעס. דער פאָנ־פעוואָטע נאַטשאַלניק איז געקומען און געהאַלטן אַ מוסר־דרשה, אין וועלכער ס׳האָבן געפינקלט אַזעלכע פּערל ווי: לאָדערס, טויגעניכטסן, פוילאַקעס!

— איר ווילט מער נישט עסן קיין שטיקל ברויט? איר ווילט זיך אַליין דערפירן צו „דאָכאָדיאַגעס"?? גיכער גיכער אַרבעטן!

— גיך, נאַטשאַלניק, ליבן זיך די קעץ! — האָט פּלוצעם זיך דערהערט אַן אויסרוף.

— ווער האָט עס געזאָגט? — האָט ער געפרעגט מיט כעס.

— איך! — האָט זיך אָנגערופן איינער.

— צוויי שפּאַן אַרויסגיין פאָרויס!

פון דער ריי איז אַרויסגעגאַנגען אַן אַלט, איינגעקוואַרט מענטשל מיט שיקלדיקע אויגן. זיין פּנים האָט מען קוים אַרויסגעזען פון דעם וואַטע־היטל מיט די לעפּלעך, וואָס איז געזעסן אויף זיין קאָפּ.

— ס׳איז נישט אמת, אַז דאָ זענען סאַמע לאָדערס, פּוליאַקעס, סאַבאָ־טאַזשניקעס. נעמט די קירקע און באַווייזט, ווי מען מאַכט דאָס בעסער און גיכער.

דער נאַטשאַלניק האָט אַ נעם געטאָן די קירקע און אַ זעץ געטאָן עטלעכע מאָל אין דער פאַרפראָרענער ערד. די קירקע איז אָפּגעשפּרונגען ווי אַ פּרוזשינע. נאָך און נאָך אַ זעץ. ער האָט קיין זשמעניע ערד נישט אַרויסגעדלובעט.

דער פּאַנפּאַטש האָט פאַרשטאַנען אַז אויף די דאָזיקע אויסגעשעפּטע מענטשן קאָן ער שוין קיין סך נישט בויען און ס׳איז צייט זיי צו פאַרטוישן אויף נייע כוחות. די קלאַנגען וועגן רשימות וואָס מ׳האָט געגרייט פאַר אַן עטאַפּ, האָבן זיך באַשטעטיקט. אומגעריכט, אַזוי ווי שטענדיק, זענען צוגעפאָרן לאַסט־מאַשינען. אין גרויסן בחפּזון האָט מען אַרויסגערופן די באַשטימטע פאַרן עטאַפּ, אויפגעלאָדן זיי מיט האַק־און־פּאַק און — פּאַשאָל!

אָן באַדויער האָט מען פאַרלאָזט דאָס וויפּלטע אָרט פון פּיין און יסורים. וויפל שטייען נאָך פאַר אַזעלכע פּונקטן פון אויסמאַטערנדיקער שווערער האָרעוואַניע, פון פּיין און דערנידעריקונגען?

די טייגע האָט זיי אויפגענומען גאָרנישט פריינדלעך. אַ זאַווערוכע האָט געדרייט, געקערט וועלטן, מיט אַ געוואַי זיך געוואָרפן אויף די אָנגעקומענע, פאַרקלעפּט זיי די אויגן און פאַרשאָטן די שטעגן וואָס האָבן געפירט צום פּונקט.

דורכגעפרוירענע ביז צו די ביינער, האָט מען זיי אַריינגעלאָזט אין זאָנע און אַריינגעטריבן אין אַ קאַלטן באַראַק, וווּ זיי האָבן געמיינט אַז זיי וועלן אומקומען פון קעלט.

אין דאָזיקן ערשטן טאָג האָט ברוך אויך געשלאָסן קאַנטשאַפט מיטן „אָפּער״, וואָס האָט געשמט אויף דער גאַנצער טראַסע ווי אַ „הונט מיט ציינער״.

ווען מ׳איז אים געקומען רופן צום נאַטשאַלניק, זענען אַלע געווען זיכער אַז דאָס איז אין שייכות מיט זיין פּראָפעסיע. סוף־כל־סוף האָבן קיין קאָוואַלעס זיך נישט געוואַלגערט אין די לאַגערן, און ס׳קאָן זיין, האָט מען געטראַכט, אַז מען וויל אים איינשפּאַנען אין אַן אַרבעט. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דער „אָפּער״ האָט אים טאַקע געוואָלט געבן אַן אַרבעט,

נאָר פון גאָר אַן אַנדער מין, פאַר וועלכער ער האָט אים צוגעזאָגט אַ לייכט לעבן ביזן סוף פון טערמין.

— צום באַדויער, נאַטשאַלניק, האָט ברוך געענטפערט קלאָר און שאַרף, — מוז איך מיך אָפּזאָגן פון דעם בכבודיקן אַמט וואָס איר לייגט מיר פאָר. ערשטנס ווייל איך זוך נישט קיין לייכט לעבן. אַזאַ לעבן, נאַטשאַלניק, האָב איך קיין מאָל נישט געהאַט. פון דער קינדהייט אָן בין איך אַ קאָוועל, ווי מיין טאַטע און מיין זיידע. איר פאַרשטייט מיך? איך קאָן קאָווען רעדער, פּידקאָווען די לאַגער־פערד, איך קאָן שמידן גראַטעס און ריגלען פאַר די באַראַקן... דאָס איז מיין פאַך, אָבער פאַר דער אַרבעט פאַר וועלכער איר ווילט מיך קויפן מיט אַ לייכט לעבן, בין איך נישט פּעיִק...

פאַרשטייט זיך, אַז פון דעם טאָג אָן האָט דער נאַטשאַלניק געטראָגן אַ בייז האַרץ אויף דעם כיטרע קאָוועל. אָבער טאָן עפּעס האָט ער אים נישט געקאָנט. ברוך האָט געאַרבעט פלייסיק, אַפילו זיך אויסגעצייכנט. ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון די דראָונגען „בייצוקומען" אים מיט שווערער אַרבעט.

גייט ער מיט אַלעמען באַגלייך וווהין נאָר מען טרייבט — אויפרייסן די ערד מיט דער קירקע, בויען אַ באַן־ליניע צי אויף וואַלדאַרבעט.

וואַלגערן דעם וואַלד איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן, באַזונדערש אין די גרויסע פרעסט, וואָס קומען געפּאָרטע מיט שטאַרקע ווינטן. מען דאַרף וויסן ווי אַזוי צו אַרבעטן, אויסרעכענען אַפילו די ריכטונג פונעם ווינט וואָס קאָן איינברעכן דעם אַרומגעהאַקטן בוים איידער מ'האָט גערעכנט. וויפל מענטשן זענען אומגעקומען צוליב דעם נישט וויסן ווי מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק. דערצו האָט מען די דאָזיקע שווערע אַרבעטן געדאַרפט אויספילן ביי אַ הונגער־נאָרמע שפּייז. לאָ די, אַז דער פרייער צושטעלער פון די שפּייז־מיטלען פלעגט „באַנעמען" די פּראָדוקטן פאַר זיך און פאַרן נאַטשאַלניק, פלעגן נאָך די קוכערס אַ טייל פון די פּראָדוקטן פאַרשפּילן אין קאָרטן צו דער אונטערוועלט, און דער קעסל איז אַלץ שיטערער געוואָרן. האָט מען געקאָנט ביי אַזאַ מין דערנערונג זיך שלעפּן אַכט קילאָמעטערס ביז צום וואַלגער־פּלאַץ? איז נישט קיין ווונדער דעריבער וואָס מענטשן פלעגן אַוועקפאַלן אין וועג, אויסגיין פאַר די אויגן פון זייערע חברים.

מ'האָט געאַרבעט. קיין שום חכמות זענען דאָ נישט אַנגעגאַנגען. איר זענט נישט ביים טאַטן אין וויינגאָרטן. איר קומט אָפּ אַ שטראָף פאַר אַ זינד אַנטקעגן דעם היימלאַנד און איר קויפט זי אויס, די זינד, מיט אַרבעט. וויפל מאָל האָבן זיי געהערט די „זעקן" דעם דאָזיקן פּיזמון פון „אויסקויפן די זינד" און מ'האָט געאַרבעט. געאַרבעט.

אין יענעם אינדערפרי פונעם אומקומעניש־בוראַן וואָס, האָט פון העלער הויט זיי באַפאַלן אין וואַלד, איז דער פראָסט נישט געוואָרן מילדער, כאָטש

אין דער לופט, האָט זיך געדאַכט, פּילט זיך אַן איבערבראָך. מאיר האָט דערוואַכט מיט אַ שווערן קאָפּ און אַ ברעכעניש אין אַלע גלידער. דער רעלס האָט געקלונגען און ער איז געלעגן אונטער דער קאָלדרע, ווי נישט אים וואָלט מען אויסן געווען. ער האָט געהערט ווי משה קליינער האָט זיך געבעטן ביים נאַריאַדטשיק, ער זאָל אים היינט באַפרייען ווײַל ער פּילט זיך נישט מיט אַלעמען און דער פאַרשווין האָט אים אַראָפּגעשלעפּט פון דער נאַרע:

— מיך ווערסטו מיט יידישער כיטרעקייט נישט קויפן. ביסטו קראַנק, גיי צום דאָקטער!

מאיר איז אַראָפּ פון דער נאַרע, אָנגעטאָן די וואַליקעס, די אָניטשעס, פאַרדאַרטע ווי די בלעכן, אָפּגעשווענקט זיך מיט אייז־קאַלט וואַסער און אַרויסגעלאָפן אין דרויסן.

אפשר וועט מען היינט נישט אַרויסטרייבן, האָט ער געטראַכט. רבונו־של־עולם, ס'איז דאָך פאַראַן אַ באַפעל וועגן אַ גרענעץ. ביז פערציק גראַד מעג מען, העכער פון פערציק — די „זעקן" נישט אַרויסרופן צו דער אַרבעט.

אַ נעכטיקער טאָג. די נאַדזיראַטעלעס לויפן שוין אַרום אין זאַנע מיט די שטעקנס. מען טרייבט צום טויער. משה קליינער האַלט זיך קוים אויף די פיס. ביי אים איז אַ הויכער בלוטדרוק. קיין טעמפּעראַטור האָט ער נישט. דער „לעקפּאָם" האָט געפונען, אַז ער איז נישט צום באַפרייען. פאַראַן שלאַפערע פון אים.

מאיר האָט באַמערקט אין דער קאָלאָנע נייע מענטשן. נעכטן האָט מען זיי געבראַכט מיטן עטאַפּ און היינט האָט מען זיי שוין אַרויסגעיאָגט אויף אַרבעט. אויך צוויי יידן האָט ער דערזען, צוויי בערדיקע יידן מיט פאות ווי ער האָט שוין פון לאַנג אַזעלכע אויף דער פריי נישט געטראָפן. ווי קומט עס, האָט ער זיך געפרעגט, וואָס מ'האָט זיי נאָך די פאות נישט אָפּגעשניטן? זיי האָבן אויך ווי אַלע אַנדערע פאַרבונדן די פּנימער מיט האַנטעכער, שמאַטעס, באַהאַלטן די „יידישע נעזער", אָבער פון די שמאַטעס האָבן אַרויסגעקוקט דערשראָקענע יידישע אויגן, פולע מיט צער. זאָלן שוין די טעמפּע נאַדזיראַטעלעס זיי איבערצייל̇ן גיכער, און מען זאָל זיך רירן פונעם אָרט, צעוויגן די גלידער, אַ טאַפּע טאָן מיט די פיס, זיי ווערן פאַר־הערצערט דאָך, די פיס, פון דער קעלט.

ס'איז געווען אַ לויטערער פאַרטאָג. דער הימל — בלוי. קיין שפּרענ־קעלע אויף אים. די זון האָט זיך גענומען אַרויסרוקן פונעם וואַלד — אַ מעשענע טאַץ. ס'האָט זיך געדאַכט אַז דער פלאַם־פייערדיקער פראָסט גייט טאַקע פון איר, און ס'האָט זיך געוואָלט, אַז כמאַרעס זאָלן פון ערגעץ אַ

שפּאַר טאָן און צודעקן דעם דאָזיקן, מיט גרויזאַמער קעלט דראָענדיקן דיסק. אפשר וועט אַ ביסעלע וואַרעמער ווערן. אין וואַלד וועט מען דערלויבן אָנצינדן אַ שייטער. נישט מען גייט, נישט מען לויפט. ס'טראָגט זיי. דער קאָנוואָי פאַרשפּאָרט צו קאָמאַנדעווען „שירע שאַג" (ברייטער שפּאַן!) דער אָנגעפּעלצטער בריגאַדיר האַלט קוים נאָך די געאײַלטע מענטשן. באַלד וועלן זיי זיין אין וואַלד. צווישן די ביימער איז נישט אַזוי ווי אין נאַקעטן סטעפּ. גיכער, גיכער! אַזאַ אַכזריות! ווי מעג מען אַרויסטרייבן מענטשן אין אַזאַ אומקומעניש־וועטער, ווי מעג מען?

אָט ברענען שוין די שייטערס. אָט שטייען זיי אַרום די פלאַמען. די וואַרעמקייט לעקט זייערע פּנימער און אין די פּלייצעס שמייסט דער פראָסטיקער ווינט. ווי לאַנג וועט מען זיי לאָזן שטיין אַזוי אַרום דעם פייער? דערווײַלע גייט אַרום דער בריגאַדיר מיטן פראָראַב און צייכנט אָן די ביימער וועלכע מען דאַרף צעלייגן. באַלד וועט זיך דערהערן דעם בריגאַדירס געשריי:

— אויף די ערטער! צו דער אַרבעט!

דער פראָראַב האָט געהאַט פאַרפראָרענע אויגן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אין דעם טאָג וועט קיין אַרבעט נישט זיין. עס קאָן נישט זיין. וואָלט כאָטש דער ווינט קיין שטיקער נישט געריסן.

די זון האָט אַרייַנגעשטעקט איר צונטער־רויטן קאָפּ אין דער טייגע, פאַרטשעפּעט מיט די מעשענע שטראַלן די פאַרשנייטע, טרעשטשענדיקע צווייגן און מיט אַ מאָל איז געוואָרן עפּעס ליכטיקער, וואַרעמער, כאָטש דער פראָסט האָט זיך צעזשאַרעט נאָך שטאַרקער. דער פראָסטיקער רוצח האָט מיט אַ קנאַקעריי געשפּאָלטן די ביימער.

מאיר האָט זיך אָנגעלענט אין שטאַם פון אַן אַלטן בוים און דעם קאָפּ פאַרריסן צום הימל. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער הימל לאָזט זיך אַראָפּ צו דער ערד, נידערט פאַמעלעך, דערנענטערט זיך, אָט באַלד וועט ער זיך באַהעפטן מיט איר — הימל און ערד. און אפשר איז עס גאָר פאַרקערט? אפשר הייבט זיך גאָר די ערד אַרויף, אַרויף און נישט די ערד אַפילו, נאָר ער, ער הייבט זיך אַרויף, און עס טראָגט אים אַוועק אויף אַן אַנדער פּלאַנעטע, וווּ דער קלימאַט איז לינדער, וווּ ס'איז נישטאָ קיין אַכזריות נישט אין דער נאַטור און נישט אין די ברואים, וווּ מען האַקט נישט אויס אַזעלכע פּרעכטיקע ביימער וואָס באַשיינען די דאָזיקע ערד? די האַק ליגט לעבן אים אַ בלאַנקע און שווערע, אַ סיבירער האַק. דאַכט זיך אים, אַז דער פאַרגליווערטער זקן אין ווערמעס שטאַם ער האָט זיך אָנגעלענט רעדט צו אים תחנונימדיק:

— נעם צו די האַק, טייערינקער. האַק זי נישט אַריין אין מיין געביין.

איך קאָן נאָך בליען אַ סך יאָרן און מענטשן זאָלן קומען אויסרוען אין שאָטן פון מיינע צווייגן. איך קאָן נאָך געבן אַזוי פיל צעדערניס צו שטילן דיין הונגער.

מאירן האָט וויטיקלעך אַ קלעם געטאָן דאָס האַרץ. פּלוצעם האָט זיך אים געדאַכט, אַז נישט דעם בוים הערט ער, נאָר רייזעלעס קול און קינדערש געלעכטער, און די קינדער דרייען זיך אַרום אים: „כאַפּ אונדז, טאַטע כאַפּ אונדז!“ וואָס איז דאָס מיט מיר? — האָט ער זיך געפרעגט. — האַלוצי־נאַציעס? ער פאַרלירט די שליטה איבער זיך? ער ווערט פאַרפראָרן?..

פון ערגעץ איז אָנגעשווימען אַ וואָלקנדל. אומגעריכט — אַ וואָלקנדל. דער פראָסט האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט. אָבער ד'ער מאַנגאַל דזשאַרבייעוו איז געוואָרן אומרויק. ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן און געזאָגט:

— מיר געפעלט נישט דאָס וואָלקנדל.

— וואָס איז דען, דזשאַרבייעוו?

— דאָס שמעקט מיט אַ פּורגאַ, חברה.

— גיי שוין גיי, בעבע גישט.

— איך האָב נישט קיין טעות, חברה. עס קומט אַ פּורגאַ. מען דאַרף עוקר זיין פון דאַנען און וואָס שנעלער.

— גאַרישקייטן, — האָט געזאָגט דער בריגאַדיר. — מען דאַרף אַרבעטן.

דער עלטסטער פון די קאָנוואָירן איז אין כעס געוואָרן אויף דעם מאַנגאַל פאַר זיינע פינצטערע פּירזאָגענישן.

פונעם כמאַרעלע איז געוואָרן אַ בליי־שווערער וואָלקן. דער וואָלקן האָט זיך אַרויפגעלייגט אויף דער זון. די פירפּיסיקע שומרים אויף די רימענטעס זענען געוואָרן אומרויק און אויפגעהויבן אַ יאָמערלעך געביל. דעם וואַלד האָט פּלוצעם אַרומגענומען אַ פינצטערניש ווי אין אַ ליקוי־חמה. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שנייפאַל. די קאָנוואָירן האָבן נישט געקאָנט באַרויקן די הינט, וואָס האָבן זיך געריסן פון די רימענטעס ווי זיי וואָלטן געוואָרנט פאַר דער זיך דערנענטערנדיקער צרה. דער שניי האָט געשאָטן פון נידעריק־געוואָרענעם הימל, געשאָטן מיט גאַנצע פלאַכטעס אויף די ביימער, אויף די פלייצעס פון די וואַלדהעקערס, אויף דער וועלט.

ווען די דערשראָקענע קאָנוואָירן האָבן גענומען שרייען: „שנעלער, צונויפנעמען זיך און שפּאַנען — ווי אַ קויל פון ביקס!“ — איז שוין געווען שפּעט. די פּורגאַ האָט זיך צעשפּילט מיטן גאַנצן כוח. אַן אמתע וואַקכאַ־נאַליע, אַן איבערקערעניש! תהו ובהו. שאָטנס האָבן זיך געשלעפּט פאַלנדיק אין טיפן שניי, באַגעגנט זיך, זיך פונאַנדערגעגאַנגען. שאָטנס מיט אַרויס־געשטאַרטשטע גלעזערנע אויגן, וואָס קוקן און זעען גאָרנישט. די שאָטנס האָבן געאָטעמט שווער, פאַרסאָפּעט געכאַפּט די לופט מיט גרויסע מיילער,

ווי פיש. אַ קאָנוואָיִר האָט געמאַכט סימנים מיט די הענט, געשריִען, נאָר זיין קול האָט מען נישט געהערט. אַרום איז געווען אַ געפייף פונעם ווינט, אַ געהויל פון די הינט, אַ געשריי פון באַגלייטערס. זיי האָבן מורא געהאַט צו פאַרלירן מענטשן. די צייט האָט זיך אָפּגעשטעלט. ס׳איז נאַכט? ס׳איז טאָג? אַרום — אַ פינצטערניש. אַ געדריי און געשווינדל פון שיטנדיקן שניי, אַ געווירבל און ער, מאיר, איז מיד, טויט מיד. דער קאָפּ דרייט זיך. פאַר וואָס גייט מען אַזוי לאַנג? אַכט קילאָמעטערס סך־הכל. פאַר וואָס זעט מען נאָך נישט די זאָנע? פאַר וואָס זעט מען נישט דעם פּלויט, דעם פאַרשאָלטענעם פּלויט, וועלכן זיי האָבן איצט געזוכט ווי אַ רעטונג? וועט מען זיך דערשלעפּן אַהיים,אין לאַגער אַריין? ער האָט אַ מאָל געזען אַ קריכנדיקע טשערעפּאַכע. זי האָט געוואָלט אַרויפקריכן אויף אַ בערגעלע. געקראָכן, געקראָכן, אַראָפּגעגליטשט זיך, און באַלד אָנגעהויבן איר באַמיִונג באַנייס. מיט עקשנות געדראַפּעט זיך, מיט אַלע כוחות און ווידער זיך אַראָפּגעקוילערט. אַ וואָגן איז פאַרבייגעפאָרן און זי צעקוועטשט. וואָס איז דער טשערעפּאַכע אַזוי געגאַנגען אין לעבן אַרויפצופויזען אויף דעם בערגעלע? אַ מאָדנע דערמאָנונג. האָט ער געזען צווישן דער טשערעפּאַכע און זיך עפּעס אַ שייכות? אפשר. ער גייט און גייט. מאיר, אַרויסשלעפּנדיק קוים די פיס פונעם שניי, גליטשט זיך אויס פאַלט, הייבט זיך אויף, פאַלט ווידער. און אין קאָפּ איז אַ מישמאַש, אַ געווירבל, ווי אַצינד אין דער נאַטור.

— געגאַנגען! — שרייען די באַגלייטערס.

שאָטנס, שאָטנס. זיי גייען נישט. זיי קריכן. זיי רוקן זיך. זיי שלייכן. דער באַגלייטער קוקט אויף דער צעוואָרפענער מחנה לעבעדיקע שאָטנס ווי אויף זיינע בלוטיקע שונאים. יעדערער פון זיי איז אַ שונא — אויף טויט.

אין דער היים וואַרט אויף אים אַ צעשמייכלטע פרוי, בענקנדיקע קינדער, אַ פריילעך אָנגעהייצטער אויוון און אַ היימלעך אויפגערוימט צימער... דאַרף ער זיך שלעפּן מיט אָט די קאָנטריקעס, די שונאים פון פאָלק אין אָט דעם אומקומעניש טאָג־טעגלעך אַהין און צוריק? טאָג־טעגלעך! די שאָטנס שאָקלען זיך, פאַלן פונעם שוואַכסטן ווינטל־בלאָז און ער גייט זיי נאָך און זיין האַרץ ווייגט פון פאַרדראָס און פאַרביטערונג. אויף וועמען? לאָזט געמאַך! ס׳איז נישט קלאָר אויף וועמען? ער איז איצטער אין דער זעלבער סכנה ווי זיי. דער באַצווינגער און זיינע קרבנות. כאָטש צי זיך אויס אין שניי און ווער אַ שאָטן, ווי זיי אַלע און גיי אויס. צוליב וואָס? פאַר וואָס? ווער דאַרף זיינעם און זייער טויט? דאָס פאָ— טער־לאַנד! כאַ—כאַ—כאַ! לאַכט דער מטורפער ווינט מיט אַ רוצחישן

סוויסטש. לייג זיך, גיי אויס. נאָר דער וואָלפּסהונט, צוגעבונדן צו זיין גאַרטל, שלעפּט אים פאָרויס, פאָרויס! ער רייסט זיך ווי משוגע, שלעפּט אים פאַרסאָפּעט, מיט אַן אַרויסגעשטרעקטער צונג. דאָרט וואַרטן אויף אים אַ געשמאַק שטיק פלייש און מאַרכביינער און אַ היימישע וואַרעמקייט. שלעפּט ער. לאָזט ער דעם בעל־הבית זיינעם נישט איינדרימלען, נישט פאַלן, נישט בלייבן אַרונטער. ער איז זיין באַפעל־געבער. ער צווינגט אים געהאָרכיק זיין, דער הונט. ער וועט געפינען דעם וועג. ער וועט אַרויספירן פון דער צרה.

הו! הו!

דער ווינט האָט געדרייט און זיי געשאָקלט אָט רעכטס, אָט לינקס, אָט געטאָפּטשעט אויף אַן אָרט, סוויסטשענדיק אַריינגעטאָפּטשעט די שאָטנס אין די שנייהויפנס און גריבער. מאיר, וואָס איז געווען פון די שטאַרקערע, איז שוין אויך געגאַנגען ווי אין טראַנס. אַ קאָשמאַרע וועלט פון האַלוצינאַציעס. דער מילכוועג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו אים און ער שלאָנדערט אין אים. ס'איז נישטאָ קיין אויבן, נישטאָ קיין אונטן. ס'איז דאָ גאַרנישט. און ער, מאיר, פּלאָנטערט צווישן גאַרנישט און גאָרגישט. וואָס הייסט, צווישן גאָרנישט און גאָרנישט? טראַכט ער נאָך לאָגיש, מאיר? צי איז שוין אויך ביי אים אין מוח אַ תהו־ובהו?

פּלוצעם — אַ בהלה. די שאָטנס האָבן זיך צוגויפגעשטופּט אין איין הויפן ווי די לעמער. משה קליינער איז געלעגן אין שניי מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ און געכריפּעט. די ליפּן אָפן ווי ער וואָלט אַריינגעאָטעמט דאָס לעצטע ביסל לופט.

— פּאַרטיק! האָט עמעצער געזאָגט. — ער איז שוין אַן אויסגעלייזטער.

— באַפרייט, באַגנעדיקט פונעם אייבערשטן...

די „זעקן" האָבן אָנגעהאַקט צווייגן פאַר אַ טראַגבעטל אָדער אַ שליטל און אַזוי זאָל מען אים שלעפּן. ער איז דאָך איינער פון זיי. ווי אַזוי שלעפּט מען אים, אַז די פיס טראָגן זיך קוים.

— סיגנאַליזירט, אַז מיר זענען אין אַ צרה. גיט עטלעכע טרעוואָגע־זאַלפּן אין דער לופט, — האָט מאיר געעצהט די קאַנוואָירן. — דער לאַגער איז דאָך ערגעץ נאָענט. מען וועט דערהערן.

— דער ווינט וועט פאַרטויבן די זאַלפּן.

— דער ווינט קאָן אויך דערטראָגן די סיגנאַלן.

אַ קורצע צייט נאָך דעם האָבן פון דערווייטנס אַ שימער געטאָן צוויי אומגעהייערע אויגן. צוויי שטראָמען־שטראַלן האָבן זיך אָנגעצילט אויף זיי דורך דעם געדיכטן שניישלייער, וואָס האָט געפּלאָטערט און פאַרבלענדט.

אַ טראַקטאָר האָט געפייפט לאַנג און צעצויגן — אַ סימן, אַז ער האָט

זיי דערזען און גייט צו זיי. ער האָט זיך פּאַמעלעך דערגעגענטערט. נאָכן טראַקטאָר האָט זיך געשלעפּט אַן אומגעהייער גרויסער שליטן. מ׳האָט אַראָפּגעשאַרט פון אים דעם שניי און די אַרעסטאַנטן וואָס האָבן שוין קיין כוח נישט געהאַט צו גיין, האָט מען איינציקווייז אַריבערגעטראָגן אויפן שליטן און אויסגעלייגט מיטן פנים אַראָפּ איינעם לעבן אַנדערן, צוזאַמען מיטן טויטן.

די זאַנע איז געווען נאָענט און זיי האָבן זיך געדרייט ווי אין אַ בלענ־דעניש. אַ מעכטיקער פּראַשזעקטאָר האָט זיי געוווּנקען פונעם לאַגער, אַז אויך דער טראַקטאָר זאָל דאָס מאָל נישט פאַרפירט ווערן פון דעם ניט־גוטן.

דער טראַקטאָר איז אַריינגעפאָרן אין זאַנע מיט דער פּאַרפראָרענער מענטשן־לאַסט. „זעקן״ זענען געקומען צו לויפן און אַריינגעטראָגן די האַלב־טויטע אין די אָנגעהייצטע באַראַקעס. דער לעקפּאָם איז געווען ווי צעמישט, ער האָט נישט געוווּסט וואָס ער האָט צו טאָן מיט די דערפראָרענע. ער האָט באַפוילן, מען זאָל זיי אויסטאָן, מען זאָל אים העלפן זיי מאַסאַזשירן. ער האָט זיי געטאָרעט, געפּאַטשט אין די באַקן, געמונטערט זיי. און זיי — אומבאַוועגלעך, ווי די קלעצער וואָס זיי האָבן אָנגעהאַקט אין וואַלד. מ׳האָט זיי איינגעריבן מיט שניי, ביז איינציקווייז האָבן זיי גענומען עפענען די אויגן, עפענען און ווידער פאַרמאַכן, און אַלע זענען אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן און שווערן שלאָף.

די געראַטעוועטע זענען אָפּגעשלאָפן צוויי מעת־לעת. דער דאָקטער וואָס איז געקומען פון שפּיטאָל ערשט דעם קומענדיקן טאָג, האָט געזאָגט דעם נאַטשאַלניק אַז אַרויסטרייבן מענטשן אין אַזאַ וועטער איז אַ רציחה. דער נאַטשאַלניק איז געווען פאַרזאָרגט. נאָך דער מעדיצינישער קאָמיסיע וועט קומען אַ יורידישע, ס׳וועט זיך אָנהייבן אַ גענויע אויספאָרשונג.

אַוודאי האָט זיך געקאָנט ענדיקן נאָך טראַגישער. אָבער ס׳איז געווען גענוג טרויעריק, וואָס אַ טייל פון די געליטענע וועט שוין בלייבן מיט אָפּגעפראָרענע גלידער. ס׳איז דעם נאַטשאַלניק געוואָרן פריילעכער אויף דער נשמה, ווען ער האָט דערזען אַז זיי עפענען די אויגן. ער האָט גערעדט צו זיי זיסלעך, גאַרנישט מיט זיין קול. זיי צוגעזאָגט אַן אורלויב און אַ גרעסערע שפּייזנאָרמע.

ברוך האָט זיך געראַסטיעט אויף דער נאַרע (ווען האָט ער נאָך געהאַט אַזאַ גאָלדענע געלעגנהייט?) און זיך צוגעהערט צום שדים־טאַנץ אין דרויסן. שווערער פון אַלעמען איז געקומען צו זיך דער פּראָסקוראָווער רב. „רבי״ האָבן אים גערופן די נישט־יידן ווען זיי האָבן געוווּסט אַז ער איז זייער פרום,

און ער האָט זיך באַמיט אָפּצוהיטן דינים און מצוות אויך אין דער שטייג פון רישעות.

דער רבי האָט פאַרענדיקט אַ ישיבה, געהאַט סמיכות אויף רבנות, אָבער אָפּגעגעבן האָט ער זיך מיט מאַטעמאַטיק. אין זיין איינשטעלן זיך פאַר זיין אמונה איז טאַקע געווען פון טיפער גלייביקייט, אָבער אויך פון אַ פאַרביסענעם צו להכעיס, מיט וועלכן ער האָט געוואָלט דעמאָנסטרירן זיין רעכט און זיין ווערדע. זיין קאַמף מיט דער אַדמיניסטראַציע איז געווען אַ לאַנגער, פאַרביסענער. נישט איין מאָל איז ער געזעסן אין קאַרצער, אָבער סוף־כל־סוף געצוווּנגען דעם לאַגער־רעזשימניק נאָכצוגעבן אים אין געוויסע זאַכן.

ער איז געווען אַן איידעלער מענטש, אַ וווּקסיקער, און אַ בלאָנד בערדל האָט אַרומגעצוימט זיין בלייך און איידל פנים. זיינע טיפע, ברוינע אויגן זענען געווען אָנגעזאַפּט מיט צער. מיט אַלע שטריכן איז ער ענלעך געווען צום נוצרי, אַזוי ווי מיר זעען אים אויף די בילדער, און אַזוי האָבן געמיינט די גויים.

— צום נוצרי? — האָט מאיר איבערגעפרעגט ווען עמעצער האָט אים דאָס באַמערקט. — וואָס איז דער חידוש? אייער יעזוס איז דאָך זיין עלטערער ברודער. יענעם האָבן געקרייצט די רוימער, און דעם...

דעם האָט אין לאַגער קיינער נישט געפּרוּווט צו באַעוולען, צי לייגן, חלילה, אַ האַנט אויף אים. ס׳האָט פון אים אַרויסגעשטראַלט אַזאַ אינערלעכע שיין, וואָס האָט געצוווּנגען אויך די אויסוואָרפן וואָס רעכענען זיך נישט מיט קיינעם, צו באַציִען זיך צו אים מיט אָפּשיי. האָט עמעצער אַ מאָל אַ זאָג געטאָן „זשיד", פלעגט ער אויפהייבן אויף אים די גרויסע, טונקעלע אויגן, פולע מיט צער, אַז יענער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און פלעגט אַוועקגיין אַ פאַרשעמטער און אַ שולדיקער.

דער „רבי" איז געווען אינטעליגענט, גערעדט אַ פּליסיקן רוסיש אָן דעם אַקצענט און אָן דעם יידישן ניגונדל ביים ריידן. ער האָט אָבער מער געשוויגן, אַ פאַרטיפטער אין זיינע מחשבות. פלעגט אָפּדאַווענען פאַר טאָג ביז נאָכטמאָל. שבת איז געווען שבת. דער קאַרצער האָט אים נישט איינגעבראָכן און אַפילו די פייניקער האָבן זיך דורכגענומען מיט דרך־ארץ צו אים פאַר זיין עקשנות.

צווישן אים און מאירן איז געווען אַ קעגנזייטיקע סימפּאַטיע. זיי האָבן געשמועסט זעלטן, נאָר האָבן זיי יאָ זיך צעשמועסט, איז עס געווען אַ מין קעגנזייטיקער אויסשפּיר איינער אין צווייטנס געדאַנקען־גאַנג און פאַראיינטערעסירונגען. מאיר האָט אים געשעצט פאַר זיין יידישקייט, נישט זייענדיק אַליין קיין ירא־שמים. זיין יידישקייט איז געווען די יידישע געשיכטע, די

יידישע קולטור־טראַדיציע, די יידישע ליטעראַטור. דאָס האָט אים געבונדן צום פאָלק וואָס ער האָט ליב געהאַט. זיי האָבן נישט דיסקוטירט, זיך נישט געאַמפּערט. נישט באַקעמפט איינער דעם צווייטנס אַני־מאמין. דער עיקר אין יעדן אַני־מאַמין איז דאָס, וואָס מאַכט דעם מאמין פאַר אַ מענטש.

מאיר איז געלעגן אויף זיין נאַרע און זיך צוגעקוקט צו די מענטשן, וואָס שלייכן זיך אַרום אין באַראַק, מידע, בלייכע, ווי פאַרוויאַנעטע שאָטנס פון אַ לאַנג זיך אויסגעלאָשענעם חלום. איצטער זענען זיי דאָ. פריִער זענען זיי געווען דאָרט, פון יענער זייט פאַרקן, אין אַנדערע שטעט, אויף אַנדערע גאַסן, געטראָגן אַנדערע מלבושים, אַנדערע מינעס געהאַט אויף זייערע פּנימער און אַ שענערן מעמד צווישן מענטשן. נאָר די שרעק, די שרעק איז געווען די זעלבע. און אפשר אַ טיפערע, ווייל דאָרט איז געווען די שרעק פון וואַרטן אויף דעם שרעקלעכן, דאָ איז יענע שרעק שוין פאַרביי. דאָ האָט זי אַן אַנדער אינהאַלט, אַן אַנדער פאַרב. אַלץ איז שוין קלאָר. „אַלץ איינס — אַזוי האָט געזאָגט דער תליון, גענעראַל פּעטרענקאָ, אַלץ איינס וועט איר אַלע פּגרן ווי די הינט, מיט אייער הינטישן טויט אויסקויפן די פאַרברעכנס קעגן דעם סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד"...

צו וואָס האָט אים, וועמענס נאָמען מען טאָר נישט אויסריידן, געפעלט אַזוי פיל קינסטלעך געשאַפענע שונאים, צו וואָס?

גאַנצע נעכט זיצט ער אין זיין גרויסן צימער אָט דער, וואָס מען טאָר זיין נאָמען נישט אויסריידן, און אַרבעט... ער קאָמפּילירט ביים שרייבטיש אַ נייע תורה פון פרעמדע געדאַנקען. וועגן וואָס? נישט ווידער צו דער־ווייזן, אַז יידן זענען נישט קיין פאָלק און דעריבער... יאָ דעריבער מעג מען זיך באַגיין מיט זיי אַזוי, ווי מען באַגייט זיך. ער זיצט און מיט אים איז בלויז איין עדות — זיין שאָטן. מיט אים קאָן ער שמועסן אויג אויף אויג. אַזוי שמועסט ער מיט קיינעם נישט. זיין שאָטן רעגט אים נישט אויף. דערווידערט אים נישט אין קיין זאַך. ער שווייגט, דער שאָטן, ער האָט נישט קיין געדאַנקען. ער איז שוין אַלט, דער גאון, ער איז שוין קראַנק. דער זכרון זיינער פאַרהאַקט זיך שוין צו מאָל. נאָר ער וועט זיך נישט געטרויען קיין דאָקטער. זיי זענען אַלע שונאים. אַלע זוכן זיי זיין סוף. ער איז אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל מענטשן, וואָס קריכן אויף אַלע פיר פאַר אים, נאָר קיין אמתן פריינד האָט ער נישט. רעדט ער זיך אויס דאָס האַרץ פאַר זיין שאָטן. דערציילט אים וועגן די כלומרשטע פריינד, וואָס ראַיען אַרום אים און ווילן אים אומברענגען. אָבער ער איז פלינקער פון זיי. ער איז אַ מבין אויף דער קונץ פון אינטריגעס. רייניקט ער אָפּ אַרום זיך אי די אינטריגע־שפּינערס, אי זייערע קרבנות. ער הייבט זיך אויף, הייבט זיך אויף אויך זיין שאָטן און וואַקסט, וואַקסט דערלאַנגענדיק

מיטן קאָפּ די הויכע געשניצטע סטעליע. דו, דו, זאָגט ער אים ביסט דאָך גרעסער פון מיר, און איך — ווער בין איך, אַ שאָטן בלויז פון דיר?

— פו, האָט מאיר אַ מאַך געטאָן, כאַפּנדיק זיך אַז זיינע מחשבות האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט און אים אַריינגעצויגן אין עפּעס אַ משונהדיק־איראַציאָנעלן געוועב...

פלוצעם האָט ער דערהערט ברוכס קול. ס'איז געווען הויך און פון עפּעס עקזאַלטירט. ער האָט זיך אַריינגעריסן אין באַראַק ווי אַ שטורעם:

— מענטשן, מזל־טוב!

אין באַראַק איז געוואָרן שטיל. אַלע האָבן געוואַרט צו הערן, וואָס אַזוינס ברוך האָט אָנצוזאָגן.

— טאַנצט, ליבע מענטשן, איך הייס טאַנצן! דער נס אויף וועלכן מיר האָבן געוואַרט אַזוי לאַנג, דער נס איז געשען!

— רעד לאַגיש, ברוך, וואָס איז געשען?

— מענטשן גוטע; דער טאַטע האָט אויסגעצויגן די קאָפּעטעס. דאָס גרויסע לאַנד איז געבליבן אָן אַ טאַטן, פאַריתומט געוואָרן!..

דער גאַנצער באַראַק איז אַנטשוויגן געוואָרן. ס'איז נישט געווען קיין אויסבראָך פון פרייד און קיין געוויין אַוודאי נישט. מ'האָט נישט געוווסט ווי צו רעאַגירן אויף דער בשורה.

— אָקערשט האָב איך מיט מיינע, אָט אָ די צוויי אויערן געהערט אין שכנישן באַראַק. פון ראַדיאָ געהערט די אָפיציעלע ידיעה. ער איז געפּגרט. טאַנצט זשע, זאָג איך!

— טאַנץ נאָך נישט, ברוך. סע זאָל דיר חלילה, נישט אויספאַלן באָקעם. די געצנדינער לעבן נאָך און זיי קאָנען זיך נוקם זיין. לאָמיר וואַרטן אויף אַן אָפיציעלער מעלדונג.

— וואָס רעדסטו, מאיר? „טאַסס" איז ביי דיר נישט אָפיציעל? עפּנט דעם „טעלער"!

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט דער ראַדיאָ־הילכער ווידער איבער־געגעבן די ידיעה: „דאָס גאַנצע לאַנד איז דערשיטערט געוואָרן. מאָסקווע איז פאַרזונקען אין טרויער". לוויהדיק האָט געקלונגען דאָס קול פונעם דיקטאָר. פון יענער זייט לאַגערפּלויט אויף דער קליינער סטאַנציע האָבן ווייבער געיאָמערט.

אין דרויסן האָט אַלעמען באַהערשט אַ פּחד ווי ערב אַ וועלט־אונטער־גאַנג. געטער שטאַרבן אויך, הייסט עס... קיינער פון די בעלי־בתים האָבן זיך נישט דערוועגט אַריינצוקומען אין זאָנע, ווו ס'איז געשען אַן עקספּלאָזיע פון פרייד. אַרעסטאַנטן האָבן זיך געקושט, זיך אַרומגענומען. אין זייערע אויסגעלאָשענע, צו אַלץ גלייכגילטיקע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן פייערלעך

פון האָפּענונג. אין טויט פון „טאַטן" האָבן זיי געזען דעם אָנהייב פון דער גאולה.

— הייסט עס, ס'איז אמת? — איז צוגעקומען דער „רבי" צו מאירן.

— אמת ויציב. איר האָט דאָך געהערט... קאָן נאָך זיין עפּעס זיכערער און אמתדיקער ווי אַ מעלדונג פון „טאַסס" *)? איצט מוז קומען אַן ענ־דערונג.

— איר זענט זיכער, מאיר?

— די נאָכפאָלגער וועלן מוזן לויזער מאַכן די שרויפן!

— אויף לאַנג?

— איך ווייס נישט אויף לאַנג צי אויף קורץ, נאָר אין איין זאַך בין איך זיכער, אַזוי ווי ס'איז געווען, וועט שוין נישט זיין.

— פון אייער מויל און אין גאָטס אויערן!

ברוך איז ווידער געקומען מיט אַ נייעס.

— דער „אָפּער" שלאָגט זיך קאָפּ אין וואַנט. בוכשטעבלעך. די היצעלס קלאָגן. זיי האָבן מורא פאַר אַ גרויסער אַמנעסטיע. זיי האָבן מורא פאַר אַ באַפעל פונאַנדערלאָזן די לאַגערן. זיי וועלן דאָך בלייבן אָן פּרנסה, נעבעך.

— מען מאַכט שוין אַמנעסטיעס. נישטאָ ווער ס'זאָל לאַכן...

— מען צעלאָזט שוין די לאַגערן...

— סע זענען נאָך דאָ יורשים, טייערינקע, געראָטענע אין טאַטן.

— וואָס וואַראָזשעט איר דאָ אַלע?

— דער אינדערפרי איז קליגער פון דער נאַכט. מאָרגן וועלן מיר זען.

— וואָס שווייגט איר? — האָט מאיר געפרעגט דעם רב.

— איך טראַכט, — האָט ער געענטפערט כמעט שעפּטשענדיק, — צי וועט טאַקע זיין אַזוי, ווי איר ווילט עס זאָל זיין? מען וועט אַ דריי טאָן די ראָד אויף צוריק. זיי וועלן גרייט זיין צו פאַרריכטן די עוולות קעגן אונדז און ס'וועט נאָך זיין וואָס צו פאַרריכטן?

מ'האָט אים געהאַט צוגענומען פונעם עמוד אין דער נאַכט פון יום־כּפּור, פאַר כל־נדרי. צוגענומען אים, דעם צווייטן אַכציק יאָריקן גבאי און דעם שמש, שוין אויך אַ נאָענטן צו די שמונים. די מתפּללים האָט מען צעטריבן, די ליכט אויסגעלאָשן. אויף דער שול האָט מען אויפגע־האַנגען אַ שלאָס. קיין ריכטער, קיין פּראָקוראָר האָבן זיי פאַר די אויגן נישט געזען. דעם פּסק־דין האָט מען אַרויסגעטראָגן „אונטער די אויגן", אַן אינו־נראה־געריכט. ווהין מ'האָט אַהינגעטאָן יענע צוויי פּושעים איז

*) סאָוועטישע נייעס־אַגענטור.

אים נישט באַוווסט. אין איין זאַך איז ער געווען זיכער: צו קבר־ישראל וועט מען זיי דאָ נישט ברענגען. אויף דער יידישער גאַס האָט געוויוועט ווילקיר, אַ כוליגאַנישע כנופיה מיט פּאַרטיי־ביכלעך וואָס האָט געטייטשט די באַפעלן פון אויבן ווי איר האָט זיך געוואָלט. דער „רבי" איז אַ פּראָס־קוראָוועך. און פּראָסקוראָוו געדענקט...

— געדענקען דאַרף מען, מיין ליבער. אָן דעם פּאָלקס־זכרון פּאַרלירט אונדזער יוגנט דאָס נאַציאָנאַלע פּנים. מען דערציט זיי פּאַר רוסן, מע דיסקרימינירט זיי ווי יידן. דער עלטערער דור גייט אַוועק און דער יינגע־רער דור, אָפּגעהאַקט פונעם שורש, וועט נישט האָבן וואָס צו דערמאָנען. די געמישטע חתונות האָבן דערגרייכט צו אַ קאַטאַסטראָפאַלער צאָל. גלייבט איר יאָ, אַז אַלץ וועט ווידער זיין ווי געווען? מען וועט אַלע דיסקרימי־נירטע צוריקשטעלן אין זייערע רעכט? די יידישע שולן וועלן געעפנט ווערן און די שולדיקע אין די פאַרקריפּלונגען וועלן באַשטראָפט ווערן?

— יאָ, איך גלייב.

— אַז וויל איז דעם גלייביקן...

אין יענע טעג פון פרייד וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די לאַגערניקעס, באַקומט מאיר אַ בריוו מיטן שטעמפּל פון קאַמסאַמאָלסק. ס'האָט אין זיין האַרץ אַ זעץ געטאָן ווי אין אַ פויק. דער אַדרעס אויפן קאָנווערט, געשריבן נישט פון אַסיעס האַנט. ער האָט באַטראַכט דעם קאָנווערט פון אַלע זייטן און מורא געהאַט אים אויפצומאַכן.

געשריבן דעם בריוו האָט אַ קראַנקן־שוועסטער פונעם שפּיטאָל לויט אַסיעס בקשה און דערציילט, אַז אַסיע איז אין גאָר גרויסע ליידן געשטאָרבן פון אַן אַפּענדיציט־אָפּעראַציע. אַ סך גרעסער זענען געווען אירע מאָראַלישע יסורים צוליבן פאַרלירן דעם קאָנטאַקט מיטן פאָטער פון איר קינד. לאַנגע חדשים האָט זי נישט געקראָגן קיין ענטפער אויף אירע פּילצאָליקע בריוו. און דאָך האָט זי געלעבט מיטן בטחון, אַז ער איז געזונט, לעבט און זיי וועלן אין גיכן זיך טרעפן. אַזעלכע שאַנסן זענען דאָך געוואָרן נאָכן טויט פון...

אַסיע האָט דערצויגן איר יינגעלע אין צוגעבונדנקייט צום טאַטן, — האָט געשריבן די קראַנקן־שוועסטער. איר מיידעלע איז שוין אַ סטודענטקע, זי איז אויפגעוואַקסן ביי אַ שוועסטער פונעם ערשטן מאַן. און דאָס יינגעלע — אַ שטיק צייט האָט ער זיך געפונען ביי איר, דער קראַנקן־שוועסטער. אַצינד געפינט ער זיך אין אַ קינדערהיים. זי שיקט אים איר אייגענעם אַדרעס און דעם אַדרעס פונעם קינדערהיים.

דאָס ייִנגעלע איז דאָרט רעגיסטרירט לויטן געבורט־שיין: נאָום שליאַ־כאָוואַי.

נאָום. נחום. אַזוי האָט געהייסן מאירס פֿאָטער.

די שטאָלצע, די מערקווירדיקע אַסיע. זי האָט נישט מורא געהאַט צו געבן אים דעם נאָמען פֿון אַן אַרעסטאַנט, כאָטש זי איז געווען גענוג קלוג צו פֿאַרשטיין, אַז נישט ווייניק אומאָנגענעמלעכקייטן קאָן אים נאָך ברענגען דער דאָזיקער נאָמען. האָט זי ריכטיק געטאָן? איז דאָס געקומען פֿון אידעאַליסטישער תמימות אָדער פֿון מענטשלעכער ווערדע מיט וואָס די טאָכטער פֿון אַ געוועזענעם ייִדישן לערער האָט זיך אויסגעצייכנט?

— אַסיע, אַסיע, האָט מאיר געמורמלט אין זיך. ער האָט געפֿילט אַז אין איינעם מיט איר טויט איז עפּעס אָפּגעשטאָרבן אויך אין זיין נשמה. וויפֿל נאָענטע מענטשן האָט ער פֿאַרלאָרן אין זיין לעבן, אָבער קיין מאָל האָט ער נישט געהאַט דאָס געפֿיל ווי איצט, אַז עפּעס איז אין אים אַליין געוואָרן ווייניקער.

גאָט מיינער, האָט ער זיך געזאָגט, צי דען זענען שוין פֿאַרביי צען יאָר פֿון יענעם גרויסן גליק וואָס איז אים צוגעשיקט געוואָרן, כדי צו מילדערן זיין גיהנום? צען יאָר איז זי געווען געבונדן צו אים דורך אָט דעם ייִנגעלע, די פּרוכט פֿון זייער גרויסער ליבע, וואָס אים איז באַשערט געווען אין דעם שלאָנגען־גרוב... וואָס זשע וועט זיין מיטן ייִנגעלע? וואָס פֿאַר אַ מענטש קאָן אַרויסקומען פֿון אים אין דאָזיקן אָנ־שטאָלט צווישן הפקר־קינדער, פֿאַרוואָרלאָזטע יתומים, ממזרים, באַליי־דיקטע פֿון גורל? ווי קאָן ער ראַטעווען זיין קינד?

איין עצה איז געווען: רייזעלע! טאָ ווי אַזוי איז מען זיך מתוודה פֿאַר איר? ער האָט שוין געפּרוווט דאָס טאָן אָבער נעמענדיק די פּעדער אין האַנט, האָט אַ וואָרט מיט אַ וואָרט זיך נישט געבונדן. ער איז געווען איבערצייגט, אַז רייזעלע וועט דאָס געשעענע פֿאַרשטיין און מוחל זיין. יאָרן זענען געגאַנגען און דער סוד איז אָבער געבליבן באַגראָבן אין זיין ברוסט.

איצט ווען דאָס קינד איז געבליבן אַליין, צעשיידט אַפֿילו פֿון זיין שוועסטערל, וואָס האָט געהאַט מער מזל פֿון אים, איצט מוז ער, מאיר, זיין אַנטשלאָסענער. ער מוז געפֿינען דאָס וואָרט, וואָס זאָל רייזעלען נישט וויי טאָן און זי זאָל דאָס געשעענע אויפֿנעמען מיט מער פֿאַרשטאַנד, ווי ער האָט אויפֿגענומען דאָס וואָס זי האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז געווען אַן אומגליקלעכער אַקצידענט אין איר לעבן.

מאיר איז געווען נערוועז און זיינע פֿריינד האָבן נישט געוווּסט, ווי אַזוי אים צו צעשטרייען, מאַכן פֿאַרגעסן זיינע צרות. נאָר וואָס אויפֿ־

מערקזאַמער זיי זענען געווען צו אים, אַלץ מער האָט עס אים אויפגע־בראַכט. ער האָט זיין שטעטל געקאָנט אַליין באַשטיין.

האָבן זיי אים געלאָזט צו רו. און בלויז מיט זאָרג זיך צוגעקוקט פון דער זייט, ער זאָל נישט דערפילן אַז זיי שפּירן אים נאָך. מאירן האָבן זיינע חברים ליב געהאַט און געוווּסט, אַז מען דאַרף אים העלפן געפינען אַן עצה, ווי צו ראַטעווען דאָס קינד. מען דאַרף אים אויך איבערצייגן אין דער נייטיקייט צו שרייבן אַ „זשאַלאָבע" — אַן אַפּעלאַציע צום העכסטן סאָוועט אָדער צום הויפּט־פּראָקוראָר, צי גאָר אויפן נאָמען פון איינעם פון די שררות, מען זאָל איבערקוקן זיין אורטייל. בערג מיט אַזעלכע מעלדונגען פון די לאַגערניקעס זענען אַוועקגעגאַנגען אין אַלע ריכטונגען. איז נאָך געבליבן עמעצער אַחוץ מאירן, וואָס האָט דאָס נישט געטאָן?

אַלע טאָג האָבן זיך באַפרייט מענטשן. לויט וועלכן קריטעריום? צי גילט ביים איבערקוקן די דאָקומענטן אַ ביוראָקראַטישע גלייכגילטיקייט אָדער גאָר הפקרות, ווי קודם? צי איז פאַראַן עפּעס אַ סדר אָדער מען כאַפּט אַרויס די באַשולדיקונגס־טעקעס, וואָס ליגן נענטער צו דער האַנט? צי איז דאָס אויך אַ לאָטעריע־שפּיל, אַ זאַך פון מזל?

מאיר האָט נישט געגלייבט אין אַ גינציקער לייזונג פון זיין ווענדונג. אָבער קיינער האָט דאָך נישט געטאָרט מוותּר זיין אויף צו פאָדערן גע־רעכטיקייט. מען דאַרף שרייען, אַנדערש וועט מען דאָך נישט וויסן פון זיין וויטיק. און מאיר האָט אַלץ געפרעגט: צו וואָס? ער האָט נישט געגלייבט, אַז מע קען אים מוחל זיין זיין חטא. שרייבן? עס וועט דאָך זיין אַ ברכה־לבטלה. ער האָט דאָך אַ קאָנקרעטע פאַרברעך אויף זיין געוויסן, טאָ מיט וואָס פאַר אַ פּנים קאָן ער בעטן רעהאַביליטאַציע? שרייבן, לעבן מיט אילוזיעס פון באַפרייונג, וואָס קאָנען נישט ווערן קיין ממשות. ער איז אַ רעאַליסט, מאיר, און געקוקט דעם אמת אין פּנים אַריין. יאָ, אוודאי, אין דער זעלבער צייט האָט ער געזען, ווי עס באַפרייען זיך מענטשן, וואָס זענען געווען חיה־רעות — געוועזענע משרתים ביי די נאַציס, אַלערליי אוקראַיִנישע אויסוווּרפן, לעטן, ליטווינער, און ווער נישט? אַזעלכע וואָס האָבן געדינט דעם דייטשישן אחיתופל בלב ונפש. אויב אַזוי, פאַר וואָס קאָן דאָס מאָל נישט צושפּילן אויך אים?

אָט האָט מען וויקטאָרן מיט ברוכן אַרויסגערופן מיט די בעבעכעס. פריי געלאָזט! זייער פרייד איז געווען גרויס אָבער די געזעגענונג מיט מאירן איז געווען אַן עלעגישע. מאיר האָט זיך געפרייט פאַר זיינע חברים און זיי האָט זיך געדאַכט, אַז זיין פרייד איז בלויז אַן אָנשטעל, ווייל ערגעץ טיף אין האַרץ מוז דאָך קאָראַבען אַ ווערעמל פון קינאה.

מאיר האָט זיי באַגלייט ביזן טויער. זיי האָבן זיך אַרומגענומען, זיך געזעגנט און שוין פון הינטערן טויער אויסגעשריִען:

— האַלט זיך, מאיר, למען־השם!

אין לאַגער איז וואָס פון טאָג געוואָרן שיטערער, גראָמער. באַראַקעס האָבן זיך אין גאַנצן אויסגעליידיקט. וועט מען זיי לאָזן שטיין אַזוי — לזכר? און ער, מאיר — צווישן די געבליבענע מרה־שחורהדיקע מענטשן, צו וועמען דער חסד־עליון האָט זיך פאַרזאַמט. אַזוי אָדער אַנדערש, אויב מען וועט אים נישט רעהאַביליטירן, איז אים שוין נישט געבליבן קיין סך ביזן סוף פונעם טערמין צו זיין פאַרשפאַרט אין לאַגער.

דערפאַר טאַקע, ווייל אים איז שוין געבליבן ווייניק ביזן סוף, האָט ער די לעצטע חדשים גענאָסן פון די זכויות פון אַ האַלב־פרייען מענטש. ער האָט געמעגט אַרויסגיין פונעם לאַגער־פונקט אָן אַ וואַך־באַגלייטונג. דער רעזשים איז בכלל געוואָרן אַ סך לויזער, און די נייע אַדמיניסטראַציע און די וואַכלייט האָבן נישט געטאָרט פאַרגעסן, אַז דער גרעסטער טייל פון די פאַרשפאַרטע מענטשן זענען אומשולדיק־שולדיקע, וואָס וועלן מאָרגן, איבערמאָרגן זיין פולבאַרעכטיקטע בירגער. די נאַטשאַלניקעס פלעגן זיך אַ מאָל כלומרשט פאַרגעסן און אַפילו זיי אָנגערופן „טאָוואַרישטשעס”, און אַ סך פון די „טאָוואַרישטשעס” האָבן שוין נאָכן פורים־נס מיט סטאַלינס פּאַפּלעקציע געוואָרט אַ פּאָר יאָר, ביז די גערעכטיקייט האָט אויך צו זיי אַ שמייכל געטאָן מיט איר חסד.

וואָס מער ס׳האָט זיך דערנעענטערט דער טאָג אויך פון מאירס באַפרייונג, האָבן אַלע זיינע מחשבות זיך צונויפגעגאָסן אין איין נאָגנדיקן געדאַנק: וואָס וועט זיין, אַז ער וועט שוין אַרויסגיין אויף דער פריי? צי איז ער נאָך דער זעלבער מענטש, וואָס געווען, מיט יענע מעלות און איינגנשאַפטן, פאַר וועלכע רייזעלע האָט אים ליב געהאַט און איז געשעצט געווען אין דער געזעלשאַפט? אים איז אַלץ געקראָכן אין קאָפּ די געשיכטע מיט יענעם יונגערמאַן, צו וועמען נאָך זיין באַפרייונג איז אין זיין פאַרשיקונגס־אָרט אַראָפּגעקומען זיין פרוי מיט אַן אוטנערגעוואַקסענעם קינד, וואָס האָט אים לחלוטין נישט געקענט. דאָס איז געווען אַ זייער אינטעליגענטע פרוי, וואָס האָט צען יאָר אין גרויסער געטריישאַפט געוואָרט אויף זיין אומקער, אונטערהאַלטנדיק אים מאָראַליש מיט בריוו און מיט שפּייז־פּעקלעך. זיין גליק זיך ווידער צו טרעפן מיט איר און מיטן קינד, ווי ער האָט געשריבן זיינע געבליבענע פריינד אין לאַגער, איז געווען נישט צו באַשרייבן. ס׳איז געווען די גרויסע באַלוינונג פאַר זיין צעניאָריקער פּיין.

גייען נישט איבער אַ דריי פיר חדשים און די פרוי האָט אים פאַרלאָזט. זיי האָבן ביידע זיך אַזוי פאַרענדערט פאַר די יאָרן אין די מידות און באַנעמונג, אַז צוליב די נאַרישסטע קלייניקייטן פלעגן זיך צעפלאַקערן צווישן זיי צאַנקערייען, מחלוקתן. ס'האָט זיך געשאַפן אַ קעגנזייטיק אָפּ־צוימען זיך, אַן אָפּפרעמדונג, וואָס ביידע האָבן נישט געקוקט אויפן גוטן ווילן, נישט געקאָנט בייקומען.

קאָן זיך נישט טרעפן, האָט מאיר זיך געפרעגט, דאָס זעלבע אויך צווישן אים און רייזלען? און די קינדער? ווען זיי אים אויפנעמען ווי אַן אייגענעם, וועלן זיי נישט קוקן אויף אים ווי אויף אַ שונא? זיי זענען דאָך דערצויגן אין דער סאָוועטישער שול, טאָג נאָך טאָג האָט מען אַריינ־געטריפט אין זייערע נשמהלעך אַ געשפענסטיקן ליגן. ער איז אויך נישט געווען זיכער, מאיר, אַז ער וועט נאָך קענען זאָרגן פאַרן גליק פון דער משפחה. ער האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט אַז ער וועט נאָך קענען מאַכן אַ לעבן פון זיין פעדער. ווער ווייסט, צי אונטערן אָנשאָט פון אַזויפיל ביטערע נסיונות טוקט זיך נאָך אין זיין נשמה אַ פונק פון יענעם פייער, וואָס מ'האָט אָפּגעשאָצט ווי טאַלאַנט? און צי וועט ער מסוגל זיין צו אַר־בעטן מיט דער פעדער נאָך די אַלע ביטערע נסיונות און קענען שרייבן אַזוי, אַז זיין שרייבעכץ זאָל „עובר לסוחר" זיין. ס'הייסט, צי וועט עס נושא חן זיין ביי די ממונהס איבער ליטעראַרישער יצירה?

אין די אָוונטן, אומקערנדיק זיך פון דער אַרבעט, פלעגט ער נישט קאָנען אָפּשלאָגן פון זיך די צוגעגעסענע מחשבות, וואָס פלעגן אים באַ־פאַלן ווי די גיפטיקע מאָסקיטלעך וואָס עסן זיך איין אין דער הויט.

פראַגעס, פראַגעס... קיין באַשייד אויף זיי האָט ער נישט געהאָט. צו מאָל פלעגט ער זיך אַליין אַ שטורכע טאָן, ווי ער וואָלט זיך מאַכן אַליין אַן איינשפּריץ פון מונטערקייט: „פאַרליר נישט דעם קאָפּ, שוטה איינער. טרייב פון זיך די מרה שחורה, ביסט נאָך גענוג קרעפטיק און מסוגל אָנצוהייבן אַלץ פונעם אָנהייב און פאַרגיטיקן דיין משפחה פאַר די יאָרן פון פיין און לייד.

אין דער זעלבער צייט האָט רייזעלע זיך נישט געחקרנט, וואָס סע וועט זיין ווען מאיר וועט זיך אומקערן. זי האָט אַלץ געטאָן מיט דער איבערגעגעבנקייט פון אַ ליבנדיקער פרוי. זי האָט זיך געווענדט צום העכסטן סאָוועט, צום הויפּט־פּראָקוראָר פון דער מדינה. פון דאָ און פון דאָרט האָט זי באַקומען אָפּיציעלע, סטאַנדאַרטע ענטפערס, אַז איר בקשה וועט באַטראַכט ווערן און דעם רעזולטאַט וועט מען איר צו וויסן טאָן.

רייזעלע האָט געשריבן מאירן וועגן די קינדער. סימעלע, די עלטערע, איז שוין אַ סטודענטין. האָט אויסגעקליבן דעם ליטעראַריש־פילאָלאָגישן

פֿאַקולטעט. זי האָט באַשלאָסן צו גיין אין די וועגן פֿון טאַטן. זי האָט דאָך געירשנט זיין „אָפֿענעם קאָפּ" און זיינע פֿעיִקייטן. אין אַ צענטראַלן זשורנאַל זענען געווען אָפּגעדרוקט אירע אַ פּאָר לידער, און זוכה געווען צו אַ וואַרעמען דערמוטיקונגס־בריוו פֿונעם רעדאַקטאָר. זי שיקט אים נישט די לידער, מחמת זי האָפֿט אַז ער וועט אין גיכן זיך באַקענען מיט זיי שוין אין דער היים. אין גיכן! מענטשן קערן זיך דאָך אום פֿון די פֿאַרשיקונגען טאָג־אין־טאָג. זי גייט אָפּט אויף דער סטאַנציע זען, ווי עס קומען פֿאָר די באַגעגענישן פֿון משפּחות נאָך יאָרן פֿון געצוווּנגענער צעשיידונג, און איר האַרץ קלאַפּט מיט פֿרייד פֿאַר די משפּחות און איז איינצייטיק פֿול מיט אַ גוטער קינאה.

נאָר פֿאַר וואָס האָט זי נישט געשריבן וועגן דעם, אַז וויקטאָר און ברוך האָבן אין וועג אַהיים פֿון לאַגער, פֿאַרקערעוועט צו איר, איבערגעגעבן אַ גרוס פֿון איר מאַן, געטרייסט זי, אַז ער איז געזונט, באַליבט ביי יעדערן און שטאַרקן מיט האָפֿענונג זי און די קינדער, אַז אויך פֿאַר אים וועט קומען די גאולה.

די צוויי טייערע חברה האָבן אים באַלד אָנגעשריבן וועגן זייער באַזוך ביי רייזלען. אָבער זי דערמאָנט נישט וועגן דעם, פֿאַר וואָס? קיין רמז איז אויך נישטאָ אין איר בריוו וועגן אַסיען, אין וואָס ער האָט זיך סוף־כל־סוף מתוודה געווען. צי האָט זי דעם בריוו נישט דערהאַלטן? אויב יאָ, ווי אַזוי האָט זי דאָס אויפֿגענומען? מיט כּעס? פֿאַראורטיילנדיק? מיט פֿאַרשטיין און מיטגעפֿיל און מיט אַ ברכה פֿאַר יענער פֿרוי, וואָס איז גרייט געווען אַ סך מקריב צו זיין, כּדי צו העלפֿן אים?

קיין תשובות האָט ער נישט געהאַט אויף דעם.

אַ דריי קילאָמעטערס פֿונעם לאַגער האָט גערוישט די אַרבעט אויף דער בויונג פֿון דער אייזנבאַן און ביי דער גרויסער בריק, וואָס מען האָט אַריבערגעוואָרפֿן איבערן טייך. מ'האָט געוווּסט, אַז די דאָזיקע בריק איז פֿון גרויסן באַטייט, אָבער... דער פּראָיעקט וועט שוין נישט רעאַליזירט ווערן צו דער באַשטימטער צייט צוליבן פֿעלן פֿון אַרבעט־כּוחות. די זעקאָס גייען אַלע טאָג אַרויס אויף דער פֿריי פּעקלעכווייז.

אין שטאַב פֿון דער דאָזיקער בויונג האָט מאיר געאַרבעט אין דער בוכהאַלטעריע. אַלע אינגעניערן פֿלעגט ער אָוועקגיין צום שטאַב, וואָס איז פֿול געווען מיט יונגע אינזשעניערן, טעכניקער, צייכענער. דאָ האָבן זיך אויך געפֿונען די בוכהאַלטעריע־ביוראָען. אַלע — „פֿרייע" מענטשן, האָבן זיי צו מאירן זיך באַצויגן מיט דרך־ארץ לגבי זיין אינטעליגענץ און מיטגעפֿיל. זיי האָבן דאָך געוווּסט, אַז אין משך פֿון יאָרן זענען פֿאָרגעקומען

ווילקירלעכע פאַרקריפּלונגען פון דער געזעצגעבונג. אָפט איז ער דאָ פון אייגענע, דאָ פון אַ צווייטן פאַרבעטן געוואָרן אין זייערע היימען, כאָטש אַ טייל פון זיי זענען געווען פאַרטיי־לייט אָדער מיטגלידער פונעם קאָמיוג. זיי האָבן געוואָלט ער זאָל פאַרשטיין, אַז אַלע יאָרן האָבן זיי געטראָגן אַ שווער געפיל אין די געמיטער.

אין אָוונט פלעגט ער מיטן שטויביקן שליאַך זיך אומקערן אין לאַגער אַריין, צוהערנדיק זיך צו דער פייגל־סימפאָניע, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער טייגע. עד, דאָס געפיל פון פריי זיין, פון גיין נישט אומקוקנדיק זיך צי ס'באַגלייט דיך נישט אַ בלאָנד, געקלייענט שייגעצל מיטן אויטאָמאָט און קאָן אויס פאַרביטערונג אָדער באַזעסן פון אַ משוגעת, דורכשטעפּן דייך געביין מיט אַ שניר'ל פייערדיק בליי.

מאיר גייט פאַרביי די דאָרפישע הייזלעך, ווו ס'וווינען די „פרייע" און עס טוט אויף אים אַ ווייע מיט משפחה, מיט היימישקייט און אַ קלאַמער נעמט אַרום זיין געמיט.

צוריק מיט אַ יאָר פלעגט ער גיין אַהער מיט אַ בריגאַדע, באַגלייט פון קאָנוואָיִרן. די „זעקן" פלעגן דאָ דורכפירן פאַרשיידענע רעמאָנטן, אָנזעגן האָלץ אויף ווינטער. עמעצער פון די ווייבער פלעגט זיי אָנקאָרמען מיט קאַרטאָפל־זופּ (ברויט האָבן זיי אַליין געהאַט קנאַפּ) נאָר למען־השם, דער קאָנוואָי זאָל נישט זען און זייערע מענער דאַרפן אויך נישט וויסן... די פרויען האָבן דערלויבט זייערע קינדער אַרויפצוקריכן אויף די קני פון די פרעמדע פעטערלעך, וואָס האָבן געגלעט זייערע קעפּלעך און ביי וועמען ס'האָבן דערמאָנענדיק זיך די אייגענע קינדער, די אויגן זיך אָנגעגאָסן מיט טרערן.

איצט גייט מאיר פאַרביי די שטיבלעך כמעט אַ פרייער, אַליין, אָן אַ באַגלייטער. ער רייסט אָפּ אַ פעלדבלימל, אַ ראָמאַשקע און דריקט עס צו צו דער נאָז. דאָס בלימל דערמאָנט די היימישע באַסאַראַבער פעלדער און היגלען פון אַרום זיין היימשטאָט, וווּהין ער פלעגט אַרויסגיין אויף שפּאַצירן מיט זיין גרופּע פונעם „השומר הצעיר" אָדער אַנטלויפן אויף אַ גאַנצן טאָג מיט זיינע חברימלעך זוכן אַוואַנטורעס.

איז זיין לויפן איבערן דניעסטער אין לאַנד פון זיינע יונגע חלומות נישט געווען אַזאַ מין געיעג נאָך אַ נישט פאַרויסגעזעענער אַוואַנטורע?

אַוודאי, זיין שריט איז דעמאָלט געווען אַן איבערגעאיילטער, נישט־באַטראַכטער, לייכטזיניקער. אגב, ווער ווייסט וואָס מיט אים וואָלט געווען, ווען ער מאַכט נישט דעם דאָזיקן פאַטאַלן פעלער? מעגלעך, אַז ער וואָלט געטיילט דעם גורל פון אַלע יידן, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין די נעצן פון די נאַצישע משחיתים. אָדער, אפשר וואָלט ער נאָך פריִער זיך געווען

אַרויסגעריסן קיין ישראל, וווהין עס זענען אַוועק זיינע חברים פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. זיי זענען געווען מער גערעכט, ניכטערער פון אים, ווייטזיכטיקער? עד, פּרוכטלאָזע מחשבות, וואָס קריכן אַן אַ סוף אים אין קאָפּ!

נישט געאיילט, באַהערשט פון חשבון הנפש־געדאַנקען, איז ער פּאַוואָ־ליע צוגעקומען צום טויער פונעם לאַגער. אין דרויסן האָט אים באַגעגנט דער וואַכטיאַר:

— שליאַכאָוואָ, גיי אַריין און נעם אויף געסט. אין וואַכטע־שטיבל וואַרטן אויף דיר באַקאַנטע.

מאיר איז אַריינגעגאַנגען און געבליבן שטיין אַ פאַרשטיינערטער:

— רייזעלע!!!

זי איז אים אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז. אַרומגענומענע זענען ביידע געשטאַנען זייער לאַנג און נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. געשטאַנען, איינהאַלטנדיק די שלוכצן, וואָס האָבן זיך געריסן פון זייערע ברוסטן. באַפרייענדיק זיך פון מאירס אָרעמס האָט רייזעלע ערשט גוט אים אָנ־געקוקט:

— וועדליק די צרות וואָס דו האָסט געהאַט אויף זיך, האָסטו זיך כמעט נישט געענדערט.

— אויך דו, רייזעלע, ביסט נאָך שענער געוואָרן, ווייבלעכער.

און געקומען בין איך, ווי דו זעסט, אין באַגלייטונג פון אָט דעם יונגן־מאַן. באַקען זיך. ס׳איז דיין זון...

זי האָט זיך געווענדט צום יינגעלע:

— גיי צו, נאָום, נעם אַרום דיין טאַטן...

מאיר האָט אַרומגענומען דאָס קינד און צוגעדריקט צום האַרץ.

מאיר האָט געשטוינט:

— ווי אַזוי קומסטו צו אים? פון וואַנען האָסטו געוווּסט? וויקטאָר און ברוך האָבן דיר דערציילט?

— אויך זיי. און דיין בריוו האָב איך אויך באַקומען. אַ בריוו האָב איך באַקומען אויך פון איר...

— פון אַסיען?

— אַ ווונדערלעכער בריוו. וועסט אים לייענען אין דער היים. געשריבן האָט זי אים נאָך דער אָפּעראַציע, ווען זי האָט שוין געפילט, אַז זי איז אַ פאַרמישפּטע. זי האָט לאַנג נישט געוווּסט פון דיר, צי דו לעבסט, צי ערגעץ אין גיהנום פאַרפאַלן געוואָרן? געטרויט זי מיר דיין קינד, איך זאָל אים זיין אַ מאַמע. כ׳האָב געוואָלט, מיין ליבער, אין איינעם מיט דער בשורה וועגן דיין באַפרייונג און פולער רעהאַביליטאַציע דיר ברענגען

אויך דיין זון, וואָס וועט איצט זיין אונדזער זון. דיינע פריינד האָבן מיר אויסגעמאָלט פינטקלעך, ווי אַזוי איך זאָל זיך דערקלייבן צו דער קראַנקן־שוועסטער, אַסיעס פריינדין, ביי וועמען אויך זיי זענען געווען. מיט איר איז זי אַוועק אין קינדערהיים און אַט...

זי, רייזל, האָט מיט אַ פּאָר וואָכן פריִער פאַר דער לאַגער־אַדמיניס־טראַציע באַקומען די ידיעה וועגן מאירס באַפרייונג און איצט, אין איר ביַיזיין איז מען אים געקומען מעלדן, אַז מאָרגן וועט ער קאָנען פאַרלאָזן דעם לאַגער.

מ׳האָט זיי ביידן אַריינגעבעטן אין גאַסטצימער פאַר קרובים, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן די לעצטע צייט. דאָ וועלן זיי איבערנעכטיקן, ווייל דאָס באַנדל וואָס וועט זיי ברענגען צו דער מאַגיסטראַלער סטאַנציע, גייט פאַרביי איין מאָל אין טאָג און היינט איז עס שוין אַוועק.

פון קיך האָט מען זיי אַריינגעבראַכט אַ טאַץ מיט עסן פאַר אַלע דריי: לכבוד מאירס געסט און לכבוד זיין באַפרייונג. דאָס יינגעלע, פאַרמאַטערט פון דער לאַנגער נסיעה, איז באַלד איינגעשלאָפן און זיי, מאיר און רייזל, זענען געזעסן, אַרומגענומענע און גערעדט, גערעדט. מ׳האָט געהאַט אַזוי פיל צו דערציילן איינער דעם אַנדערן. זיי האָבן נישט באַמערקט, ווי אין פענצטער האָבן געגומען טאַנצן די ערשטע זון־האָזעלעך.

— צי דען איז דאָס דער סוף פון אונדזערע ליידן? — האָט מאיר געזאָגט.

— אַ סוף, אַ סוף! מער וועלן זיי דיך שוין נישט אַרויסרייסן פון מיינע אָרעמס!

— די לעצטע אַנדערטהאַלבן יאָר זענען געווען די לענגסטע פון אַלע. און איצט דאַכט זיך מיר, אַז די געשעענישן זענען געווען ווי קינעטישע קאַדרען, וואָס האָבן זיך באַוועגט און געביטן מיט אַן אומגעהייערער שנעלקייט, וויקלענדיק זיך ביז צו אָט דעם ווונדערלעכן פינאַל.

— כ׳האָב אַ גאַנצע נאַכט אַזוי געבענקט נאָך דיר. דאָס איז דאָך געווען אַ שוידערלעכע לאַנגע נאַכט מיט וויסטע חלומות, אַ נאַכט וואָס האָט גע־דויערט כמעט פופצן יאָר... דאַנקען גאָט, די נאַכט האָט זיך געענדיקט.

— אַ גוט מאָרגן דיר, מיין טייערע...

וועגן מחבר

איציק קאַפּיטאַנאָוו איז געבאָרן דעם 7טן מיי 1911, אין קעשענעוו, באַסאַראַביע. ער איז געקומען פון די פאָלקס־טיפּעניש, אַ יגיע־כפּיימניק ווי זיין טאַטע דער באַנדער, וועמענס מלאכה ער האָט געירשנט און זי פרי אַוועקגעוואָרפן, אָפּגעבנדיק זיך דער ליטעראַטור.

זיינע ערשטע קינסטלערישע פאַרצייכענונגען, סקיצן, דערציילונגען, האָבן זיך באַוויזן אָנהייב דרייסיקער יאָרן, אין פאַרשיידענע יידישע צייטשריפטן וואָס זענען דערשינען אין רומעניע. אין זיי האָט דער יונגער שרייבער זיך באַמיט אָפּשפּיגלען דעם טיפּאַזש, דאָס לשון, דעם מיליע פון דער בעל־מלאָכישער הינטערגאַס, וווּ ער איז אויפגעוואַקסן; אין זיי האָט זיך אַנטפּלעקט דער טאַלאַנט פון אַ שילדערער מיט אַ מאָלערישער פּעדער פון אַ רעאַליסט, וואָס איז באַשאָנקען אויך מיט פאַנטאַזיע.

אין 1940, באַלד נאָך דעם ווי באַסאַראַביע איז געוואָרן סאָוועטיש, איז קאַפּיטאַנאָוו אַרעסטירט געוואָרן, באַשולדיקט אין ציוניסטיש־אַנטיסאָוועטישער טעטיקייט. צען יאָר איז ער אָפּגעקומען אין די ווייט־מזרחדיקע שטראָף־לאַגערן פון כאַבאַראָווסקער קאַנט. אַ פיזיש־צעבראָכענער איז ער באַפרייט געוואָרן אין 1950, אָן די רעכט זיך אומצוקערן אין זיין געבאָרן־שטאָט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ געראַנגל פאַר פרנסה און אַ פּלאַץ אין לעבן. דער גורל האָט אים אויף לאַנג אָראָפּגעשטופּט פון די שאַפונגס־רעלסן, אַרויסגעשלאָגן די פּען פון האַנט.

ערשט אין ישראל, וווּהין ער האָט זיך אַרויסגעריסן איינער פון די ערשטע אין 1967, האָט ער געפּרוּווט מיט אַלע כוחות אַרויפצודראַפּען זיך אויף דער שאַפונגס־סטעזשקע. אין „ישראל־שטימע", אין „ניי לעבן", אין „לעצטע נייעס" האָט ער אָנגעהויבן דרוקן מיניאַטורן, פאַרצייכענונגען, זכרונות. אין די נייע פּען־פּרוּוון האָט מען געזען, אַז דער שרייבער האָט אַ חוש פאַר סטיל, פאָרעם און קאָמפּאָזיציע.

די פיינפולע יאָרן האָבן היפּש צעטרייסלט זיין געזונט און ער האָט דאָ לאַנגע חדשים פאַרבראַכט אין די הייל־אַנשטאַלטן. אין 1978 איז ער אַוועק פון דער וועלט, איבערלאָזנדיק אַ פרוי מיט דריי טעכטער און דעם כתב־יד פון ראָמאַן „אין סיבירער פאַרשיקונג" וואָס פאַרמאָגט אויטאָביאָגראַפישע מאָמענטן. זיין פרוי און חברים האָבן געזאָרגט, אַז דער כתב־יד זאָל איינגעזאַמלט ווערן צווישן טאָוולען צו דער פערטער יאָרצייט פונעם שרייבער.